STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07592

DRAMEN

Jacob Singer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דראמען

פון
יעקב צינגער

יעקב זיננער

חיים סאלאמאן
און
מרימ׳ס חלום

צוויי דראַמעס

פון דעם יידישן לעבן

אין אַמעריקע

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

1954

CHAIM SALOMON

and

MIRIAM'S DREAM

TWO DRAMATIC PLAYS

By JACOB SINGER

איבערזעצן, איבערדרוקן (אַ חוץ פּאָר קריטיק און רעצענזיע)
אויפפירן טיילוויז, אָדער אינגאַנצן, איז ניט דערלויבט אָן דער
צושטימונג פון מחבר.

Copyright 1954
by JACOB SINGER
Los Angeles, California

הילע געצייכנט פון דעם אַרטיסט דוד גערשוני

PRINTED IN U.S.A.

Typestting and Make-up . . .
ECONOMY TYPESTTING CO.
244 Harlem Plare
Los Angeles, California
55

אינהאַלט פאַרצייכנט:

חיים סאלאמאָן:

אַ דראַמע אין צוויי אַקטן און אין אַכט סצענעס געבויט אויף היסטאָרישע פאַקטן פון יידישן לעבן אין אַמעריקע.

מרים'ס חלום:

אַ פּראָבלעם דראַמע פון איצטיקן יידישן לעבן אין אַמעריקע אין צוויי אַקטן און אין זעקס בילדער.

●

עס זיינען גרייט צום דרוק פון דעם מחבר:

דראַמען:

אויף פרעמדער ערד

אחספר און דער אַריער

די מוטער

בטחון

דער יידישער פּאָליציאַנט

ווען אַ חלום ווערט אַ ווירקלעכקייט

אַ ראָמאַן:

דער רענעגאַט.

אַ בוך שפּריכווערטער, חכמות, אידיאָמען.



יעקב זינגער

מיין האַרציקער פרוי, אליאַן,
ווידמע איך דאָס בוך אַלס מתנה.
זאָל איר גאָט אויך שענקען
אַ סך יאָרן, געזונט און נחמה.

עטלעכע ווערטער פון דעם מחבר

„חיים סאלאמאָן" איז די איינציקע דראַמע אויף דער טעמע. זי איז געבויט אויף די פאַקטישע פּאַסירונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן די יאָרן 1776־78. דאָס זיינען געווען די שווערסטע יאָרן אין די 13 קאָלאָניעס אין זייער רעוואָלוציע פאַר אומאָפּהענגיקייט פון ענג־לאַנד, פאַר אַ דעמאָקראַטישע, פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

די קליינע צאָל יידן וואָס האָבן דעמאָלט געוואוינט אין די קאָ־לאָניעס, האָבן, כמעט אַלע, גענומען אַ טיכטיקן אנטייל אַלס פּאַטריאָטן, סאָלדאַטן און ציווילע בירגער. לויט דער אלגעמיינער באַפעלקערונג, איז דער יידישער בייטראַג געווען אַ גאַנץ גרויסער. די יידישע יונגע־לייט האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אויף די פראָנטן. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע יידן וואָס זיינען געווען סימפּאַטיש צו דער ענגלישער הערשאַפט. זייער צאָל איז אָבער געווען אַ נישטיקע און זייער אַקטי־וויטעט, האָט קיין שום באַדייטונג ניט געהאַט. אין אלע אמעריקאנער ביבליאָטעקן זיינען פאַראַן ביכער וועגן דעם.

אין יאָר 1944 האָט מאָריס שווארץ געזאָלט שטעלן אין ניו־יאָרק „חיים סאלאמאָן". אראנזשירונגען זיינען געמאַכט געוואָרן און עס זיינען אפילו דערשינען אַרטיקלען אין די ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען וועגן מאָריס שווארצעס פּלענער. די דראַמע איז ניט געשטעלט געוואָרן.

דעם זעלבן מזל האָט אויך געהאַט די צווייטע דראַמע, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט אין דעם בוך, „מרים׳ס חלום".

צוליב (פּערזענלעכע) פינאַנציעלע סיבות און אויך צוליב דעם איצטיקן מצב פון דעם בעסערן יידישן טעאַטער אין אמעריקע, האָבן זיך די הענט ניט געלייגט צו פאַרעפנטלעכן אין בוך־פאָרעם, דראַמעס אויף יידישע טעמעס.

איצט אָבער, צו דער געלעגנהייט, וואָס די יידישע באַפעלקערונג אין אַמעריקע פייערט 300 יאָר יידיש לעבן אין די פאַראייניקטע

שטאַטן, האָבן חברים און פריינט מיך צוגערעדט אַז איך זאָל אַרויסגעבן, כאָטש איין בוך, פון אַלע מאַנוסקריפּטן וואָס ליגן בא מיר אין שופלאַד.

איך דאַנק אַלע מיינע פריינט, וועלכע איך האָב ברוך השם, אַ שפּאָר ביסל. עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ אויסצורעכענען אַלע זייערע נעמען. אָט די אַלע חברים דאַנק איך פאַר זייערע אָפּנהאַר־ציקע, דערמוטיקונגס רייד און אויך פאַר דעם, וואָס זיי האָבן מיט געטריישאַפט געהאָלפן פאַרשפּרייטן דעם בוך. דער עיקר: דאַנק איך דעם באַוואוסטן שריפטשטעלער, ש. מיללער; דעם גוט באקאנטן און באַליבטן דיכטער, ה. רויזענבלאַט; דעם דיכטער, עסייאיסט, מאַטעס דייטש; דעם כלל־טוער און שרייבער, י. פרידלאַנד; דעם מענעדזשער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, איזידאָר סטענזער — פאַר זייער חברשער און פריינטלעכער קאָאָפּעראַציע. אַ ספּעציעלן דאַנק דער לערערין, חנה מילנער, פאַר העלפן מיר, לייענען די קאָרעקטורן.

חיים סאלאמאן

קאָסטיומען.

די מענער טראָגן דריי עקיקע (המן טאשן) ברוינע אָדער שווארצע היטלעך. אייניקע טראָגן אויך האָלענדישע, ברייטע קאפעליושן אָדער צילינדערס פון יענער צייט. ווייס־געמאַרשטשעטע האַלדז טיכלעך הענגען ארויס אויף דער ברוסט. לאַנגע וועסטן מיט גאָלד אָדער זיל־בערנע קנעפלעך. גאָלדענע קיטל זיגערלעך. פראקן מיט ברייטע קעשענע־קליאפעס, ווייסע, אויסגעהאַפטענע שפּיצן הענגען ארויס פון די אַרבל. שמאָל געפּאַסטע הויזן, ביז די קני, פאַרבונדן מיט זיידענע שלייפלעך. ווייסע זאָקן און שיך, מיט זילבערנע באָקלס. די מיליטער לייט, טראָגן מערסטנס שטיוול. פיל פון זיי באַנוצן טאבאק פושקעס און ליולקעס. אייניקע גייען אויך מיט שטעקנס.

אייניקע יידן טראָגן קליידער פון דייטש, האָלענדעשן סטיל, פון יענער צייט: ברייטע, ווייסע קאָלנערס אויסגעלייגט איבער די רעק. שוואַרצע, ברייטע קאפעליושן. די אַמעריקאַנער קליידער זיינען אין ענגלישן סטיל פון יענער צייט: שארפע קאָלירן. די קאָנטראַסטן למשל, פון דעם ראָק און וועסט און הויזן, זיינען זייער שטאַרק.

גענעראל קלינטאָן טראָגט זיידענע זאָקן ביז די קני און ברוינע שיך מיט זילבערנע באָקלס. קורץ געפּאַסטע, פורפור הויזן מיט שליי־פעלעך לעבן די קני. אַ ווייס, געפאלדעטע העמד. אַ בלויע, לאַנגע וועסט מיט גאָלדענע קנעפּ. אַ געל, זיידענעם פראַק, אויסגעהאַפטן מיט גאָלד און זילבער. אויף די פעטלעך פון די קעשענעס איז אויסגעהאַפטן דער אות „ק״ וואָס דאַרף זיין דער ערשטער בוכשטאַב פון זיין נאָמען. אַ ווייסן פּארוק. אַ געהאַפטן נאָז טיכל. אַ קייט און זייגער אין דער וועסט. דאָס פּנים שטאַרק געפּודערט. זיינע מאַניערן זיינען אויסגע־צויגן און אריסטאָקראַטיש.

די בריטישע זעלנער טראָגן רויטע מונדירן מיט ווייסע פּאַסן אויף דער ברוסט און איבער דער פּלייצע. שטיוול און לאַנגע ביקסן, רויטע היטלעך מיט אַ שפּיץ אין מיטן, געפּוצט מיט געל און גאָלד באַ די זייטן. גאָלדענע קנעפּ אויף די מונדירן.

די אַמעריקאַנער גענעראַלן, אריינגערעכנט וואשינגטאָן טראָגן

קורצע שטיוול און געפאסטע הויזן ביז די קני. בלויע מונדירן גאָלדענע און זילבערנע קנעפּ. מעדאַלן און עפּאָלעטן. וואַשינגטאָן האָט שליפעס מיט טראָלדזן. אויף די דריי עקיקע היט זיינען דאָ קאָקאַרדעס בא דער רעכטער זייט. די היט זיינען אויך געפוצט מיט גאָלד באַ די ברעגן. שווערדן און רעוואָלווערן. וואַשינגטאָנס פּלאַשטש איז פון טונקל בלויען קאָליר. דער אונטערשלאַק איז פון רויטן קאָליר. די אָפּיצערן טראָגן אויך פּארוקן.

די אַמעריקאַנער זעלנער טראָגן פאַרשיידענע קליידער: ציווילע און מיליטערישע. די מערסטע טראָגן ציווילע. די זיינען זייער אָפּ־געריסן. אַנדערע טראָגן אַפילו אינדיאַנישע לעדער רעקלעך.

די פויערטעס טראָגן לאַנגע קליידער מיט ווייסע פאַרטעכער און קופקעס אויף די קעפּ אין פּיוריטאַנישן און האָלענדישן סטיל, פון יענער צייט.

די יידישע פרויען און ענגלישע דאַמען, טראָגן לאַנגע, געפּאַל־דעטע באַל־קליידער, מיט הויכע טאַליעס פון פאַרשיידענע שאַרפע קאָלירן. געפּודערטע האָר און לאַנגע לאָקן ארונטערגעהאַנגען בא דער זייט. אייניקע טראָגן ברייטע היט.

די קינדער טראָגן די זעלבע קליידער און די זעלבע מאָדעלן וואָס די דערוואַקסענע.

פערזאָנען:

חיים סאלאמאָן, אַ שיין געבויטעטער מאַן, פון אַ יאָר 34.
רחל, זיין ווייב, אַרום 26 יאָר אַלט.
משה פרענקס, רחל'ס פאָטער, אַ ייד פון אַ יאָר 50.
אריה ברזל, אַ ייד אַ פעדלער, אַרום 80 יאָר אַלט.
סעמיועל, זיין אייניקל, אַ קיילעכיקער יתום פון אַ יאָר 13.
חצקל, סאלאמאנס קוטשער. אַ שווערער ייד פון אַ יאָר 42.
רב צדוק. אַ ייד אַ מעקלער.
מיסטער ספירס, אַ מיטגליד פון די „סאנס אָוו ליבערטי".
מיסטער פיימאַן, נאָך אַ מיטגליד פון די „סאנס אָוו ליבערטי".
אַ בריטישער סארזשאנט.
צוויי בריטישע זעלנער.
צוויי בריטישע שפּיאָנען.
גענעראל קלינטאָן, פירער פון דער בריטישער ארמיי אין אַמעריקע.
מיסטער פאסטער, אַ פאַרמער. אין די יאָרן פון אריה ברזל.
מיסעס פאסטער, זיין ווייב.
מיסעס מעקאָרמיק, אַ פאַרמערקע.
מיסעס עווענס, אַ פאַרמערקע.
דזשודיט, אַן אַמעריקאנער מיידל פון אַ יאָר 15.
דזשאָרדזש וואשינגטאָן.
גענעראל לינקאָלן.
דזשאָזעף ריד, וואשינגטאָנס פריוואַט סעקרעטאַר.
קאָלאָנעל טילגהעם פון וואשינגטאָנס שטאַב.
קאָלאָנעל העמפּרייד פון וואשינגטאָנס שטאַב.
רב זעליג, אַן עלטערער ייד, דער שמש פון שול.
שמואל לייאָנס, אַ ייד וואָס האַלט מיט סאלאמאנען.
יצחק מנשה, אַ ייד אַן אַסימילאטאָר, האַלט מיט סאלאמאנען.
חזן, ניט לאַנג צוריק געקומען פון פּאָרטוגאַל.
רבי סייסעקס, דער רב פון דער פילאַדעלפיער געמיינדע.
מאיאָר בענדזשאמין נאָנעז, אַ יאָר 28. סאלאמאָנס אַ פריינט.
אַן אַמעריקאנער סארזשאנט אין וואַשינגטאָנס אָפיס, אויך דער קוריער.

יידן מתפללים, יידישע פרויען, דאַמען און הערן. אַמעריקאנער סאָלדאַטן. בריטישע סאָלדאַטן. פּויערים און פּויערטעס. אַ קאַטערינשטשיק, אַ שיכור און סתם מענטשן.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַמעריקע אין די שווערסטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע. נעמלעך, אין די 78־1776.

ערשטער אַקט

ערשטע סצענע

בא חיים סאלאמאן אין ביורא, אויף וואָל סטריט, ניו־יאָרק.

צווייטע סצענע

א ווינקל פון א גאַס אין ניו־יאָרק.

דריטע סצענע

בא דעם בריטישן גענעראַל קלינטאן אין ביורא, ניו־יאָרק.

פערטע סצענע

אין א טורמע צעל. שפּעט אין אָונט, אין זעלבן טאָג,
אין ניו־יאָרק.

צוויטער אַקט

ערשטע סצענע

אין מיטן וועג, ניט ווייט פון פילאדעלפיע

צווייטע סצענע

דזשאָרדזש וואשינגטאָנס קווארטיר אויפן פראָנט

דריטע סצענע

ערב יום־כיפור, בא חיים סאלאמאן אין עס־צימער.

פערטע סצענע

יום כיפור, פאַר כל־נדרי, אין א פילאַדעלפיער שול.

ערשטער אַקט

ערשטע סצענע

באַ חיים סאָלאָמאָן אין אָפיס, אויף וואָל סטריט אין ניו־יאָרק. אַ גרויסער צימער מיט מאַהאָגעני ווענט. אַרטיסטישע בילדער און אַ גרויסער וואַנט־זייגער הענגען אויף די ווענט. אַ גרויסע קאַנדע־לאַבריע הענגט אַרונטער פון סופיט. עטלעכע מאַהאָגעני שטולן און אַ גרויסער שרייב־טיש אויף וועלכן עס ליגן אָנגעלייגט צייטונגען, ביכער, פּאַפּירן, טינט און פּעדער, אַ לאָמפּ און נאָך אַנדערע שרייב געצייג. אויף ביידע זייטן פון קאַמין זיינען פאַראַן צוויי גרויסע פענצטער מיט פאָרהאַנגען און גאַרדינען. אויפן דיל ליגט אַ שיינער טעפּיך. צוויי טירן: איינע פירט אַריין אין אַ צווייטן צימער און די צווייטע, פירט אַריין פון גאַס. נעבן דער טיר פון דער גאַס שטייט אַ הענגער, אויפ־צוהענגען די קאַפּעליושן און מאַנטלען.

ווען דער פאָרהאַנג עפנט זיך, איז דער צימער ליידיק. עס איז אַלץ אָזייגער אין דער פרי. די זון שיינט אַריין דורך די פענצטער. באַלד הערט מען ווי חיים סאָלאָמאָן שליסט די טיר. ער גיט אַ קום אַריין און קוקט אויפן וואַנט־זייגער. ער טוט אויס די שוואַרצע פעלע־רינע און דעם הוט און הענגט זיי אויף אויפן הענגער. שטעלט אַוועק דעם שטעקן. ער איז אַ שיינער, הויכער מאַן מיט צוגעשוירענע באַקן־באָרדן. ער גייט צו צום שרייב־טיש און קוקט אַריין אין די פּאַפּירן. גייט איבערן צימער אביסל אומרואיק. מיטאַמאָל, גיט אַ קום אַריין אריה ברזל מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. ער בלייבט שטיין באַ דער טיר אַ ווײַלע. מען דערקענט אַז ער איז פאַרמאַטערט און פאַרשטויבט. ער קומט פון אַ ווייטן וועג צוגיין. ער נעמט אַרונטער דעם זאַק פון דער פּלייצע און זיפצט אָפּ. סאָלאָמאָן לויפט אים אַנטקעגן מיט אַ ברייטן שלום עליכם:

סאָלאָמאָן:

גוט מאָרגן רב אריה! וואָס פאַר אַ גוטע בשורות האָט איר גע־בראַכט?

אריה:

גוט מאָרגן, גוט יאָר. (נעמט אַרויס פון בוזעם קעשענע אַ בריוו און דערלאַנגט אים צו סאַלאַמאָנען. נעמט דעם זאַק צו זיך און זעצט זיך אוועק אויף אַ שטול בײַ דער זײַט. זיפצט און קרעכצט. קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן).

סאַלאַמאָן:

(כאַפּט דעם בריוו. רײַסט אויף שנעל אויף דעם קאָנווערט. גייט צום שרײַב־טיש און הייבט אָן לייענען פאַר זיך, שטילערהייט. זײַן פּנים שטראַלט פון פרייד. נאָכן לייענען ווענדט ער זיך צו אריהן). אָט אויף דעם בריוו האָב איך געוואַרט, ווי מען וואַרט אויף משיח׳ן. (לייגט אַרײַן דעם בריוו אין שופלאָד פון שרײַב־טיש און דערנעענטערט זיך צו אריה׳ן). אַזוי... אַזוי... איז וואוהין גייט איר איצט, רב אריה?

אריה:

קיין מערילאַנד, צו מײַן זון, חיים. שוין אַ שפּאָר ביסל יאָרן ניט געזען די קינדער... מײַן אייניקל (שמייכלט), איז שוין אוודאי אַ חתן־בחור . . .

סאַלאַמאָן:

(מיט פרייד) גאָט האָט אײַך, רב אריה, צוגעשיקט, ווי אַ מלאך פון הימל. ניט נאָר האָט איר מיר געבראַכט גוטע נײַעס, נאָר, איך דאַרף טאַקע איבערשיקן צו אייזיק מאַירן עטלעכע בריוו, ער זאָל זיי באַזאָרגן צו מײַנע טאַטע מאַמע אין פּוילן...

אריה:

צו אייזיק מאַירן אין באַלטימאָר? נו, גוט... איך גיי טאַקע אַהין . . .

סאַלאַמאָן:

(גיט אַ טיפן זיפץ. זעצט זיך לעבן דעם אַלטן אויף אַ שטול) נו, דערציילט עפּעס, רב אריה, וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער גרויסער וועלט? . . .

אריה:

(זיפצט) גאָטס וועגן זײַנען פאַרבאָרגן! נישט גוט! נישט גוט!...

סאַלאַמאַן:

וואָס דענקט איר, אונדזערע וועלן מנצח זײַן? . . . האָ? . . .

אריה:

(שאָקלט מיטן קאָפּ. מאַכט זיך גלייך די באָרד). מיט גאָטס הילף!

פּאלאמאָן:

(אַביסל אומרואיק, ווי צו זיך אַליין). אַ האַרטע נוס צו צעקייען! (גייט איבערן צימער. רעדט צו זיך אַליין). איינמאָל באַשלאָסן צו גיין, (צו אריה׳ן), דאַרף מען גיין גלייך, מוטיק, שטאָלץ און וואָס שנעלער!

אריה:

(רעדט אָפּגעהאַקטע ווערטער, ווי צו זיך אַליין. ער זעט ווי פּאלאמאָן איז אין אַ שלעכטער שטימונג און שפּאַנט איבערן צימער). ה׳ יצליח דרכך . . . וואָלטן כאָטש מיינע פיס געדינט . . . (צו פּאלאמאָנען) אונדזער גוף און נשמה ווערט תמיד געפּייניקט . . . (זיפצט). וועלן מיר כאָטש האָבן די זכיה צו זען דאָס נייע לעבן, ווי משה רבנו, דאָס נייע לאַנד? . . .

פּאלאמאָן:

(גיט זיך אַ שטעל אָפּ מיטן פּנים צום אַלטן, שמייכלט). מיר זיינען ניט אַזוי הייליק, רב אריה! .

אריה:

אָבער, עד מתי? . . . ווי לאַנג וועט עס נאָך נעמען? . . . עס איז דאָך אַ שרפה! . . .

פּאלאמאָן:

(רעדט שטאַרק מיט האַרץ). מיר דאַכט, אַז עס איז גוט אַזוי, וואָס עס ברענט! זאָל אויסברענען דאָס שלעכטע! אַ פאָלק קען אייביק אַזוי ניט לעבן! . . .

אריה:

יאָ, מיין זון, אַ פאָלק מוז בויען! בויען מוז אַ פאָלק, אויב עס וויל לעבן! . . .

פּאלאמאָן:

אַז מען לאָזט ניט, מען לאָזט ניט, רב אריה! . . .

אריה:

(שטעלט זיך אויף און גלייכט שווער אויס די פיס. צו זיך אליין). אימת מות פאַלט אויף מיר, אַז איך דערזע דאָס חיל מיט די רויטע מונדירן! . . . (גייט איבערן צימער און זיפצט). שערי שמים פתח . . . יאָ! . . .

סאלאמאָן:

(קוקט אויפן דיגער). **נו, רב אריה, מיר דאַרפן אַרבעטן! איר** ווילט דאָך אודאי זיך אויסרוען פון וועג. (פירט אים צו צום פענצטער און וויזט אַרויס). **גייט, זייט מוחל, אַריבער אין יענער אכסניה. איך וועל פאַר אַלץ באַצאָלן!**

אריה:

(נעמט דעם זאַק מיטן שטעקן און קלייבט זיך צום גיין). **יאָ, אַ דור הפלגה לעבן מיר איבער... אַ דור הפלגה!...**

סאלאמאָן:

(באַגלייט אים צו דער טיר). **איידער איר וועט אַוועקגיין, פאַר־געסט ניט אַריינצוקומען, רב אריה. וועל איך מיטגעבן די בריוו צו אייזיק מאיר'ן.** (הייבט אָן אַריינגיין אין צווייטן צימער. מיטאַמאָל גיט זיך אָן עפן די גאַס־טיר. ער בלייבט שטיין. עס קומט אַריין חצקל, זיין משרת).

חצקל:

(ביי דער טיר נאָך. מיטאַמאָל) **באַלעבאָס!** (בלייבט אין אַ פאַר־לעגענהייט) **באַלעבאָס לעבן,** (גייט צו נעענטער, קראַצט זיך אין קאָפּ). **איר זענט דאָך באַקאַנט דאָרט.** (וויזט מיט דער האַנט אין דער הויך), **זעט אַז זיי זאָלן מיך צונעמען פאַר אַ זעלנער!...**

סאלאמאָן:

(שמייכלט און דרייט זיך אויס). **וואָס איז אייך פּלוצים איינגע־פאַלן?**

חצקל:

(ווערט אַביסל מער מונטער. דערנעענטערט זיך צו סאלאמאָנען, וואָס האַלט די קליאַמקע פון דער טיר אַריינצוגיין). **איר פאַרשטייט? איך קען ניט זיצן אַזוי אַ** (מאַכט מיט די הענט און מיט גרימאַסן אויפן פּנים), **אַזוי צוזען ווי די זעלנער, וואָס זיינען אויסגעפּוצט אין עסיק און** האָניק ווי די פּאַניענקעס און באַלעבאַטעווען דאָ... (מאַכט אַ פויסט). **איך וואָלט זיי געוויזן!...**

סאלאמאָן:

(שמייכלט און לייגט אַרויף די האַנט אויף חצקל'ס אַקסל). **צו־ריקגעשמועסט, איז דער געדאַנק גאַרניט אַזאַ שלעכטער. עס איז בעסער צו טראָגן אַ ביקס אין דער אַמעריקאַנער פרייהייטס אַרמיי, ווי אַ געלע לאַטע אין דייטשלאַנד. נאָר ניט איצט, חצקל. ניט איצט! אַן**

אַנדערש מאָל וועלן מיר ריידן וועגן דעם. (גייט אַריין אין צווייטן צימער).

חצקל:

(בלייבט שטיין אַ דערשלאָגענער. צו זיך אַליין). **ניט איצט... ניט איצט...** (קראַצט זיך אין קאָפּ. דרייט זיך אוים. דערזעט ווי אריה דערנעענטערט זיך צו דער טיר, גיט ער זיך אַ ווענד צו אים). **איי, איי, רב אריה, אַז ס'איז ניטאָ קיין מזל, דאַרף מען ניט קיין יאָרן!...**

אריה:

(לאָזט אַראָפּ דעם זאַק לעבן די פיס און בלייבט שטיין אין מיטן צימער). **וואָס איז!...**

חצקל:

(רעדט שווער). **איך בעט מיך בא זיי** (וויזט אויף דער טיר), **נעמט מיך צו... ווי בא גזלנים בעט איך מיך!... און זיי!** (בלאָזט זיך אָן) **צו שווער בין איך! איר הערט, רב אריה, אין דער היים, ווען עס איז געווען אַ פייער אין שטאָט, אַז איך האָב זיך געגעבן אַ טו אָן מיין מע־שענע קאסקע מיט דעם פּאַס און דאָס העקל אויף דער זייט. בין מיר געזעסן אויפן פערד** (גיט זיך אַ גלייך אוים און גלייכט אויך אוים די ברייטע באָרד), **האָב איך דאָך אויסגעזען ווי אַ פּאָלקאָווניק!** (מיט מער באַגייסטערונג). **ווי אַן אמת'ער פּאָלקאָווניק האָב איך אויסגעזען! איר זאָלט געווען זען ווי איך האָב אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו עוזר וואַסערפירער וואָס איז געזעסן אויפן פעסל וואַסער און געוואַרט אויף מיין אוקאַז! פּאַשאָל, האָב איך אַ געשריי געטאָן!... איר קענט פרעגן דעם באַ־לעבאָס!...**

אריה:

(שמייכלט אין די וואָנסעס אריין, חצקל זאָל ניט זען). **וואָס, איר קענט מיסטער סאלאמאָנען פון דער היים?**

חצקל:

(מיט גאווה). **וואָס, איר ווייסט גאָרנישט? אַ שיינע מעשה! מיר זיינען דאָך צוזאמען אויפגעכאָוועט געוואָרן!**

אריה:

איר זייט אייגענע? קרובים?...

חצקל:

(מיט נאָך מוט). **צי מיר זיינען אייגענע, פרעגט איר? אַ שיינע מעשה! מיין טאַטע האָט דאָך צו זיי געטראָגן וואַסער! איר הערט, זיין מוטער פלעגט בא קיינעם ניט וועלן קויפן קיין היגער, נאָר בא מיין מאַמען, זאָל רוען אין ליכטיקן גן עדן... איצט פאַרשטייט איר**

שוין!!... (גיט אַ כאַפּ סאַלאַמאַנס שטעקן וואָס שטייט בא דער טיר, **לייגט** אים אַרויף אויפן אַקסל ווי אַ ביקס). **זעט איר שוין ווער איך** בין? גיט אַ קוק ווי איך וואָלט מאַרשירט (הייבט אָן גיין איבערן צימער ווי אַ סאַלדאַט מיט שרעקלעך, אומגעלומפּערטע, שווערע טריט). **שאַ־גאָם... מאַרש!... ראַז, דוואַ, טרי!... לעוואַ...** (ער מאַרשירט הין און צוריק וואָס אַמאָל מיט מער עקסטאַז. שטאַרקער און שטאַרקער)

אריה:

(שטייט בא דער טיר. קראַצט זיך אין קאָפּ. הייבט די פּלייצעס. שמייכלט און גייט שטילערהייט ארויס פון דער ביוראָ).

חצקל מאַרשירט אַלץ. סאַלאַמאַן קומט אריין מיט געוויסע ביכער אונטער דעם אָרעם. ער דערזעט ווי חצקל מאַרשירט אַזוי, בלייבט ער שטיין פאַרגאַפט און לאַכט זיך פאַנאַנדער. חצקל באַמערקט דאָס ניט. ער מושטירט זיך ווייטער. גיט זיך מיטאַמאָל אַ צילעווע מיט דעם שטעקן סאַלאַמאַנען אין פּנים אריין. סאַלאַמאַן דרייט אַוועק דעם קאָפּ. ווי חצקל דערזעט דאָס, בלייבט ער שטיין אַ פאַרשעמטער. טראָגט דעם שטעקן צוריק צו דער טיר און מורמלט עפּעס אונטער די וואָנ־סעס צו זיך אַליין.

חצקל:

נאָ, יאָאָאָ . . .

סאַלאַמאַן:

(נאָך אַלץ שמייכלענדיק. דערלאַנגט חצקלען דאָס בוך און דער־נעענטערט זיך צום שרייב־טיש). **דעם בוך וועל איך וועלן, אַז איר זאָלט אוועקטראָגן צו מיסטער בליקער . . .**

חצקל:

(אַביסל בייז). **ניט איצט, איצט האָב איך קיין צייט ניט. מען דאַרף אָנפּאַקן די פערד פריער. דאָס איז בילכער.** (אָפּ דורך דער גאַס־טיר).

סאַלאַמאַן, נאָך אַלץ שמייכלענדיק, לייגט אַוועק דעם בוך אויפן שרייבטיש און זעצט זיך אַוועק. נעמט אַרויס דעם בריוו וואָס אריה האָט געבראַכט און לייענט אים שטילערהייט. זיין פּנים בייט זיך, ער זעט אויס אַביסל פאַרזאָרגט. עס גיט אַ קום אריין מיט אַ געבייזער, זיין שוועער, משה פרענקס. סאַלאַמאַן גיט אַ קוק אויף אים און לייענט ווייטער דעם בריוו. משה פרענקס, נאָך זייענדיק בא דער טיר, שרייט אויס מיט כעס:

פרענקס:

וואָס קומט פאַר צווישן אייך ביידן ?! דערנעענטערט זיך). וואָס וויינט זי שוין ווידער ?!

סאלאמאָן:

(ענטפערט ניט. ער איז פאַרטיפט אין לייענען).

פרענקס:

(קומט צו נעענטער צום טיש). ווי עס זעט אויס, האָט זיך צווישן דיר און רחל'ען אוועקגעשטעלט אַ פאַרשלאָסענע טיר און איינער קען צום אַנדערן ניט צוקומען!

סאלאמאָן:

(לייגט צוריק אוועק דעם בריוו אין שופלאַד און קוקט אויף די פּאַפּירן אויפן טיש). איך טראַכט אויך אַזוי. איצט איז אָבער ניט די צייט צו רעדן וועגן דעם.

פרענקס:

(מיט כעס). ניט איצט ?! . . . טאָ ווען דען ? . . . אַ מענטש שטייט מיט געזונטע פיס אויף האַרטער ערד! אַ לויטערער הימל ציט זיך איבערן קאָפּ! אַ יונגע, ליבע פרוי מיט אַ זויגיק קינד בא דער ברוסט (דערנעענטערט זיך צו סאלאמאָנען). ווען אַ קינד איז הונגעריק, ווייסט עס ניט פון דעם טאַטנס פּלענער! (גייט איבערן צימער פאַרלייגט די הענט אויף הינטן. ער איז אויפגערעגט). און ער — ניט איצט איז די צייט צו רעדן!

סאלאמאָן:

(אומרואיק). רעדט ניט אַזוי, שווער. איך בעט אייך. איך האָב באמת ניט געוואוסט אַז מיינע האַנדלונגען וועלן אייך באַאומרואיקן. איר אַלס ייד, וואָלט אַנדערש געדאַרפט טראַכטן.

פרענקס:

(בלייבט שטיין אין מיטן צימער, נאָך אַלץ אויפגערעגט). איך וועל דיר דערקלערן, חיים — דיין ווייב איז מיין קינד, פאַרשטייסט? מיך באַאומרואיקט עס! דיך אַרט ניט אַז דיין קינד זייגט אַ וויינענדיקע ברוסט! . . .

סאלאמאן:

(גיט זיך אַ שטעל אויף). מיין קינד און מיין פרוי וועל איך אַליין פאַרזאָרגן. וועגן דעם דאַרפט איר זיך ניט דאגה'ן. (זעצט זיך צוריק אוועק).

פרענקס:

(זעצט זיך אויף אַ שטול נעענטער צו סאלאמאָנען, לעבן שרייב־טיש). זיצט זיך אַ מענטש אויף וואָל סטריט אין אַ קאַבינעט און בויט נייע וועלטן. דאָס איז זייער שיין. דערווייל ביסטו אַ ייד און אַ טאַטע פון אַ קינד . . .

סאלאמאָן:

דאָס וועט די צייט באַווייזן! די פרייהייט קומט אָן און מיר יידן דאַרפן זי צוכאַפּן מיטביידע הענט . . .

פרענקס:

חיים, מען גיסט ניט אַרויס דאָס אומרייניע וואַסער, ביז מען האָט ניט קיין ריינס . . . באַקלער זיך, חיים!

סאלאמאָן:

(קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין). איר פאַרשטייט מיך זייער שלעכט, מיין ליבער פאָטער. איך וועל מיך מיט מיינע אידעאַלן ניט באַהאַלטן און וועל זיי אויך ניט אויפגעבן! ווי עס זעט אויס, האָט מיך דער שיקזאַל פאַרבונדן מיטן לעבן. צוליב מיינע איבערצייגונגען בין איך פאַרטריבן געוואָרן פון מיינע עלטערן און פון מיין היים. צוליב זיי געפין איך זיך איצטער דאָ, אין ניו־יאָרק. דאָס איז מיין לעבן! (שטעלט זיך אויף און גייט איבערן צימער אַ פאַרטראַכטער). בײַ אייך און אייערס גלייכן איז דער גאַנצער זין פון לעבן, דער פערזענלעכער געווינס. דעריבער איז אייך שווער, מיך צו פאַרשטיין.

פרענקס:

(שטעלט זיך אויף און גייט אַקעגן סאלאמאנען). אין חדש תחת השמש! קיין נייעס האָסטו ניט געזאָגט און קיין נייעס וועט איר ניט באַשאַפן! דאָס גאַנצע לעבן לאַכט פון אייך און די וועלט איז בייז אויף אייך . . . דער קעניג דזשאָרדזש איז מעכטיק! . . .

סאלאמאָן:

(פאַלט אַריין אין די רייד). איר האָט אַ רעכט צו דענקען אַנדערש. אָבער סאַרקאַסטיש, אָפּלאַכן פון אידעאַלן אויף וועלכע מענטשן גיבן אַוועק זייער לעבן, דאַרף מען ניט און, אויפרעגען דאַרפט איר זיך אויך ניט. איבעריקס, מיין וועג איז אַ זיכערער . . .

פרענקס:

דו ווילסט מיך באַרואיקן, חיים? נו, געוויס! . . . יעדער איינער טוט ווי ער פאַרשטייט. נאָר זאָגן וועל איך דיר: עס איז

לייכטער צו פאַרקויפן אַ שיף מיט טאַבאַק, איידער איבערצומאַכן אַ וועלט!

פאַלאַמאַן:

נו, געוויס איז שווער איבערצומאַכן אַ וועלט. אָבער מיין ליבער פאַטער, דאָס לעבן אַליין, באַשטייט דאָך ניט מער, ווי פון יענע שמערצלעכע מאָמענטן, ווי דעם מענטשנס קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן. דער אונטערשייד פון מיר ביז אייך איז: איר ווילט בלויז פאַרבעסערן דאָס פערזענלעכע גליק און איך זאָג: מיין גליק קען ניט זיין גע־זיכערט, אויב דאָס גאַנצע אַרומיקע לעבן איז ניט יושרדיק איינגע־אָרדנט. דעריבער מוזן מיר, גלות יידן, פריער אַרבעטן לטובת הכלל און דערנאָך ערשט — פאַרן יחיד!

פרענקס:

(מיט אַ ביטערן שמייכל). **אַך, חיים, חיים! ביסט נאָך יונג, דע־ריבער פליסטו אין די הימלען . . . געדענק, איך וואָרן דיך אין צייט. אויב דו וועסט חס ושלום פאַלן, זאַלסטו ניט פאַלן טיף, אין אַפּגרונט.** וויסן זאַלסטו, דאָס וואָס עס פליט הויך, מוז פריער אָדער שפּעטער **אַראָפּקומען. דאָס אַראָפּקומען, מיין זון, איז פיל ערגער, ווי דאָס אַרויפפליען . . .**

פאַלאַמאַן:

אַ מענטש דאַרף אויך קענען אַריבערקוקן זיין צייט. איבע־ריקנס, דער וואָס איז געבוירן געוואָרן צו קריכן, קען ניט פליען!

פרענקס:

ווי איך זע, קען איך דיך שוין ניט פאַרהאַלטן. צו ווייט פאַר־קראָכן ביסטו. נאָר זאָגן וועל איך דיר: מיט געלט אין דער קע־שענע קענסטו פליען אין די הימלען און דאָך ניט אַרונטערפאַלן. און אויב דו זאַלסט אפילו פאַלן, וועלן זיך שוין געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן דיך אויפהויבן! מיט געלט, האָט זיך דער ייד אויסגעקויפט פון אַלע גזירות! (פאַרדרייכערט די ליולקע, זעצט זיך אַוועק אין אַ זייט און מאַכט זיך גלייך די באָרד זיינע).

פאַלאַמאַן:

(ווי צו זיך אַליין). **אַך, דער עגל הזהב. ער האָט געבראַכט אַלע אומגליקן אויף אונדזער פאָלק!** (גייט צום שרייבטיש און זעצט זיך אַוועק שרייבן).

עס איז שטיל אַ ווײַלע. משה פרענקס זיצט פאַרלייגט אַ פוס אויף

אַ פוס, רויכערט די ליולקע און לאָזט אַרויס וואָלקנס רויך. סאלאמאָן זיצט פאַרטיפט אין שרייבן. עס גיט אַ קום אַריין רב צדוק. זיין שפּי־ציק געל בערדל שטייט אין דער הויך. ער איז פאַרשמייעט און פאַר־זאָרגט. ער וואַרט ניט אויף קיין איינלאַדונג, נאָר לויפט גלייך צו סאלאמאָנען צו. זיין גאַנג איז משונה׳דיק.

רב צדוק:

(גיט אַ שטרעק אויס די האַנט). **אַ גוט מאָרגן, מיסטער סאלאמאָן! אַ גאָלדן געשעפט האָב איך פאַר אייך! אַ גאָלדן געשעפט, זאָג איך אייך! . . .**

סאלאמאן:

(גיט ניט די האַנט. שרייבט. רעדט מיט אַ שמייכל און קוקט ניט אויף צדוקן). **וואָס איז שוין ווידער?**

רב צדוק:

(בייגט זיך איבער, נעענטער צו סאלאמאָנען). **איר פאַרשטייט, אויב עס מאַכט זיך עפּעס אַ גוטער מסחר, איז צו וועמען זאָל איך קומען, אויב ניט צו אייך? . . .** (שמייכלט). **איר זענט דאָך עפּעס. נו . . . ווי זאָל איך זאָגן? . . . רב חיים סאלאמאָן! . . .**

סאלאמאן:

(הייבט ניט אויף דעם קאָפּ). **נו! . . .**

רב צדוק:

איך האָב גערעדט מיט מענטשן, סוחרים מיין איך. זיי האָבן פיש. איר פאַרשטייט? פיש! . . . יידן האָבן ליב אַ שטיקעלע פיש אויף שבת . . . (רייבט זיך די הענט). **אַ שטיקעלע לעבעדיקע קאַרפּ . . . מען דאַרף נאָר האָבן געלט. ניט מער! . . .** (ווישט דעם שוויס פון פנים).

סאלאמאָן:

(פאַלט אים אַריין אין די רייד). **איז וואו זיינען די סוחרים און וואו זיינען די פיש?**

רב צדוק:

די פיש . . . די פיש זיינען נאָך אין טייך! דערויף דאַרף מען דאָך האָבן געלט! . . . דערויף בין איך דאָך געקומען צו אייך! . . . מען דאַרף כאַפּן די פיש. אַריינטאָן די פיש אין באַליעס וואַסער און ברענגען די פיש צו די יידן קיין אייראָפּע! . . . (גייט איבערן צימער אַ צעטראָגענער). **איי, ווען איך האָב געלט . . .**

פרענקס:

(גייט צו סאלאמאנען און ווייזט אויף צדוקן). **זעסט חיים, ער פליט אויף אין די הימלען! זאגן וועל איך דיר, אז אפילו יעקב אבינוס לייטער, אויף וועלכן די מלאכים זיינען געגאנגען ארויף און אראפ, איז אויך געשטאנען מיט ביידע פיס אויף דער ערד!** (צו צדוקן) **זאגט מיר בעסער, רב צדוק, ווען וועט איר מיר אומקערן דעם חוב?**

רב צדוק:

(קראצט זיך אין קאפ). **הא, דעם חוב? ... איך וויס? ...**

פרענקס:

וואס הייסט איר וויסט ניט? טא ווער דען ווייסט?!

רב צדוק:

(בייזערט זיך). **פון וואנען זאל איך וויסן?! איך בין דען א נביא, בין איך?! ...** (בלייבט שטיין און רעדט הויך אויפן קול, אן אומצו־פרידענער). **דער אומגליק מיט אייך אלעמען איז, איר ווייסט ניט צו וואס פאר א געשעפטן זיך צו נעמען! ...**

סאלאמאן:

(מיט א שמייכל). **למשל? ...**

רב צדוק:

(דערנעענטערט זיך צו סאלאמאנען מיט גרויסע טריט). **למשל, זאגט איר?! פרעגט מיך! ...** (הייבט אן רעכענען אויף די פינגער. **מען קען קויפן וואלד, מען קען קויפן פיש! מען קען קויפן פעל! מען קען קויפן העמדער און שטיוול! מען קען קויפן א סך זאכן! פרעגט נאר מיך! איך וועל אייך שוין נארייען!** (אביסעלע ווייכער צו סא־לאמאנען) **איז וואס זשע זאגט איר, פאניע סאלאמאן? ...**

סאלאמאן:

(ענטפערט ניט. ער איז פארטיפט אין שרייבן).

רב צדוק:

(גיט זיך אוועק צו פרענקסן) **און איר, מיסטער פרענקס?**

פרענקס:

(דרייט זיך אפ פון אים). **נישטא קיין געלט!**

רב צדוק:

(שטארק אויפגערעגט). **זאגט זשע אזוי! וואס זשע האט איר מיך**

דאָ אויפגעהאַלטן?! האָט איר דאָך באַלד געקענט זאָגן, אַז איר האָט קיין געלט ניט! זאָגט זשע אַזוי, אַז איר זענט קבצנים! . . . האָסט געהערט אַביסל! . . . (לויפט צו דער טיר. גיט אַ כאַפּ די קליאַמקע אין האַנט. ער בלייבט שטיין אויפן שוועל. עס גיט אַ קום אַריין חצקל. ביידע באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים. איינער באַטראַכט דעם צווייטן פון אויבן ביז אַראָפּ. צדוק גיך זיך אַ כאַפּ). **שאַ! אפשר ווילט איר, חצקל! איכל איך צונעמען פאַר אַ שותף! מען קען מאַכן מיליאָנען! מיליאָנען, זאָג איך אייך! . . .**

חצקל:

(גיט אים אַ שטופּ אָפּ אין אַ זייט און גייט אַריין אין מיטן צימער). **דאַכט זיך, אַז איר זענט דער מלך מלכי המלכים פון אַלע דלפנים!**

(לאַכט הויך, אויף זיין באַסאָווער שטימע, פון זיין אייגענער חכמה וואָס ער האָט דאָ געזאָגט).

רב צדוק:

(גיט אַ מאַך מיט דער האַנט) **איי! ווי עס זעט אויס, זענט איר אויך אַ קנאַפּער סוחר!** (גייט איבערן צימער אַ צעטראָגענער און רעדט צו זיך אַליין). **נישטאָ קיין סוחרים אין אַמעריקע. נישטאָ מיט וועמען צו האַנדלען!** (גיט אַ לויף צו דער טיר און גייט אָפּ).

חצקל:

פאַרגעסט ניט, באַלעבאָס, אַז דריי אזייגער פאַרן מיר קיין מאנט ווארנען.

מאלאמאַן:

חצקל, מען דאַרף אָוועקטראָגן דאָס בוך (ווייזט אויפן בוך וואָס ער האָט פריער אַריינגעבראַכט פון צווייטן צימער). **צו מיסטער בלי־קערן!**

חצקל:

(מיט אַ געבייזער). **דאָס בוך האָט צייט צו וואַרטן. עס וועט ניט אַנטלויפן! איצט דאַרף איך גיין קויפן האָבער פאַר די פערד!**

מאלאמאַן:

(דערלאַנגט חצקלען דאָס בוך. ער נעמט אים אומצופרידן און גייט אַרויס קראַצנדיק זיך אין קאָפּ. ער איז בייז וואָס מען פאַרדרייט אים אַ קאָפּ מיט ביכער, ווען די פערד זיינען בילכער. פאַרמאַכנדיק די טיר, מורמלט ער עפּעס אין די וואָנסעס אַריין).

פרענקס:

נאָר איין זאַך וויל איך דיר זאָגן, חיים . . .

דער געשפּרעך ווערט איבערגעריסן דורך די אַריינקומענדיקע געסט: מיסטער ספּירס און מיסטער סיימאָן. זיי הענגען אויף זייערע אויבערמאַנטלען אויף דעם הענגער. סאלאמאָן לויפט זיי אַנטקעגן און באַגריסט זיי. פרענקס באַטראַכט זיי מיט אַ בייזן בליק. ער זעצט זיך אַוועק אין אַ זייט. סאלאמאָן גייט צוריק צום שרייבטיש. מיסטער ספּירס גייט אים נאָך ביזן טיש. מיסטער סיימאָן גייט צום פייערקאַמין און הייבט זיך אָן שפּילן מיט די מעשענע געצייג, מיט וועלכע מען שאַרט די קוילן. שפּעטער צו, נעמט ער אַרויס אַ שיינעם רעוואָלווער פון דער קעשענע און שפּילט זיך מיט אים. ער קוקט פאַרשנדיק אויף משה פרענקסן.

מר. ספּירס:

(צו סאלאמאָנען). **מיר קומען ערשט פון אַ זיצונג וואו עס האָבן גערעדט מעקדוגל און ווילסאָן.**

סאלאמאָן:

(רייסט אים איבער, אומגעדולדיק, מיט פרייד). **נו?! . . .**

מר. ספּירס:

די צייט איז געקומען. אונדזערע פאָדערונגען זיינען קלאָר: אַרויסגעבן די „סטעמפּס!" און פייערלעך זיי פאַרברענען אין מיטן שטאָט! דאָס וועט זיין דער ערשטער שטויס אין ניו־יאָרק! דער אָנהויב פון דעם סוף!

פרענקס:

(גיט זיך אַ שטעל אויף און פּאַלט אַריין אין די רייד מיט כעס): **אייער איבערקערעניש, מיינע הערן, קען נאָך ברענגען גרויס שאָדן צו די, וואָס האָבן זיך אָנשטענדיק אַרויפגעאַרבעט. מען דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיק. דאָס פאָלק, אַז עס קריגט געווער אין דער האַנט אַריין, ווייסט עס ניט פון קיין גרענעץ! איך האַלט, אַז ניו־יאָרק דאַרף זיך דערווייל אָפּהאַלטן!**

סיימאָן:

(שפּילט זיך מיטן רעוואָלווער). **די איינציקע זאַך וואָס אַ פאָלק קען באַנוצן קעגן אַ טיראַן** (ווייזט אויפן רעוואָלווער), **איז פּולווער!**

פרענקס:

איר מעגט מיר זאָגן וואָס איר ווילט! איך גלויב ניט אַז איר

זענט שוין שטאַרק געגוג, אַרויסצוטרעטן קעגן דער מעטראָפּאָליע.

מר. ספּירס:

לויט איך קומט אויס, די לאַגע איז האָפנונגסלאָז!

סאָלאָמאָן:

(אומרואיק). מיינע הערן, ניט די געשיכטע און ניט די קומענדיקע דורות וועלן אונדז פאַרגעבן, אויב מיר וועלן האַנדלען ווי פייגלינגען.

פרענקס:

גענעראַל קלינטאָן איז אַ גרויסער סטראַטעג. דערצו האָט ער אַ גרויסע אַרמיי! . . .

סאָלאָמאָן:

(פאַלט אַריין אין די רייד. עס טרעפן זיך צייטן ווען די כוואַליעס פון דער געשיכטע הויבן זיך הויך און צייטן, ווען דער מענטש געפינט זיך אין שטורעם פון אָט אַ די כוואַליעס. אין אַזאַ צייט מוז דער מענטש האַנדלען! אָט, דער מענטשלעכער לעבנס געפיל, דאַרף היינט באַהערשן דאָס האַרץ פון יעדן קאָלאָניסט! איך פרעג אייך, מיינע הערן, צי דאַרפן מיר זיך אָפּזאָגן פון פאַרנעמען די פאָדערשטע פּאָזיציעס אין דעם פרייהייטס קאַמף?! אין אָט דעם קריטישן מאָמענט, ווען דאָס דאַנקבאַרע פאָלק שטייט פאַרזאַמלט הינטער אונדז, וועלן מיר זיך אַליין פאַרוואַנדלען אין אַ דעבאַטן-„סאָסייעטי“?! ניין, מיינע פריינט! מיר מוזן האַנדלען!

מר. ספּירס:

יאָ, דאָס זיינען צייטן פול מיט האָפענונגען! דאָס פאָלק וויל שלום און לעבן רואיק פון זיין אַרבעט!

פרענקס:

(אַביסל אַראָפּגעפאַלן בא זיך). מען דאַרף אָבער גוט אויסרעכענען, מיינע פריינט . . . גוט אויסרעכענען . . . פון געאיילטקייט, קומט קיין גוטס ניט אַרויס! . . .

סאָלאָמאָן:

(נעמט אַרויס דעם בריוו וואָס אריה ברזל האָט אים געבראַכט און לייענט). די „פרייוועטירונג“ מוז, מיט מער אָנשטרענגונג, פאָרגעזעצט ווערן. דעם שונאס שיפן טאָרן ניט דערגרייכן אונדזערע ברעגן. דאָס וועט אָפּשניידן די ענגלענדער פון נייע מיליטער אָפּטיילונגען, פּראָוויאַנט און געלט. (קוקט אויף די אנוועזנדע, וואָס פאַר אַן איינ-

דרוק עס מאַכט אויף זיי. לייענט ווייטער). **אויב די שיפן זאָלן שוין יאָ דערגרייכן אונדזערע ברעגן, מוזן זיי דאָרט פאַרניכטעט ווערן . . . איך וועל מיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט בנימין סאָספּאָרטעס און מיט משה מעריסען. מיר וועלן שוין צוזאַמען . . .**

פּרענקס:

(פאַלט אַריין אין די רייד אָן אויפגערעגטער. רייסט זיך באַם קאָפּ). **גאָט אין הימל! . . . דאָס וועט דאָך שטעלן אין געפאַר אונדזער גאַנצן האַנדל! . . .**

מר. ספּירס:

באַרואיקט זיך, מיסטער פּרענקס. באַרואיקט זיך. אַלץ וועט זיין רעכט. אַלץ וועט זיין רעכט . . .

סיימאָן:

(שפּילט זיך מיטן רעוואָלווער, אַז אַלע זאָלן זען). **קיין שום פאָדערונגען וועלן מיר דער מאָנאַרכיע ניט שטעלן. אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן** וועלן מיר ניט איינגיין. **צופיל צייט געפּטרט אויף אונטערהאַנדלונגען. די רעוואָלוציע וועט זיך ענדיקן דאָ, ווען אַ פולשטענדיקע, פרייע רעפּובליק וועט איינגעשטעלט ווערן אין די קאָלאָניעס.**

פּרענקס:

(זייער דערשלאָגן). **ווי איך זע, בין איך דאָ גאַנץ איבעריק. איך וועל שוין גיין . . .** (דערנעענטערט זיך צו דער טיר).

סיימאָן:

(ווייזט מיט די פינגער אויף די ליפּן צו פּרענקסן). **אָבער מיסטער פּרענקס, עס דאַרף זיין שאַאַאַאַ! . . .**

פּרענקס:

(שטייענדיק בא דער טיר. ער איז באַליידיקט פון דער באַמערקונג). **מיסטער סיימאָן, איך קאָן ניט איינשטימען מיט אייערע האַנדלונגען, אָבער קיין פאַררעטער בין איך ניט!** (אָפּ מיט אַ קנאַק אין טיר).

מר. ספּירס:

(ווייזט אויף דער טיר, מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל). **מיסטער** פּרענקס האָט מורא פאַר אַ פאָלקס־אויפשטאַנד. איך זאָג: אויב די רעוואָלוציע וועט פאַרקומען אָן אונדז, מיינע פריינט, די מאַסן וועלן זיך אַליין נעמען צום געווער, איז געדענקט מיינע הערן: **קיין רחמנות**

וועט דעמאָלט ניט זיין! אָט דאָס זיינען מעקדוגלס ווערטער. אָט אַזוי האָט ער גערעדט אויף דער זיצונג . . .

סאַלאַמאָן:

(ווייזט זיי דעם בריוו וואָס אריה האָט אים געבראַכט). **אָט דעם בריוו האָב איך ערשט היינט דערהאַלטן.** (עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר). **שאַאַאַ! . . .** (העכער) **ווער איז דאָרטן?**

רחל:

(פון יענער זייט טיר). **איך, רחל . . .**

סאַלאַמאָן גייט שנעל עפענען די טיר. רחל קומט אַריין אַ דער־שראָקענע. זי בלייבט שטיין בא דער טיר און קוקט בייז אויף די געסט. ספּירס און סיימאָן נעמען זייערע מאַנטלען און היט פונם הענגער, פאַרנייגן זיך פאַר דער דאַמע און גייען אַרויס. סאַלאַמאָן פאַרמאַכט די טיר הינטער זיי. רחל קוקט נאָך אַלץ בייז אויף דער טיר.

סאַלאַמאָן:

(מיט אַ דערפרייענדיקן שמייכל). **וואָס ביסטו שטיין געבליבן אויפן שוועל?** (נעמט איר אַרום).

רחל:

אפשר בין איך ניט געקומען אין דער ריכטיקער צייט? אפשר האָב איך איבערגעשלאָגן אייערע סודות?

סאַלאַמאָן:

(רעדט צאַרט צו איר). **נישטאָ קיין סודות פאַר דיר, אין מיין האַרצן** (קוקט איר אין פּנים אַריין). **זע ווי אויפגערעגט דו ביסט, באַרואיק זיך, מיין ליבע!**

רחל:

(פאַלט אים אויפן האַלדז און צעוויינט זיך).

סאַלאַמאָן:

(גלעט איר די האָר, כדי צו באַרואיקן. עס איז שטיל אַ ווײַלע).

רחל:

(וויינענדיק). **מע איז מיר נאָכגעגאַנגען . . .** (ווישט אויס די אויגן און רעדט רואיקער). **עס איז אַ נס, וואָס עס האָט זיך מיר איינ־געגעבן אַהערצוקומען אומבאַמערקטערהייט . . .** (ווישט די אויגן). **איך בעט דיך, חיים, דערלויב מיר צו בלייבן מיט דיר . . .**

סאלאמאָן:

(פירט איר צו צו אַ שטול. זי זעצט זיך אַוועק. ער רוקט צו אַ שטול און זעצט זיך לעבן איר). וואָס דאַרפסטו זיך בעטן? זייער גליך געטאָן וואָס דו ביסט געקומען.

רחל:

(רואיקער). וואָס האָבן דאָ געטאָן דיינע געסט? דו דערלויבסט זיי נאָך אַלץ אַריינצוקומען? וויפיל האָסטו נאָך געליטן צוליב זיי?

סאלאמאָן:

(מיט געבעטן) נו, וואָס זאָל איך טאָן

רחל:

(בייז. גיט זיך אַ שטעל אויף). גענוג! מער וועל איך ניט ליידן! ביז איצט האָב איך געשוויגן! (גייט אָפּ אין אַ זייט און רעדט ווי צו זיך אַליין). דו האָסט קיין רעכט ניט צו ריזיקירן מיט זיך, מיט מיר און מיט אונדזער קינד! (דערנעענטערט זיך צו אים). אַזאַ פּשוטע זאַך קענסטו ניט פאַרשטיין?! . . .

סאלאמאָן:

(גייט איר אַנטקעגן. וויל איר באַרואיקן). דו ביסט אַזאַ מאָדנע. דו ערגערסט זיך איבער יעדער קלייניקייט. (ווישט איר אויס די אויגן מיט זיין געהאָפטן טיכל). באַרואיק זיך . . . דערציייל בעסער, וואָס טוט אונדזער קינד איצט. שלאָפט ער? . . .

רחל:

ס'איז מיר אַ חרפּה און אַ שאַנדע פאַר מענטשן און פאַרן טאַטן.

סאלאמאָן:

(פאַלט איר אַריין אין די רייד און רעדט שטרענג). מיך אַרט וויפיל וואָס עמיץ וועט זאָגן! (שטעלט זיך נעענטער צו איר). הער, רחל, וואָס איך וועל דיר זאָגן: דיך און אונדזער קינד, האָב איך ליבער ווי די גאַנצע וועלט. אָבער די פרייהייט, נאָך ליבער פון אַלץ! דו ביסט אַ קלוגע און אַ געבילדעטע פרוי . . . טאָ לערן זיך אויס צו שעצן די פרייהייט און באַגיי ניט קיין פעלערן!

רחל:

פאַרוואָס האָסטו מיר עס פריער ניט געזאָגט, איידער מיר האָבן חתונה געהאַט?

סאלאמאָן:

(לאָזט איר ניט ענדיקן). נו, געגוג. ביסט געקומען זיך קריגן מיט מיר? . . .

רחל:

חלילה! איך וויל זיך ניט קריגן. אַז מען קריגט זיך, איז מען ניט גליקלעך. (זעצט זיך אויף אַ שטול, אַ ברוגזע און רעדט צו זיך אַליין). **איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז אונדזער לעבן וועט זיין לויטער ווי קרישטאָל . . . דאָס איז אָפּנים אוממעגלעך . . .**

סאלאמאָן:

(גייט צו נעענטער צו איר). **עס איז יאָ מעגלעך, מיין טייערע.** (זעצט זיך לעבן איר). **דו לערן זיך אויס צו שעצן די מענטשן וואָס גיבן אוועק זייער לעבן פאַר דער פרייהייט. זע וויפל יידן עס האָבן זיך פאַרשריבן אין דער פאַטריאָטישער אַרמיי.** (ציילט אויף די פינגער) **פון דזשאָרדזשיא, פון ווירדזשיניא, פון סאָוט־קאַראָליינא, פענסילוויי־ניע, ניו־דזשוירזי און אפילו פון ניו־יאָרק.**

רחל:

(פאַלט אַריין אין די רייד). **אָבער וואָס פאַר אַ מחותנים זיינען מיט דיר די „סאָנס אָף ליבערטי"? פאַרוואָס לאָזן זיי דיך ניט צורו? פאַרוואָס צאַפּן זיי פון דיר דאָס געלט?!**

סאלאמאָן:

(שטעלט זיך אויף אַן אויפגערעגטער). **וואָס איז, איך זאָל שוין אויפהערן שטיצן די רעוואָלוציע אויך?! וואָס איז, מיין געלט גיב איך זיי?**

רחל:

ווער עמענס דען געלט גיסטו זיי? קורח׳ס געלט גיסטו זיי?

סאלאמאָן:

זייער געלט גיב איך זיי! הער זיך איין, רחל, אַ סך געלט האָב איך מיטגעבראַכט פון אייראָפּע? מיין גאַנץ פאַרמעגן האָב איך דאָך דאָ דערוואָרבן! מעג איך דאָך שטיצן די פרייהייט פון דעם לאַנד וואו איך האָב געמאַכט מיין פאַרמעגן! . . .

רחל:

(אין דער צייט וואָס סאלאמאן שטייט און רעדט צו איר, דרייט זי זיך איבערן צימער. זי איז אומרואיק. זי גייט צום פענצטער און

קוקט אַרויס. מיטאַמאָל גיט זי זיך אַ דריי אויס צו אים). **חיים, דו ביסט אין גרויס געפאַר, דעריבער בין איך געקומען!** (גייט צו נעענטער צו אים). **ווען מען זאָל דיך ווידער אַרעסטירן וועט עס ווירקן זייער שלעכט אויף מיר!**

סאלאמאָן:

(גייט צו און קוקט אויך אין פענסטער אַריין). **אָן סכנות... נאָט וועט העלפן...**

רחל:

דו ביסט אַ טאַטע! מיין קינד איז בא מיר בילכער ווי די גאַנצע וועלט! מיין לעבן איז בא מיר גאָרניש! פאַרשטייסט?! מיין קינד... און דו האָסט קיין רעכט ניט...

סאלאמאָן:

(נעמט איר אַרום). **דו ביסט אַ מוטער און דיין פליכט איז צו באַשיצן דיין קינד. איך האָב אויף דיר גאָר קיין פּאַראיבעל ניט. גערעכט ביסטו. הלמאי זאָל איך זאָגן אַז ניט. אין אַ געוויסן זין, זיינען מיר אַלע עגאָאיסטן און טראַכטן נאָר וועגן זיך אַליין...**

רחל:

(נעמט אים אויך אַרום). **חיים, איך וועל ניט קענען לעבן אָן דיר. דאָס האַרץ איז מיר אומרואיק צוליב דיר...** (זיי שטייען אַזוי אַ קורצע ווילע. מען הערט ווי עמיץ גייט אין קאָרידאָר. רחל באַפרייט זיך פון אים. זעצט זיך גלייך אויף אַ שטול און ווישט אויס די אויגן, ווי עס וואָלט גאָרנישט פאַרגעקומען צווישן זיי. סאלאמאן גייט צום שרייבטיש און זעצט זיך אַוועק שרייבן. עס גיט אַ קום אַריין אריה ברזל. קוים וואָס ער קאָן כאַפּן דעם אָטעם).

אריה:

חיים, מען האָט ערשט אַרעסטירט מעקדוגלען. אויך ווילסאָנען האָבן זיי אַרעסטירט (שטייט אַ ווילע דערשראָקן און באַטראַכט זיי ביידן). **זיי גייען אַהער צו דיר...**

(זייער דערשראָקן. לויפט צום פענסטער און קוקט אַרויס. זעט ווי די זעלנער דערנעענטערן זיך. קומט צוריק צו סאלאמאנען און בעט זיך בא אים). **חיים, ראַטעווע זיך! איך בעט דיך, אַנטלויף!...**

סאלאמאן:

(אַביסל אויפגערעגט. שטייט און האַלט זיך אָן ביים עק טיש. ער איז פאַרטראַכט). **איך בין קיינמאָל ניט אַנטלאָפן ווי אַ טרוס.** (מאַכט

עטלעכע שריט, כדי צו באַרואיקן זיי). איבעריקנס, דאַרפט איר זיך ניט שרעקן. עס וועט גאָרנישט זיין. עס איז ניט דאָס ערשטער מאָל. (צו רחלען). דו גיי בעסער אַהיים צום קינד. איך בעט דיך.

אריה:

(קראַצט זיך אין קאָפּ). זיי וועלן דיך ניט שאַנעווען, חיים. איך האָב זייער ווייניק גלויבן אין די רויטע מונדירן. (שלייכט זיך אַרויס).

רחל:

(אַנטשלאָסן). חיים, אויב זיי זאָלן דיך חס ושלום נעמען, גיי איך מיט! איך וועל דיך ניט לאָזן גיין אַליין! . . .

סאלאמאן הערט ניט אירע ווערטער. ער איז פאַרטראַכט. ער גייט צום פענסטער, דערזעט אַז די זעלנער גייען טאַקע, קומט ער צוריק. בלייבט שטיין פאַרטראַכט אַ ווײַלע. רחל פאָלגט אים נאָך מיט די אויגן, צו זען וואָס ער פלאַנט צו טאָן. ער גייט אַ רוק אַוועק דעם שרייב־טיש, הויבט אויף דעם טעפּיך און וויל שוין עפענען דאָס טירל פון אַ קעלער. רחל העלפט אים מיט. אָבער אין דער רגע גייט אַ קום אַריין אריה ברזל. ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט אַז זיי זאָלן צוריק פאַרדעקן דעם דיל. סאלאמאן און רחל בלייבן שטיין דערשראָקן. עס גיבן זיך אַ רייס אַריין אַ סאַרזשאַנט מיט צוויי סאָלדאַטן. די סאָלדאַטן בלייבן שטיין בא דער טיר. דער סאַרזשאַנט בלייבט שטיין אין מיטן צימער, אַביסל פאַרוואונדערט, באַטראַכטנדיק סאלאמאנען. באַלד קומט ער צו זיך. סאלאמאן איז דערשראָקן און האַלט זיך אָן באַם עק טיש. רחל גייט צו און שטעלט זיך צווישן דעם סאַרזשאַנט און סאלאמאנען. דער סאַרזשאַנט צעלאַכט זיך זייער שטאַרק. קיינער קען ניט פאַרשטיין וואָס דאָס באַטייט. דער סאַרזשאַנט באַרואיקט זיך באַלד. ציט אַרויף אויף זיך אַן ערנסט פּנים און הייבט אָן רעדן זייער שטרענג:

סאַרזשאַנט:

(ווייזט אויף סאלאמאנען). דאָס זייט איר, דער שרעקלעכער חיים סאלאמאן?! אין נאָמען פון געזעץ, ביסטו, חיים סאלאמאן, אַרעסטירט אַלס פאַררעטער פון זיין מאַיעסטעט, קעניג דזשאָרדזש!

רחל:

(אַנטשלאָסן). וואָס ווילט איר פון אים?! איר האָט דאָך אים ערשט פרייגעלאָזן! . . .

סאַרזשאַנט:

(איידעלער). ער איז אַ געפערלעכער פּאַטריאָט, מאַדאַם. זיין עקסעלענץ, גענעראַל קלינטאָן וויל אים זען.

רחל:

איך וועל ניט לאָזן! איך וועל מיטגיין מיט אים!

ערשטער זעלנער:

מירן אים נעמען דאָרט, וואו מען שיסט, מאַי ליידי! (לאַכט גראָב).

צווייטער זעלנער:

אַזעלכע געמיינע יונגען, דאַרף מען אויסקאָסן, ווי היי!

ערשטער זעלנער:

אויב איר, „מאַי ליידי", ווילט מיטגיין, וועלן מיר אייך ניט צו־ריקהאַלטן!

סאלאמאן:

(באַפרייט זיך פון רחלען. גייט צום הענגער, נעמט אַרונטער דעם הוט און די פעלערינע און גרייט זיך צום גיין. בלייבט שטיין ניט ווייט פון סארזשאנט און קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין. כאַפט זיך באַלד און רעדט צום סארזשאנט). **איך ווייס אַז עס איז קעגן דעם געזעץ, נאַר, אויב איר וועט מיר דערלויבן, קענען מיר עפּעס טרינקען איידער מיר גייען.** (גיט אַ וואונק צו רחלען. זי גייט אַריין אין צווייטן צימער. דער סארזשאנט זעצט זיך אַוועק לעבן שרייבטיש. אריה זעצט זיך אין אַ זייט. סאלאמאן זעצט זיך אויך אַוועק. די זעלנער לאָזן אַראָפּ די ביקסן און מאַכן זיך באַקוועם).

סארזשאנט:

(שטילערהייט, בייגט זיך צו צו סאלאמאַנען). **איך האָב אייך אַרעס־טירט, ווייל מען האָט באַפוילן. איר ווייסט אַז די העסיער האָבן אייך ליב. זיי זאָגן, אַז איר זענט דער ערלעכסטער צווישן אַלע . . .**

סאלאמאן:

(שטעלט זיך אויף און רעדט דערשראָקן). **הייסט עס, אַז מען פירט מיך ווידער אין דער פּראָצעס? . . .**

ערשטער זעלנער:

זאָרג ניט. דער פלאַץ איז אַזוי געפּאַקט מיט אויסוואורפן, אַז ס'איז אפילו ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַזאַ מענטשעלע ווי דו . . . (לאַכט).

צווייטער זעלנער:

זאָרג ניט! מאָרגן וועט שוין זיין פּלאַץ. היינט ביינאַכט וועט מען אויסשיסן עטלעכע הונדערט! (לאַכט).

סארזשאנט:

(דרייט זיך אויס צו די זעלנער מיט כעס). **פארמאכט די שמוציקע מיילער, היטישע זין!**

רחל קומט אריין מיט א טאץ לעקעך און בראנפן. זי גיסט אן פיר גלעזלעך. די זעלנער שטעלן אוועק די ביקסן לעבן דער טיר. רייבן זיך די הענט און דערנעענטערן זיך צום טיש. אלע פיר מענער טרינקען און פארבייסן שטיקלעך לעקעך. רחל גיסט אן נאך פיר גלעזלעך. זיי טרינקען ווידער.

ערשטער זעלנער:

(קייענדיק דעם לעקעך). **דזשענטלמען! אמתע דזשענטלמען!**

צווייטער זעלנער:

דזשענטלמען, און דאך נאראנים! (ווישט זיך די ברייטע וואנסעס).

דער סארזשאנט שטעלט זיך אויף ווי צום גיין. די זעלנער גייען צוריק צו דער טיר און נעמען די ביקסן אין די הענט אריין, גרייט צום גיין. די זעלנער עפענען די טיר מיט רעספעקט. סאלאמאן נעמט זיין הוט און פעלערינע אין דער האנט אריין. אריה ברזל שטעלט זיך אויף און מאכט עטלעכע טריט נעענטער. רחל גיט א פאל אראפ אויף סאלאמאנס אקסל מיט א געוויין. ער קושט איר און גייט אפ. די סאלדאטן גייען אים נאך. רחל בלייבט שטיין א צעטומלטע און א פארווייינטע. דער סארזשאנט ווענדט זיך צו איר שטילערהייט: „וואַרט דאָ אויף מיר. איך וועל באלד זיין צוריק". ער גייט ארויס. די טיר בלייבט שטיין אן אפענע. רחל מאכט עטלעכע טריט, ווישט די טרערן פון די באקן. אריה דערנעענטערט זיך צו איר. זי גיט א פאל אראפ אויף זיין אקסל אין א ביטער געוויין. ער גלעט איר דעם קאפ כדי צו באַרואיקן איר.

דער פארהאנג פאלט פאמעלעך ארונטער.

צווייטע סצענע

א ווינקל פון אַ גאַס אין ניו־יאָרק. א גאַסן־לאַמפּ אויפן ראַג. אַלט־מאָדישע צווײ, דרײ שטאָקיקע געבײדעס אין אײראָפּעישן סטיל: גרויסע, סקלעפּאָווע טירן. די הײזער זײנען אָפּגעצוימט מיט אײזערנע שטאַכעטן, פון דער גאַס. טראָטואַרן און גערטנדלעך. פון דער ווײטנס זעען זיך ארויס נאָך הײזער, גאַסן און אַ קירכע. עס איז פאר מיטאָג צײט.

ווען דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף, קומען ארויף אויף דער בינע, פון בײדע זײטן, באַזונדער, צווײ ענגלישע דאַמען. זײ באַגעגנען זיך אין צענטער פון דער בינע.

מאַרגאַרעט:

טײערע לײדי העריעט: איך בין אַזוי גליקלעך! פון אלע פרויען זײנען מיר בײדע, די אָנציענדיקסטע! איך בין אַזוי גליקלעך! (זײ בלײבן שטײן צוזאַמען).

העריעט:

די אײנציקע זאַך, וואָס מיך קען צופרידנשטעלן איז וואָס שנעלער צו אנטלויפן פון די אומציוויליזירטע מענטשן מיט זײער לאַנד.

מאַרגאַרעט:

יאָ. איך בין אינגאַנצן אַנטוישט: ווען מיר האָבן פאַרלאָזן דײטש־לאַנד, האָט מען מיר געזאָגט, אַז מיר וועלן זײן ארומגערינגלט מיט קאַ־וואַליערן — בעלער און „פּאַרטיס“.

העריעט:

מיר האָט מען אויך געזאָגט דאָס זעלבע, ווען איך האָב פאַרלאָזן ענגלאַנד און איצט, לײדי העריעט, שרעק איך זיך ווי אַ פאַרלוירן שעפּעלע. מיר שלאָגן זיך מיט פאַנאַטישע, פאַרפירטע מענטשן. אפילו זײערע קאָמאַנדירן גײען דאָך ניט אָנגעטאָן ווי קײן דזשענטללײט!

מאַרגאַרעט:

(מיט פרײד). שאַ, זע ווער עס קומט! (עס קומען אָן צווײ ענגלישע אָפיצערן. שײן, עלעגאַנט אָנגעטאָן. זײ סאַלוטירן. די לײדיס פאַרנײגן זיך דיעך טיף. בײדע פרויען מיטאַמאָל). גוט מאָרגן דזשענטלמען!...

(מארגארעט אַליין). לײדי הערױעט שרעקט זיך פֿאַר די רעבעלן. (לאַכט).
און איך באַטראַכט אונדזערע שונאים װי אַ געפֿאַנג. װאָס גוטע יעגער ברענגען אהיים.

ערשטער אָפֿיצער:

די ארבעט איז ניט אַזוי לייכט, װי עס לייענט זיך אין די יעגערישע טעקסט ביכער.

מארגארעט:

נו, װעט איר זיין באַרעכטיגט צו אַ גרעסערן לאַרבער־קראַנץ!
(שמייכלט).

ערשטער אָפֿיצער:

מיט די כוחות װאָס מיר פֿאַרמאָגן, װאָלטן מיר געדאַרפֿט האָבן אַ שנעלן זיג. װי עס זעט אויס, קעמפן די רעבעלן מיט אַ ביטערע עקשנות... איך קום ערשט פֿון פֿעלד, װאו מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט די פּאַרטיזאַנער מארגאן און סאַמנער...

צװייטער אָפֿיצער:

(שמייכלט). און דו האָסט מורא געהאַט צו באַגריסן זיך מיט זיי?

ערשטער אָפֿיצער:

װילדע שלעגער זיינען זייערע זעלנער. איך האָב נאָך אַזעלכעס אין קיין שלאַכט ניט באַגעגנט. זיי קריכן דיר אונטער װי יאַשטשערקעס און יאָגן דיך װי די טיגער. װען דו װעסט לויפֿן װי אַ װינט, װעלן זיי דיך יאָגן װי אַ װיכער. זיי פֿאַרלויפֿן דעם װעג און לאָזן ניט כאַפּן דעם אָטעם.
זי איגנאָרירן די עטיק פֿון מלחמה פירונג!

הערױעט:

אונדזערע סאָלדאַטן זיינען פֿויל. דעריבער, װעלן די מאָגערע קי אויפֿעסן די פֿעטע.

צװייטער אָפֿיצער:

איר רעדט פֿון דער ביבל, מאַדאַם... (שמייכלט צו מארגארעט)
אַזוי, די נאָבעלע לײדי איז אַ קלייניער רעבעל. און איך האָב ליב חנ׳עװ־דיקע רעבעלן.

ערשטער אָפֿיצער:

און איך פֿרעג ניט צי װעלכן פּאָליטישן גאָט די לײדי בוקט זיך.
די הויפּט זאַך איז, אַז זי איז אַ לײדי. (שמייכלט).

הערייעט:

(פארנייגט זיך). איך דאנק אייך פארן קאמפלימענט. איך וועל עס געדענקען ווען מיר וועלן זיך באגעגענעןביים באל.

מארגארעט:

(צו די אפיצערן). מ'דארף זען, אז עס זאל פארקומען עפעס א סקאנדאל. וועט דער באל זיין אינטערעסאנטער.

ערשטער אפיצער:

א נאבעלע ליידי דארף ניט האבן אזעלכע געדאנקען.

צווייטער אפיצער:

(צו דעם ערשטן אפיצער). איר ווילט דאך ניט אז די דאמען זאלן לעבן אין שרעק. דאס לעבן וועט דאך ווערן לאנגווייליק...

הערייעט:

(נעמט דעם 2־טן אפיצער אונטערן ארעם). אויב דאס איז מלחמה, מעג יעדן טאג פארקומען א מלחמה... (זי שמייכלט, זיי הייבן אן אפ־גיין. דאס זעלבע טוט מארגארעט מיטן ערשטן אפיצער).

אין דער זעלבער צייט ווי די צוויי אפיצערן און די דאמען הייבן אן אפגיין, קומען ארויף סיימאן און ספירס. זיי שטעלן זיך אוועק אין א ראג פון דער גאס. זיי קוקן זיך גוט ארום פון אלע זייטן. זיי האלטן אין די הענט צירקולארן פאנאנדערצוטיילן צווישן די פארבייגייער.

מר. ספירס:

עס איז ניטא קיין שום סיבה ארייננצופאלן אין א פארצווייפלונג. קיין גינסטיקערן מאמענט פאר אן אויפשטאנד דארף מען ניט.

סיימאן:

(קוקט זיך ארום פון אלע זייטן). יא, דאס זיינען צייטן, פול מיט האפענונג.

מר. ספירס:

מעקדוגל איז געווען גערעכט, ווען ער האט געזאגט, אז אונדזער מלחמה פלאץ דארף זיין אומעטום: אויפן ים, אויף דער יבשה און אומע־טום, וואו מען קען נאר טאן שאדן דעם שונא.

סיימאן:

כאראקטעריסטיש: דאס זעלבע האט אויך געזאגט מיסטער סאלאמאן. ער איז א קלוגער מאן מיט א נאבעל הארץ.

מר. ספירס:

איך טראַכט אָפּטמאַל, ווען שעקספּיר וואָלט היינט געלעבט, וואָלט ער אָנגעשריבן, אַ חיים סאַלאמאָן און ניט קיין שיילאָק.

דער געשפּרעך ווערט איבערגעריסן. צוויי בריטישע סאָלדאַטן פירן פאַרביי א נעגרישן שקלאַף געשלאָסן אין קייטן. סיימאָן און ספּירס קוקן זיי נאָך און גייען הין און צוריק אַז מען זאָל זיי ניט פאַרדעכטיקן אין עפּעס. פון דער ווייטנס הערט זיך דאָס שפּילן פון אַ קאַטערינקע. דער קאַטערינשטשיק קומט אַרויף אויף דער בינע און שטעלט זיך אַוועק אויפן ראָג לעבן סיימאָן און ספּירסן און זעצט פאָר זיין שפּילן.

קאַטערינשטשיק:

(צוביידן). נו, ווי גייט עס?...

מר. ספּירס:

ווייניק מענטשן זיינען דאָ דורכגעגאַנגען.

קאַטערינשטשיק:

(מיט א שמייכל). מירן זיי באַלד צוזאַמענרופן. (ער הייבט אָן שפּילן העכער. מענטשן הייבן אָן אָנקומען. צווישן זיי איז אויך פּאַראַן משה פרענקס. סיימאָן הייבט אָן אויסגעבן צירקולאַרן צו די מענטשן. אייניקע נעמען די צירקולאַרן און גייען אַוועק. אַנדערע בלייבן שטיין, הערן זיך צו צום שפּילן און וואַרפן אַריין אַ מטבע אין קוועטל פון קאַטערינשטשיק. אין דער צייט וואָס סיימאָן גיט אויס די צירקולאַרן און די קאַטערינקע שפּילט גיט זיך ספּירס אַ שטעל אויף און הויבט אָן רעדן).

מר. ספּירס:

ליידיס און דזשענטלמען: ווי לאַנג נאָך וועלן מיר ווערן דערניידעריקט? איז דען ניט יעדער מענטש באַשאַפן געוואָרן פון גאָט, צו זיין אַ מענטש מיט אַלע מענטשן?... מיר ווערן געטעקסט און האָבן ניט קיין רעכט. אויף אונדזער קאַרק ליגט, ווי אַ יאָך אויף אַן אייזל אַ פרעמדער חיל וואָס צעשטערט אונדזערע שטעט און דערפער. די ציווילע אָנגעשטעלטע ווערן באַשטימט אין אַ פרעמדער מדינה און ווערן דאָ אַהערגעשיקט צו האַלטן אונדז אין צוים! ווי לאַנג קענען פרייע מענטשן דולדן אַזויפיל עוולות און רשעות? מוזן מיר טאַקע צוקוקן ווי קאָניגהאַם דערמאָרדעט אין דער פּראָווינסט אונדזערע בעסטע זין? זאָלן מיר דאַנקען און לויבן דעם קעניג דערפאַר, וואָס זיינע סאָלדאַטן האָבן אויסגעמאָרדעט די גאַנצע באַפעלקערונג פון ווייאָמינג טאַל, טשערי טאַל, ניו בעדפאָרד און פּערי הייוועז!... די שטאָטן וועלן קיינמאָל ניט צושטימען צו ווערן רעגירט פון אַזאַ מאַכט!...

פרענקס:

(פאַלט אַריין אין די רייד). **דעם וואָס גאָט האָט אויסדערוויילט צו הערשן, וועט אייביק הערשן!...**

ספּירס:

די קאָלאָניסטן וועלן קעמפן ביזן לעצטן מענטשן קעגן אַזאַ איינשטע־לונג! דאָ ווערט אַ ניי פאָלק געבאָרן!... דאָס ליכט פון דעם הימל באַלייכט אונדזער גערעכטן וועג!...

אין מיטן פון דעם רעדן גיט איינער פון עולם (אַ שפּיאָן) אַ געשריי: „פּאָליציי! פּאָליציי!" עס ווערט אַ טומל. דער עולם לויפט זיך פונאַנדער. די קאַטערינקע הייבט אָן שפּילן זייער הויך און שנעל. סיימאָן און ספּירס כאַפּן דעם שפּיאָן און ברעכן אים גוט אָן די ביינער, און לאָזן אים ליגן. ביידע גייען אַוועק. עס קומען אָן צוויי ענגלישע סאָלדאַטן. זיי זעען ליגן דעם געשלאָגענעם, גייען זיי צו, דרייען אים איבער און פרעגן באַם קאַטע־רינשטשיק.

ערשטער פּאָליציאַנט:

(צום קאַטערינשטשיק). **וואָס איז דאָ פאָרגעקומען?**

קאַטערינשטשיק:

(ווייזט אויפן שפּיאָן). **ער האָט זיך געשלאָגן מיט אַ מאַן.** (שפּילט ווייטער).

ערשטער פּאָליציאַנט:

וואו איז דער מאַן?

קאַטערינשטשיק:

אַ, יענער מאַן? ווייזט אויס, אַוועקגעגאַנגען. (שפּילט).

שפּיאָן:

(קרעכצט. פּרובירט זיך אויפהויבן. דער צווייטער **פּאָליציימאַן כאַפּט** אים אָן פאַרן קאָלנער).

ערשטער פּאָליציאַנט:

(צום שפּיאָן). **דו ביסט שיכור!**

שפּיאָן:

(קרעכצנדיק, פּרובירט זיך אויפהויבן. ער האַלט זיך באַם פּנים).

איך בין ניט שיכור. איך בין אַ דעטעקטיוו! אַ דעטעקטיוו בין איך!

צווייטער פּאָליציאַנט:

(נעמט אים אָן פאַרן קאָלנער און שמייכלט). **וועסט עס דערציילן**

דעם לייטענאנט אין די העדקוואַרטערס! (גיט אים אַ שלעפּ). **קום!...** (זיי נעמען אים אונטערן אָרעם און שלעפּן אים ארויס. דער שפּיאָן שרייט).

שפּיאָן:

איך בין אַ שפּיאָן! אַ דעטעקטיוו בין איך! איך שווער בא גאָט, אַז איך בין אַ שפּיאָן!... לאָזט מיך אָפּ! איר וועט טייער באַצאָלן! איך וועל אייך שוין ווייזן וועמען איר האָט אַרעסטירט!... (ער וואַרפט זיך, אָבער די פּאָליציילייט שלעפּן אים אַרויס).

דער קאַטערינשטשיק גייט אויך אָפּ. עס קומט ארויף חצקל. גייענ־דיק, קוקט ער זיך פּלעגמאַטיש אַרום אין אַלע זייטן; ער טראָגט דאָס בוך וואָס סאלאמאָן האָט אים געגעבן פאר מיסטער בליקערן. באלד גיט א קום ארויף צדוק. ער דערזעט חצקלען, גיט ער אלויף אַ קעגן מיט פאַנאַנ־דערגעשפּרייטע הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן. נאָר חצקל פאר־לויפט אים דעם וועג.

חצקל:

ויבא המן... וואָס איז שוין ווידער, מחותן מיינער?

צדוק:

(קראַצט זיך אין קאָפּ). **איז דער באַלעבאָס אין דער היים? איך וויל נוצן זיין טינט און פּעדער. כ'דאַרף אָנשרייבן אַ וויכטיקן בריוו צו אַ סוחר.**

חצקל:

פאַרדרייט אונדז ניט קיין קאָפּ! מיר האָבן קיין צייט ניט!

צדוק:

(קראַצט זיך אין קאָפּ). **חצקעלע, אפשר ווייסט איר ווער עס דאַרף אַ מעקלער, שרייבן אַ פּראָשעניע, צי אויספירן אַ שידוך... איך האָב פאַרבינדונגען מיט די הויכע פענצטער. איר מעגט זיין זיכער.**

חצקל:

(פאַלט אַריין אין די רייד). **וואָס דערציילט איר מיר אַ מעשה? היינטי־קע צייטן איז מען מיט גאָרנישט זיכער!**

צדוק:

(כאַפּט זיך). **שאַאַאַ! אַט רעד איך אייך אליין אַ שידוך מיט אַ מיידל... גיט מיר, זייט מוחל, אַ שמעק טאַביק!**

חצקל:

(אביסל רואיקער). **אַזאַ זאַך דאַרף מען גוט באַטראַכטן.** (קראַצט זיך

אין דער באָרד). חתונה האָבן, איז ניט קיין העמד אָנצוטאָן. איינמאָל פארקנסט, איז פאַרפאַלן!

צדוק:

(ווישט זיך די נאָז). נארישקייטן. דערפאר, ווען זי קענען אויסוואשן א העמד. אביסל גריץ אָפקאָכן... די מויד איז א רוח, אַ בריה!

חצקל:

(פאַלט אריין אין די רייד). און נדן? ווי אַלט איז זי?

צדוק:

פליט ניט אַזוי! זי איז ניט פיל עלטער פון אייך!... און, פון אַ יתומה ווילט איר נדן? שעמען מעגט איר זיך! האָסט געזען אביסל! (רואיקער). אוי, חצקעלע, איר מיינט אַז איר קערוועט דעם וואָגן? גאָט זיצט אויבן און טוט זיך דאָס זייניקע. געדענקט, די יתומה דאַרף חתונה האָבן.

חצקל:

און וואָס ווערט דער באַלעבאָס טאָן אָן מיר? אויף וועמען וועל איך אים איבערלאָזן? היינטיקע צייטן קען מען זיך ניט פארלאָזן אויף אבי וועמען.

צדוק:

(אין אַ פאַרלעגנהייט). איך מיין אין אייער טובה וועגן. איר ווערט חרטה האָבן. גאָט נעמט זיך אָן פאר אלע יתומים...

חצקל:

(כאַפּט זיך). איך האָב גאָר פארגעסן, אַז איך דאַרף אָוועקטראָגן די ביכער צו מיסטער בליקער!... (לויפט שנעל אַוועק).

צדוק:

(לויפט אים נאָך). גיט מיר כאָטש אַ שמעק טאַביק. (ער בלייבט שטיין אַ פאַרזאָרגטער. עס קומט אים אַנטקעגן משה פרענקס). מיסטער פרענקס, קען מען קריגן בא אייך אַ שמעק טאַביק? (נעמענדיק אַ שמעק טאַביק פון פרענקסן). אפשר קענט איר מיר נאַראָיען עפּעס אַ שטיקל פרנסה?

פרענקס:

(נעמט אויך אַ שמעק טאַביק). די געשעפטן ליגן אין דער ערד, צדוק!

צדוק:

וואָס הייסט, איר מאַכט חוזק, מיסטער פרענקס?

פרענקס:

איך מאַך שוין גאָר קיין חוזק ניט. די געשעפטן ליגן היינטיקע צייטן

טיף אין דער ערד. (זאָגט אים אַ סוד). ווי עס זעט אויס, אַנטוויקלט זיך אַ געפערלעכע מלחמה צווישן זיי. אַ מלחמה, איר פאַרשטייט?

צדוק:

איר הערט, ווען מען לאָזט מיך, וואָלט איך זיי ביידן אריבערגעלייגט, ווי דער רבי מיינער פלעגט טאָן. זיי גוט אריינגעשמיסן און וואָלט געמאַכט ויברך... (פרענקס הייבט אָן גיין. צדוק גייט אים נאָך. אזוי גייענדיק, פארשווינדן זיי).

עס גייט פאַרביי אַ שיכורער. ער האלט אין איין האנט א שטעקן און אין דער צווייטער, אַ פלאַש בראָנפן. פאַרבייגייענדיק אויף דער בינע, שעלט ער די אריסטאָקראַטן. עס קומט ארויף א קאוואַליער מיט אַ יונגער דאַמע. ביידע גייען געאָרעמט און זיינען אין אַן אויפגעלייגטער שטי־מונג. זיי רעדן הויך און לאַכן.

פריילין:

איך וואָלט זייער געוואָלט זיצן אין דער לאָנדענער מעטראָ און קוקן דורך מיין לאָרענט און זען, ווי די אריסטאָקראַטן שפילן אין ליבע... עס מוז זיין זייער אינטערעסאַנט!

קאַוואַליער:

שטעל דיר פאָר, דזשערעלדין, אַז אין לאָנדאָן ווערן מיר געשילדערט ווי פיראַטן פאַרברעכער און גאַטלאָזע. (לאַכט).

פריילין:

אך, ווי נאריש דאָס איז...

קאַוואַליער:

ווען איך בין געזעסן אין דער טורמע, האָב איך דורך מיין פענצטערל געזען ווי מען שיסט פאַטריאָטן. איך האָב גאָט געבעטן, אַז אין מיין שלאָף, זאָל מען מיך דערשיסן. איך זאָל ניט דאַרפן צוזען ווי ווילד דאָס „בלויע בלוט" קאָן זיין. די לאָנדאָנער הערן און דאַמען ווילן אויף אייביק פאַר־שמידן אין קייטן די קאָלאָניעס, ווי די שפּאַניער האָבן געטאָן צו קאָלאָמ־בוסן...

פריילין:

(טרויעריק). יאָ, אַנומלט האָב איך געזען ווי די העסיער האָבן אין מיטן גאַס, געשלאָגן אַן אַלטן פאַטריאָט. דריי טעג נאָכאַנאַנד האָב איך געוויינט נאָך דעם.

קאַוואַליער:

טאַנצן דעם וויקטאָריא טאַנץ, איז זייער ראָמאַנטיש (אימיטירט). די

באוועגונגען גראציעז, עלעגאנט און געלאסן. דאָס איז זייער אינטערע־סאַנט. ווען מען באקאנט זיך אָבער מיט זייערע בארבארישע מיטלען, וואָלט איר אפילו ניט געוואָלט טראכטן וועגן זייערע איידעלע מאַניערן. (עס קומט זיי אנטקעגן אן אנדערע דאמע).

דאמע:

((צו דער פריילין). דזשערעלדין, דו ביסט נאָך דאָ? די מאמע וועט זיין באַזאָרגט!... (לאַכט קאָקעטיש צום קאַוואַליער).

קאַוואַליער:

(נעמט די דאַמע אונטערן אָרעם, מיט אַ שמייכל צו איר). לאָמיר גאָר היינט באנאכט גיין שפאצירן און קוקן ווי די פארליבטע שטערן קושן זיך, בא דער לבנה שיין...

פריילין:

(זייער נאַאיוו). עס מוז זיין זייער אינטערעסאנט.

קאַוואַליער:

(צו דער דאמע). די נאכט איז שיין און ראָמאַנטיש. די געטער שלאָפן... (צו דער מיידל). און קליינע קינדער שלאָפן אויך.

דאמע:

(פאלט אריין אין די רייד). פרומע קאַטאָליקנס שלאָפן אויך... (שמייכלט).

פריילין:

(שעמעוודיק). די אינסיניואציע איז דאָך ניט געווען צו מיר?...

דאמע:

איך וואָלט געוואָלט לעבן אין א הונדערט יאָר ארום און זען ווי די קומענדיקע דורות וועלן אָפּשאַצן אייער גערעכטן קאַמף.

פריילין:

מסתמה וועלן זיך די צייטן בייטן.

קאַוואַליער:

צי וואָס זאָרגן וועגן דעם מאָרגן, אַז דער היינט איז נאָך ניט פאַר־זאָרגט.

אַזוי רעדנדיק, פארשווינדן זיי פון דער בינע. עס קומען ארויף דער סארזשאנט, די צוויי סאָלדאטן און סאלאמאָן. זיי ריידן גאָרנישט. בא א טויער פון א הויז בלייבן זיי שטיין. סאלאמאָן גייט מיט אן אראָפּגעלאָזע־נעם קאָפּ. דער סארזשאנט וועגדט זיך צו אים לעבן טויער.

סארזשאנט:

(ווייזט אויף די ליפּן). **זע, דאָס מאָל מיינען זיי ערנסט.**

סאלאמאָן:

(צום סארזשאנט, שטילערהייט). **שווייגן, און גאָרנישט זאָגן?**

סארזשאנט:

גאָרנישט! זיי זיינען אויפן פערד. קיין מצוות טוען זיי ניט.

סאלאמאָן:

(שטאָלץ). **סיי ווי, דערוואַרט איך ניט קיין גענעדיקייט. זייער גענעדיגקייט וועט זיין פאר מיר א שאַנד!**

סארזשאנט:

דאַרפסט אָבער האָבן רחמנות אויף דיין יונגער פרוי און... דיינע פריינט!

סאלאמאָן:

נו, מילא: איצט איז שוין אַלץ איינס! בעסער וואָלט געווען, זיי זאָלן דאָס מאכן וואָס שנעלער!

זעלנער:

(לאכט). **זאָרג ניט! מע וועט עס מאכן גאַנץ שנעל...**

סארזשאנט:

(באַפעלעריש צו אלע דריי). **מארש!** (ער עפנט די טיר. אלע פיר גייען אַריין. דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער).

פאָרהאַנג פאַלט.

דריטע סצענע

אין דעם זעלבן טאָג, נאָך עטלעכע שעה שפּעטער. בא גענעראל קלינטאָן אין אָפיס.

אַ פּראַקטיק, שיין מעבלירטער אָפיס. כמעט קעניגלעך אויסגע־שטאַט. אויף דער צענטער וואַנט הענגט אַ גרויס בילד פון קעניג דזשאָרדזש דעם דריטן. אויך אַנדערע בילדער און מאלערייען הענגען אויף די ווענט. עס הענגען אויך שווערדן, געפּעכט־שפּיזן און פּיסטאָלעטן אויף די ווענט. גרויסע, מיט גאָלד באַפּוצטע קאָלאָניאַל שטולן. אַ גרויסער, גע־שניצטער שרייבטיש מיט גענזענע פעדערס, אַ טינטער און קעראָסין לאָמפּ שטייען אויף אים. זילבערנע לייכטער, פּאַפּירן און אַנדערע זאַכן שטייען און ליגן אין אָרדנונג אויפן טיש. בא דער זייט אַ קאַנאַפּע. אַ פּראַכטפולער טעפּיך אויפן דיל. אַ פּיערפּלאַץ ארום וועלכע עס שטייען סטאַטועס און נאָך נויטיקע, שיינע זאַכן. צוויי לאַנגע פענצטער פוןביידע זייטן קאָמען מיט פּראַכטפולע גארדינען און פּאָרהאַנגען. איינער פון די פענצטער איז אַ גלעזערנע טיר וואָס פירט ארויס אויפן באַלקאָן. צוויי טירן: די לינקע פירט אריין אין א צווייטן צימער און די רעכטע, פירט אריין פון גאַס. עס איז ליכטיק און ווארעם. אלץ גלאַנצט, עס בלענדט אזש אין די אויגן. מען דערקענט גלייך אז דאָ וואוינט א קעניג.

ווען דער פּאָרהאַנג עפענט זיך, דרייט זיך גענעראל קלינטאָן ארום איבער דעם צימער אָנגעשפּאַרט אָן זיין שטעקן וואָס האָט א גאָלדן הענטל. ער שפּילט זיך מיט דער צווייטער האַנט מיט דער גאָלדענער קייט פון זיין וועסט. מען דערקענט גלייך, אָז ער איז אין אן אויפגערעגטער שטי־מונג. דער סארזשאַנט וואָס האָט ארעסטירט חיים סאלאָמאָנען, שטייט שטייף אויסגעצויגן, לעבן דער אַרויסגאַנג טיר. ער וואַרט אויף אַ באַפעל.

קלינטאָן:

(גיט זיך א דריי אויס צום סארזשאַנט). **ברענג אים אריין!** (דער סאר־זשאַנט סאַלוטירט און גייט ארויס. ער גייט צו צום טיש און נעמט ארויס פון שופלאַד א בריוו. ער וויקלט אים פאנאנדער. לייענט פאר זיך און שמייכלט סאַרקאַסטיש. די טיר עפנט זיך. עס קומט אריין סאלאמאָן. ער גייט שטאָלץ און דאָך, אביסל דערשראָקן. ער האלט דעם הוט און די פעלערינע אין דער האַנט. דער סארזשאַנט קומט אויך אַריין און פאַר־

מאַכט די טיר. עס איז א ווײַלע שטיל. קלינטאָן שטייט אין מיטן צימער אַנגעשפּאַרט אָן זײַן שטעקן און באַטראַכט סאַלאַמאַנען פון אויבן ביז אַרונטער. גייט צו צו סאַלאַמאַנען און שטופּט אים אין פּנים אַרײַן דעם בריוו. סאַלאַמאַן רוקט זיך אָפּ אביסל און קוקט אויפן דיל. קלינטאָן איז זייער אויפגערעגט און בייז). אָט דאָס איז דער בריוו וואָס דו האָסט געשיקט צו דײַן טשיף! דאָס איז גענוג באווײַז, אַז מיר זאָלן דיך מאָרגן אין דער פרי אויפהענגען! (דרייט זיך איבערן צימער אָנגעשפּאַרט אָן זײַן שטעקן און רעדט סאַרקאַסטיש). מאָרגן, ווען די זון וועט אויפגיין, וועסטו שוין הענגען! (גיט א וואָרף דעם בריוו אויפן שרייבטיש און גיט זיך א דריי אויס צו סאַלאַמאַנען). דאָס איז, אויב דו וועסט אונדז ניט געבן די נויטיקע אינפאָרמאַציע... (שפּאַצירט איבערן צימער ווי א זיגער).

סאַלאַמאַן:

(נאָך אַלץ ניט געקומען צו זיך פון דעם ערשטן ברוך הבא). אויב עס איז גאָטס ווילן אַז איך זאָל הענגען מאָרגן, וועל איך הענגען מאָרגן.

קלינטאָן:

(גייט צו נעענטער צו סאַלאַמאַנען און רעדט גלאַטן. הער זיך אײַן: מיר געפעלט דײַן פאָרם פון באַריכטן. עס איז צו אינטעליגענט פאַר א געוויינטלעכן שפּיאָן. איך האָב ספּעציעל געשיקט אַ קאָמיסיע אַז זי זאָל אַלץ אויספאָרשן וועגן דיר. איך ווייס ווער דו ביסט. איך ווייס אַז דו ביסט אַן אַנטלאָפענער אַרעסטאַנט פון דער פּראָוועסט. איך בין אָבער גרייט אַלץ צו פאַרגעסן, פאַר איין קלייניקייט: זאָלסט מיך אינפאָרמירן וועגן וואַשינגטאָנס פּלענער... (באַטראַכט סאַלאַמאַנען וואָס פאַר אַן אײַנדרוק זײַן פאָרשלאָג האָט געמאַכט).

סאַלאַמאַן:

(מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ). איך ווייס גאָרנישט וועגן זײַנע פּלענער.

קלינטאָן:

(פאַלט אַרײַן אין די רייד). דו ביסט א דערפאָלגרײַכער סוחר. דו האָסט געלט און דו פירסט גרויסע געשעפטן. דו האָסט א ליבע פרוי און א קינד איז ערשט געבוירן געוואָרן בא דיר... טראַכט גוט איבער, איידער דו גיסט מיר דײַן ענטגילטיקן ענטפער. (זעצט זיך באַם שרייבטיש און שפּילט זיך מיט זײַן גאָלדענעם רעוואָלווער, אַזוי, אַז דאָס זאָל מאַכן אַן אײַנדרוק אויף סאַלאַמאַנען).

סאַלאַמאַן:

(פאַרנייגט זיך). איך ווייס, אַז אײַער עקסעלענץ איז גאָרנישט אַזוי

אַן אַ האַרץ, שלעכטס צו טאָן אַן אומשולדיק קינד און זיין מוטער . . .

קלינטאָן:

(שפּילט זיך נאָך אַלץ מיטן רעוואָלווער און מיטן בריוו. גאַנץ גע־לאַסן). **איך וויל ניט טאָן קיין שלעכטס דיין ווייב און דיין קינד. ווען דו וועסט אָבער זיין פאַרמשפּט צום טויט . . . דיין געלט און דיין גאַנץ פאַרמעגען וועט קאָנפיסקירט ווערן פון זיין מאַיעסטעט רעגירונג . . . דיין ווייב און דיין קינד וועלן דאַן בלייבן אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַן און אָן אַ שילינג . . .**

סאַלאַמאָן:

(גיט אַ ציטער). **גאָט וועט זיי באַשיצן.**

קלינטאָן:

(שמייכלט). **גאָט וועט זיי זיכער ניט באַשיצן, אויב דו וועסט עס ניט טאָן.** (גיט זיך אַ שטעל אויף). **איך גיב דיר אַ האַלבע שעה צו באַ־טראַכטן.** (גייט אַפּיר פון טיש). **דו האָסט צוויי וועגן: לעבן אין פרייהייט פון איין זייט, פייניקונגען און טויט, פון דער צווייטער זייט.** (גייט צו נעענטער צו סאַלאַמאָנען און רעדט שמייכלענדיק). **זאָג, וואָס וועסטו אויסקלייבן?**

סאַלאַמאָן:

(פאַרנייגט זיך). **וואָס אייער עקסעלענץ וואָלט אויסגעקליבן, ווען ער איז אומגליקלעכערווייזע, אויף מיין פּלאַץ . . .**

קלינטאָן:

(גיט אַ קלאַפּ מיטן שטעקן אויפן דיל, מיט געבייזער). **איך האָב דיך ניט אהערגעבראַכט אז דו זאָלסט מיך פרעגן רעטענישן!**

סאַלאַמאָן:

(זייער רואיק). **אייער עקסעלענץ וואָלט אוודאי אויסגעקליבן דעם טויט, איידער צו פאַרראַטן זיין לאַנד . . .**

קלינטאָן:

(לאַכט סאַרקאַסטיש). **וואָס פילאָסאָפסטו, וואָס? . . . דו האָסט ניט קיין לאַנד! דו ביסט אַ ייד! דו ביסט אַן אימיגראַנט! דו ביסט אין דעם לאַנד בלויז טעלעכע יאָר! אונטער דער עקזיסט־רענדער אָרדענונג האָסטו זיך אַרויפגעאַרבעט!** (גייט איבערן צימער אָנגעשפּאַרט אָן שטעקן).

סאַלאַמאָן:

עס פאַרדריסט מיך, וואָס איך באַלעסטיק אייער עקסעלענץ. איך

פּרוביר בלויז ארויסבריינגען מיין לאגע, אזוי גוט ווי איך קען.

קלינטאַן:

(שטייט פון דער ווייטנס און בייזערט זיך). א שפּיאָן האָט ניט וואָס צו זאָגן! ער שטאַרבט, אויב ער קען זיך ניט אויסקויפן מיט אינפאָרמאַציע פון שונא! (צום סאַרזשאַנט). נעם אים אַוועק!... וואַרט!... (גייט צו נעענטער צו סאַלאַמאַנען). ווערסטו אפשר הענגען מער באַקוועם, אויב דו ווערסט וויסן; ווען דו וואָלסט אפילו איינגעשטימט צו געבן די אינפאָרמאַציע, וואָלט איך זי ניט גענומען. איך וועל זי שוין קריגן פאַר א געהעריקע סומע פון דיין „טשיפּס" סעקרעטאַר. ער ווייסט מער פון דיר. איך האָב דיר בלויז צוגעזאָגט די פרייהייט, כדי עפּעס צו באַווייזן.

סאַלאַמאַן:

איך וואָלט גיכער געוואָלט שטאַרבן, איידער איך זאָל שפּיאָנירן.

קלינטאַן:

(גיט זיך אַ דריי אויס מיט רוגזה). אַזוי, דו ווילסט גיכער שטאַרבן! דו קלייבסט אויס דיין אייגענעם טויט!!

סאַלאַמאַן:

(ענטפערט ניט. שטייט מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ).

קלינטאַן:

(איז זייער אין כעס. קלאַפּט מיטן שטעקן און בייזערט זיך). די יידן זיינען אַלעמאָל געווען צווישן די צעשטערער פון אָרדענונג!... (עס איז שטיל א ווילע). מיר וויסן; דער רעבעל וואַשינגטאָן האָט איך געצוואונגען צו טאָן שפּיאָנאַזש אַרבעט. (אביסל ווייכער. גייט צו נעענטער צו סאַלאַמאַנען). נאָך אַלעמען, קענט איר זיך ניט העלפן... עס איז א רחמנות... אָרימע יידן נעבעך...

סאַלאַמאַן:

(שטייט א דערשראָקענער. מיט א געבויגענעם קאָפּ און זאָגט גאָר־נישט. קלינטאַן שטייט ביים קאַמין פאַרטראַכט. מיטאַמאָל) דאָס וואָס איך טו, אָדער דאָס וואָס איך טו ניט, האָט בלויז צו טאָן מיט מיר אַליין. די יידן, דאָס יידישע פאָלק האָט מיט דעם קיין שום פאַרבינדונג ניט. זיי דאַרף מען אין דעם געפעכט ניט אַריינמישן.

קלינטאַן:

(גיט זיך א דריי אויס). סאַרזשאַנט, נעם אים אוועק! (כאַפּט דעם שטעקן און וויל אַרויסלויפן אין צווייטן צימער אריין. אָבער אין דער זעלבער צייט דערהערט זיך א טומל פון קאָרידאָר. דאָס האָט אים

פארהאלטן. סאלאמאָן, כאַטש א דערשראָקענער, הייבט אויף דעם קאָפּ. קלינטאָן גיט א וואונק צום סארזשאנט אז ער זאָל ארויסגיין זען וואָס עס קומט פאָר. ווי נאָר דער סארזשאנט עפנט די טיר, גיט א פאַל אריין מאדאם סאלאמאָן א פארוויינטע און אן אויפגערעגטע. נאָך איר קומט אריין אריה ברזל. דער אלטער בלייבט שטיין בא דער טיר מיטן הוט אין דער האנט. ער קוקט אויף סאלאמאָנען מיט א רחמנות. רחל לויפט גלייך צו צו קלינטאָנען און פאלט אים צו די פיס מיט א ביטער געוויין).

רחל:

האָט רחמנות, אייער עקסעלענץ . . .

קלינטאָן:

(רוקט זיך אָפּ פון איר). **די צייט פון רחמנות איז פאַריבער! אייער מאַן איז אַ שונא פון זיין מאַיעסטעט! ער העצט דאָס פאָלק צו אַ רעוואָלט! ווילט איר אַז איך זאָל רחמנות האָבן?!**

רחל:

(וויינענדיק). **ער איז אַן אומשולדיקער מענטש . . .**

קלינטאָן:

(בייזערט זיך). **ווי אומשולדיק איז ער, אז ער אָרגאניזירט פּיראטן מען זאָל פארניכטן די בריטישע שיפן! שיקט באריכטן צו דעם רעבעל וואשינגטאָן! רעדט אָפּ אונדזערע זעלנער אז זיי זאָלן רעוואָלטירן! גיט אוועק געלט צו די העסישע סאָלדאטן אז זיי זאָלן אנטלויפן! איז, ווי אומשולדיק איז אייער מאַן, מאדאם?! . . . אייער מאַן האט זיך ארויסגעגעבן דעם אורטייל!** (גייט אָפּ עטלעכע טריט). **איך קען גאָרנישט העלפן! . . .**

רחל:

(כאפּט זיין האנט און וויל איר קושן). **ראטעוועט דעם פאָטער פון מיין קינד! . . . ראטעוועט! . . .**

קלינטאָן:

(רוקט זיך אָפּ פון איר). **קיינער האָט אים ניט געצוואונגען צו טאָן די פאַרברעכערישע ארבעט!** (גיט אַ מאַך מיטן שטעקן). **טאָ זאָל ער . . .**

רחל:

(קוקט ארויף צו אים מיט בעטענדיקע אויגן). **אומקומען?! . . .**

קלינטאָן:

(גייט און רעדט צו זיך אליין). **אומקומען . . . אומקומען . . . אומ־קומען . . .**

רחל:

(פאלט מיטן פנים צום דיל און וויינט היסטעריש).

קלינטאָן:

(זייער אויפגערעגט). **גענוג, מאדאם! איר האָט געהערט מיין ענט־פער!**

סאלאמאָן:

(וואָס איז די גאנצע צייט געשטאנען אן אויפגערעגטער, אומרואיק און פארשעמט. וויל צוגיין אויפהויבן זיין פרוי, שרייט אויס). **איך וועל גיט דערלויבן אזוי צו באהאנדלען מיין פרוי!...** (דער סארזשאנט גייט גלייך צו צו אים און פארהאלט אים. ער פארבלייבט אויף זיין פלאץ מיט געביילטע פויסטן און מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ).

רחל:

(וויינענדיק. גיט אַ בליק אויף קלינטאָנען און נאָכדעם אויף סאלא־מאָנען). **מיין אומגליקלעך קינד!...** (אריה ברזל גיט א שטארקן זיפץ. ער גייט צו רחלען, הויבט איר פאמעלעך אויף פון דיל. זי הייבט זיך אויף וואקלענדיק אָנגעשפּארט אויף דעם אלטן. זי כליפּעט.ביידע דערנע־ענטערן זיך צו דער טיר. גייענדיק, רעדט זי) **מיין אומגליקלעך קינד... מיין קינד!...** (קלינטאָן שטייט באם פענצטער און קוקט ארויס אין דרויסן). **פארוואָס?!... פארוואָס קומט עס מיר?!...**

קלינטאָן:

(גיט זיך א דריי אויס און בייזערט זיך). **אייערע טרערן, מאדאם, רירן מיך ווייניק!** האָט אייער מאן געאַרט וואָס ער האָט אָרגאַניזירט א „מיוטיני" אין אונדזער אַרמיי! אַרט עס אים וואָס ער העלפט אָרגאַני־**זירן די רויבער, די מערדער זאָלן צעשטערן די רו אין לאנדז נייןן!?...**

רחל:

(ווישט די אויגן. אריה האלט איר צו אז זי זאָל ניט פאלן). **אָבער מענטשלעכקייט, אייער עקסעלענץ... איר זייט דאָך אויך א פאָטער פון קינדער...**

קלינטאָן:

(אויסער זיך פון אויפרעגונג). **מאַדאַם, אונדזער געשפּרעך איז גע־ענדיקט!**

רחל:

(רייסט זיך ארויס פון אריהס הענט און לויפט צו קלינטאָנען מיט

געביילטע פויסטן און שטופט זיי אים גלייך אין פּנים אַריין!
מערדער!... תּליון!... הענקער!...

קלינטאָן:

(מיט אַ געמאַכטער רואיקייט). **סארזשאַנט, פירט איר אַרויס!** (ער גייט אַרויס אויפן באַלקאָן אָפּקילן זיך פון דער הייסער לופט).

אריה גייט צו רחלען און נעמט איר אַרום. **זי שפּאַרט זיך אָן אין** אים און זיי גייען אַרויס. דער סאַרזשאַנט גייט אַרויס נאָך זיי. סאַלאמאַן איז אַליין אין זאַל. ער שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטענעם קאָפּ אָן אַ זייט. מען זעט ווי ער איז פאַרביטערט און פאַרטראַכט. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן און אויך אויפן טיש וואו עס ליגט דער דאָקומענט וועגן אים. עס איז שטיל אַ ווײַלע. מיט אַמאָל גיט ער אַ הייב אויף דעם קאָפּ און מאַכט אַ פּאָר פויסטן צו דער טיר וואו קלינטאָן איז אַרויסגעגאַנגען און שרייט אויס:

סאַלאַמאָן:

(אָן אויפגערעגטער מיט די פויסטן אין דער לופט). **על תירא עבדי יעקב!...** (ער בלייבט שטיין מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, שטאָלץ).

קלינטאָן:

(קומט אַריין פּאַמעלעך. מען זעט, אַז ער איז אַביסל דערשלאָגן. ער גייט איבערן צימער און רעדט צו זיך אַליין) **תּליון, הענקער האָט זי מיך גערופן...** (צו סאַלאַמאָנען). **איין קריץ מיט דער פּען, איין וואָרט — און אויס!** (מוטיקער). **זי וועט אַפילו ניט וויסן וואו דיין געביין איז אהינגעקומען...**

סאַלאַמאָן:

(מוטיקער). **איך פיל איר ווייטאָג, אייער עקסעלענץ!**

קלינטאָן:

(שפּילט זיך מיטן רעוואָלווער, שטייט אָנגעשפּאַרט אין קאַמין). **און דו ביסט נאָך אַלץ גרייט צו מאַכן דיין יונגע פרוי פאַר אַן אלמנה און דיין קינד פאַר אַ יתום?** (גייט צו צו אַ וואַנט און מאַכט גלייך די שווערדן וואָס הענגען אַביסעלע קרום).

סאַלאַמאָן:

(אַנטשלאָסן). **קען מען איינשטילן דעם שטורם ווינט? קען מען איינצוימען די כוואַליעס פון דעם ברויזענדיקן ים? קען מען איינצוימען דאָס פייער פון אַ גליענדיקן וואולקאַן? אייער הויך גנעדיקער עקסעלענץ, זעט אַליין, אַז אַ נייע צייט קומט אָן...**

קלינטאָן:

(מאכט גלייך די שפּיזן אויף דער וואנט). און די אויסוואורפן פון פילאַדעלפיע וועלן דאָס זיין די וואָס וועלן אויפבויען אַ נייע אָרדנונג! כא, כא, כא...

סאלאמאָן:

דאָס וועט די צייט באווייזן.

קלינטאָן:

(גיט אַ וואָרף אַ שפּיז אויף דער ערד). שווייג... דו פאַרשאָלטע־נער!...

סאלאמאָן:

(מיט מער מוט). אַ סיסטעם וואָס בארויבט דעם מענטשן פון יעדער פרייהייט און רעכט... מיט אַ סיסטעם וואָס טראָגט אַ צוויפּנימדיקע מאָראַל, קענען מיר ניט מאַכן קיין שלום... איך האָב ניט בדעה צו באליידיקן די פערזענלעכקייט פון אייער עקסעלענץ. איך דערקלער נאָר, מיין פערזענלעכע וועלט אנשויאונג...

קלינטאָן:

(בלייבט שטיין אין מיטן צימער אין אַ שמייכלדיקער, סאַרקאַס־טישער שטימונג). איך האָב דיך ניט געבראַכט אַהער צו דיסקוטירן מיט דיר דיינע פילאָזאָפיעס.

סאלאמאָן:

איך דערקלער בלויז אָפענהערציק: וואו איך וועל זיין, וועל איך אַרבעטן פאַר מיינע איבערצייגונגען...

קלינטאָן:

דאָס וועלן מיר ערשט זען!

סאלאמאָן:

עס איז זייער טראגיש, אַז מען זעט ניט וואו דער אמת איז...

קלינטאָן:

הייסט עס, אַז דיין פילאָזאָפיע איז דיר ליבער, ווי דיין ווייב און קינד?

סאלאמאָן:

דער אמת און די פרייהייט איז מיר טייערער פון אלץ!...

קלינטאָן:

(גייט צום שרייב טיש און קלינגט אין א גלעקל).

עס גיט א קום אריין דער שפּיאָן מיט אַן אונטערגעהאקט אויג און אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ. ער פאַרנייגט זיך טיף און דערלאַנגט קלינטאָנען אַ פּאַק צירקולאַרן. עס קומט אויך אַריין דער סארזשאַנט און בלייבט שטיין בא דער טיר אַ דערשראָקענער, דערזעענדיק דעם שפּיאָן.

שפּיאָן:

אייער עקסעלענץ: אָט אָ, די בלעטלעך האָבן זיי היינט פאַרשפּרייט איבער די גאַסן. איך האָב אַלץ צוגעזען...

קלינטאָן:

(שטייט אויסגעצויגן אין מיטן צימער און באטראכט דעם שפּיאָן פון אויבן ביז אַרונטער). **און ווער האָט דיר צעדראַפּעט דאָס פּנים? און ווער האָט פאַרשפּרייט די בלעטלעך?...**

שפּיאָן:

(האלט די צירקולארן אין דער האנט. ער פילט זיך אומהיימלעך פון קלינטאָנס בליק). **זייערע פּנימער זיינען געווען פאַרשטעלט. אויב אייער עקסעלענץ וועט מיר דערלויבן, קען איך דורך מיינע באקאנטע אויסגע־** פינען די געהיימע האַנט וואָס אָרגאַניזירט די „מיוטיני"...

קלינטאָן:

(צו סאלאמאָנען). **דו קענסט זיך אָוועקזעצן!** (צום שפּיאָן). **דו ביסט א געניאַלער דעטעקטיוו.** (לאכט שפּאָטיש).

שפּיאָן:

עס פאַרדריסט מיך זייער שטאַרק. איך פאַרזיכער אייער עקסעלענץ, אז מיר וועלן זיך מיט זיי זייער לייכט ספּראַווען.

קלינטאָן:

(זייער שפּאָטיש). **מיר וועלן זיך מיט זיי ספּראַוועז!...**(שפּאַרט זיך אָן אין קאַמין). **לייען! וואָס שרייבן זיי?** (שטייט ווי אַ רעזיגנירטער און מיד).

שפּיאָן:

(שטייט אין אַ פאַרלעגנהייט און ציטערט פון שרעק). **מיט אייער עקסעלענצעס דערלויבעניש.** (הוסט זיך אויס אביסעלע). **„די טאַריס זיינען די גרעסטע עפּידעמיע פאר דער געזעלשאַפט.** (קוקט אויף קלינ־ טאָנען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף אים געמאַכט דאָס געליינ־

טע. ער לייענט ווייטער). אַזוי ווי קלינטאָן קען אונדז ניט פאַרניכטן מיט פולווער, זוכט ער צו דיסקרעדיטירן אונדזערע גענעראַלן און אונ־טערקויפן אונדזערע אָפיצערן". (ער קוקט ווידער אויף קלינטאָנען. ער זעט אַז קלינטאָן איז אומרואיק. עס איז שטיל אַ ווײַלע). „דעם בריוו וואָס די טאָריס האָבן פאַרשפּרייט אין ניו־יאָרק וועגן זיין עקסעלענץ, גענעראַל דזשאָרדזש וואַשינגטאָן . . ."

קלינטאָן:

(גיט אַ פאַל אַריין אין די רייד). וואָס פאַר אַ גענעראַל איז ער דיר?! וואָס פאַר אַן עקסעלענץ איז ער דיר?!... אידיאָט!... (קלאַפּט מיטן שטעקן אין דיל). אַלע ווייסן אַז ער איז אַ פאַררעטער, אַן אַטעאיסט, אַ רעבעל, אַ צעשטערער פון אָרדענונג און אַ געציייג אין די הענט פון שאָטן! ניט קיין פּאַטריאָט און ניט קיין גענעראַל! פאַרשטייסט?!...

שפּיאָן:

עס פאַרדריסט מיך זייער שטאַרק. אייער עקסעלענץ דאַרף זיך ניט אויפרעגן.

קלינטאָן:

(גייט איבערן צימער אַן אויפגערעגטער. רעדט צו זיך אַליין). קלינ־טאָן קען אונדז ניט באַזיגן מיט פולווער! (דרייט זיך אויס צו סאַלאַמאָנען וואָס זיצט אויף אַ שפּיץ שטול). אַזוי, קלינטאָן וועט אייך ניט באַזיגן מיט פולווער?! (דראָט מיטן שטעקן צו סאַלאַמאָנען). איך וועל אייך אַלע ווייזן, ווער וועמען עס וועט באַזיגן! (קלאַפּט זיך אין האַרצן און קוקט בייז אויף סאַלאַמאָנען). איך, קלינטאָן, וועל זיי באַזיגן! איך און ניט קאָרנוואַלעס און ניט קיין אַנדערער!... איך! איך קלינטאָן! איך!...

שפּיאָן:

(פּילט זיך זייער אומבאַקוועם). וואָס איז דער באַפעל פון אייער עקסעלענץ?

קלינטאָן:

מיין באַפעל?...

שפּיאָן:

יאָ. אייער באַפעל, אייער עקסעלענץ.

קלינטאָן:

(קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. טראַכט אַ ווײַלע. ווייזט אויף די צירקולאַרן וואָס זיינען באַם שפּיאָן אין דער האַנט). פאַרברענען די ציר־קולאַרן און אָפּוואַשן זיך דאָס פּנים!

שפּיאָן:
(פאַרנייגט זיך און גייט אַרויס אַ דערשלאָגענער).

קלינטאָן:
(צום סאַרזשאַנט. ווייזט אויף סאַלאַמאָנען). פיר אים אַוועק... גיב אים איין שעה צייט... אויב ער וועט זיין גרייט צו ריידן, וועל איך זיין אין מיין ביבליאָטעק. (דערנעענטערט זיך צו סאַלאַמאָנען. ער איז שוין אָן אויסגעשעפּטער). און דיר וועל איך זאָגן: דו ביסט אַ זעלטן קלוגער מענטש. די בריטישע מאַכט קען דיר געבן זייער פיל פּריווילעגיעס. ווערסט זיך קענען אָנשטענדיק איינאָרדענען. טראַכט צוויי מאָל, איידער דו גיסט אָן ענטפער . . .

ווען קלינטאָן האָט גערעדט צו סאַלאַמאָנען האָט ער זיך אויפגעשטעלט. קלינטאָן גייט אַפּ אין דער זייטיקער טיר. סאַלאַמאָן זיפצט. גייט צו דער טיר. דער סאַרזשאַנט עפנט די טיר און גייט אַרויס נאָך סאַלאַמאָנען.

פאָרהאַנג פאַלט.

פערטע סצענע

דעם זעלבן טאָג, שפּעט אין אָווענט. אַ טורמע צעל מיט אַ גרויסער טיר פון אייזערנע גראַטעס. עס איז פינצטער. בלויז א קעראָסין לעמפּל באלייכט די צעל. סאלאמאָן זיצט אויף א נאַרע, טיפער אין דער צעל און קוקט אריין אין א תנכ׳ל. זיינע קליידער זיינען אָביסל צעריסן. סאַ־לאמאָן האלט אין איין הוסטן. ווייטער, איז שטיל. נאָר פון צייט צו צייט, דערהערן זיך קרעכצן פון די אנדערע צעלן. עס פאלט אָן א שרעק. מיט־אַמאָל, דערהערט זיך אַ קלינגען פון טורמע שליסלען. מ׳הערט, אַז עמיצער קומט אָן. עס קומט ארויף אויף דער בינע דער סארזשאנט מיט די טור־מע שליסלען אין דער האנט. ער שטעלט זיך אָפּ לעבן סאלאמאָנס טיר און רעדט צו אים דורך די גראַטעס.

סאַרזשאַנט:

נו, פרעג איך אייך, איז נים קיין מצוה וואָס מען האָט אייך געשמיסן? אַ שאָד וואָס איך בין נים געווען דערביי. איך וואָלט זיך זייער געפרייט.

סאַלאַמאָן:

(לייגט צוזאמען דאָס ספרל און רעדט פון דערוויטנס). **איר קלייבט נחת, וואָס מען מאטערט אונדז אזוי...**

סאַרזשאַנט:

איר האָט נים קיין רעכט אזוי צו רעדן!

סאַלאַמאָן:

בלויז א שונא קען זיך טרייסטן מיט אזאַ דערבידערונג! (קוקט ווייטער אריין אין ספרל).

סאַרזשאַנט:

(אביסל סאַרקאַסטיש). **די מענטשן זיינען פיל נאַרישער, ווי שלעכט... עס וואָלט אייגנטלעך אלעמען געווען באקוועם און גוט, ווען מענטשן זאָלן זיין קליגער.**

סאַלאַמאָן:

(דערנעענטערט זיך צו דער גראַטע וואו דער סארזשאַנט שטייט).

איר זייט גליקלעך, וואָס איר באַנעמט אזוי די זאך... שיין איז די נשמה וואָס האָט א גלויבן און א האָפענונג...

סאַרזשאַנט:

אייערע שריט זיינען אָבער פאַלשע. איר היצט זיך אומזיסט און אומנישט.

סאַלאַמאָן:

מען דאַרף ניט זיין קיין שאָף, וועט דער וואָלף ניט ווייזן די ציין! און וועגן די שמיץ?... בלויז בלוט וועט אָפּוואַשן די שאַנד!... (קערט זיך צוריק צו דער נאַרע).

סאַרזשאַנט:

דערווייל, גלויב איך, איז גלייכער צו שווייגן...

סאַלאַמאָן:

(בלייבט שטיין אין מיטן צעלט און גיט זיך מיטאַמאָל א קער אום צום סאַרזשאַנט). שווייגן?! און זיי זאָלן זיך איזדעקעווען איבער אונדז!...

סאַרזשאַנט:

(פאַלט אריין אין די רייד). זיי זיינען אויפן פערד... אז מען וואָלט אייך פריי געלאָזן, וואָלט איר דאָך ווייטער געקאָנט טאָן אייער ארבעט.

סאַלאַמאָן:

(מאַכט א טריט נעענטער צום סאַרזשאַנט). די טרחה מיינע, וואָלט אַלץ איינס געווען אומזיסט. דערצו וואָלט איך אַלץ איינס געהאַנדלט ווי אַ טרוס און אַ פאַררעטער. איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז קיין מצוות טוען זיי ניט!

סאַרזשאַנט:

נו, יעדער איינער דענקט, אז ער איז גערעכט.

סאַלאַמאָן:

(קומט צו זייער נאָענט צו דער גראַטע וואו דער סאַרזשאַנט שטייט). אָ, איר ערלעכע, בּאַאיווע סאַלדאַטן! וואָס וואָלט קלינטאָן געטאָן אָן אייך?... א קאָפּ אָן הענט און אָן פיס...

סאַרזשאַנט:

(שליסט אויף די טיר און גייט אריין נעענטער צו סאַלאַמאָנען. פאַלט אריין אין די רייד). דאָס איז אַלץ ריכטיק. דעריבער בין איך געקומען אייך וואָרנען. דאָס מאָל, מיינען זיי צו מאַכן מיט אייך א שנעלן סוף. פאַרוואָס האָט איר זיך ניט דערקלערט שולדיק?

סאַלאמאַן:

אין וואָס זאָל איך זיך דערקלערן שולדיק? איך האָב קיינעם ניט געמאָרדעט. איך האָב קיינעם ניט באַגנבעט. איך שטים פּשוט ניט איין, אַז די בריטישע זאָלן הערשן איבער די קאָלאָניעס.

סאַרזשאַנט:

(קוקט סאַלאמאַנען גלייך אין פּנים אַריין מיט באַדויערן). איך זע אייער לעבן און פאַרשטיי איך זייער גוט. (נעמט אַרויס פון היטל אַ פּאַפּיר און לייענט). אָבער, זעט אין וואָס מען באַשולדיקט איך: מען באַשולדיקט איך, אַז איר אָרגאַניזירט די אומצופרידנקייט צווישן די געדונגענע סאָלדאַטן, און איר העלפט זיי אַנטלויפן אהיים. איר גיט זיי געלט און שטעלט זיי צו פאַלשע דאָקומענטן. איר זייט אַ פירער פון אַ באַנדע. צוליב איך האָבן רעזיגנירט די בעסטע אָפיצערן פון גענעראַל העיסטערס שטאָב... (קוקט אויף סאַלאמאַנען וואָס שטייט און קוקט דערוויל אַריין אין תנכ״ל). און נאָך פאַרברעכענס ווערן דאָ אויסגערעכנט. איר פאַרשטייט? פון אַזאַ געפערלעכן שונא מוז מען שנעל פּטור ווערן!

סאַלאמאַן:

(הויבט אויף דעם קאָפּ שטאָלץ. קוקט דעם סאַרזשאַנט אין פּנים אַריין, פאַרשעמנדיק). דאָס איז אַלץ ריכטיק, וואָס איר האָט דאָ געזאָגט. דאַכט זיך, אַז איך האָב שוין דאָס געהערט פון גענעראַל קלינטאָן אַליין... צוליב וואָס זאָגט איר דאָס איבער נאָכאַמאָל?... (עס איז שטיל. ביידע קוקן זיך גלייך אין פּנים אַריין, ווי ביידע וואָלטן זיך געפּאַרשט)... דאַכט זיך, אַז איר זייט אַ פוקס אין אַ שעפּסענער פעל ... באַ מיר ווערט איר גאָרניט דערגיין!... (גייט צוריק צו דער נאַרע. זעצט זיך אַוועק און קוקט אַריין אין ספרל).

סאַרזשאַנט:

(גייט אַרויס פון דער צעל. פאַרמאַכט די טיר. גייט אינגאַנצן אַרויס פון דער תפיסה מיט שליסלען אין דער האַנט. עס איז שטיל אַ ווײַלע. מען הערט פון די אַנדערע תפיסה קאַמערן דאָס קרעכצן פון אַרעסטאַנטן. דער סאַרזשאַנט קערט זיך אום. ער גייט אַריין אין דעם צעל. בלייבט שטיין באַ דער טיר און רופט אַז סאַלאמאַן זאָל אהערקומען צו אים. ער רעדט בסוד). אפשר קענט איר זיך דערמאָנען: ווען גענעראַל העיסטער האָט אייך לעצטן מאָל אַרויסגענומען פון דער פראָוועסט טורמע, אין שטאָב אַריין, אַלס איבערזעצער פון שפּראַכן?... גענעראַל ראָבינסאָן האָט נאָך דאַמאָלט געוואָלט אייך אויפהענגען... איך האָב אייך דאַמאָלט געראַטעוועט. איך האָב זיי געראַטן אייך שיקן מיט אַ קוריער צו גענעראַל

האָל. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען וואשינגטאָן און גרין האָבן אַטאַקירט גענעראל האָל'ן לעבן טרענטאָן. געדענקט איר דאָס?... איצט איז אָבער די זאַך זייער געפערלעך פאַר אייך...

סאלאמאָן:

איך וויל בעסער הענגען אויפן שטריק, איידער פאַרראַטן מיין לאַנד און דעם קאַמף פאַר פרייהייט!

סארזשאַנט:

קענט איר זיך ניט דערמאָנען, אז נאָך דאמאָלט, האָב איך אייך געזאָגט אַז איך בין מיט אייך? איך האָס די טיראַנען און איך פיל זיך שטאַרק דערנידעריקט, ווען איך דערמאָן זיך: אז איך בין א פאַרקויפטער סאָלדאט צום קעניג דזשאָרדזש! אָט, דעריבער בין איך גרייט אייך צו העלפן מיט אלץ, וואָס איז נאָר אין מיינע מעגלעכקייטן. איך האָב אייך דאמאָלט געהאָלפן און וויל אייך איצט העלפן. דערצו, זייט איר א פיינער מענטש. איר העלפט ארויס מיינע, גערמאַנישע ברידער...

סאלאמאָן:

(שטייט אין א פאַרלעגענהייט). **דאָס איז צו גוט אז עס זאָל זיין אמת!...**

סארזשאַנט:

איר גלויבט מיר ניט? אָט וועט איר מיר באלד גלויבן. (ער לויפט ארויס. סאלאמאָן קוקט אים נאָך. ער קומט באלד צוריק צוזאמען מיט אריה ברזל. דער סארזשאַנט בלייבט שטיין בא דער טיר. ער שטופט דעם אלטן אז ער זאָל אריינגיין. אריה גייט אריין. ער באַטראַכט סאלאמאָנען פון אויבן ביז אַרונטער. סאלאמאָן שטייט אַ דערשראָקענער. דער סארזשאַנט שטייט ווי א זיגער).

סאלאמאָן:

(גיט א פאַל ארויף אויף אריהס אקסל). **רב אריה!...**

אריה:

(זיפצט). **אזוי איז שוין דער גורל פון דעם, וואָס שטעלט זיך איין פאַרן כלל... נו, גם זו לטובה...**

סאלאמאָן:

(אומגעדולדיק). **וואָס מאַכט רחל? און דאָס קינד וואָס מאַכט? האָבן זיי געפונען דעם בריוו וואָס איר האָט געבראַכט?...**

אריה:

מילא, שרעקן דאַרפסטו זיך ניט. אלץ וועט זיין רעכט. דעם בריוו

האָט מען אָוועקגעגעבן בנימין העריסן. ער וועט שוין טאָן דאָס, וואָס עס איז אָנגעוויזן אין בריוו . . .

סאלאמאָן:

(אויפגערעגט. גייט איבערן צימער). **געלויבט צו גאָט אז דאָס איז דערליידיקט!** (זיפצט אָפּ). **אָבער זי? זי וועט עס ניט אויסהאַלטן!...** (צו אריהן). **נעכטן אין דער צייט האָב איך זיך געשפּילט מיטן קינד! זאָגט מיר כאָטש, האָב איך ריכטיק געהאנדלט, רב אריה?...**

אריה:

(הייבט די פּלייצעס און זיפצט). **גאָטס דרכים זיינען פאַרבאָרגן... ווער קען וויסן?...**

סאלאמאָן:

(ווייזט אריהן אויף אַ צווייטער צעל אריין פון וואַנען עס הערן זיך קרעכצן, פונקט אין דער צייט און ווייזט אויפן הארצן). **רב אריה, א לוויה קומט פאַר אין מיין הארצן!...** (רעדט, כמעט מיט טרערן). **וואו זאָלן אונדזערע אויגן פאַלן? וואו זאָל זיך אונדזער בליק ווענדן?!...**

אריה:

(נעמט ארויס א פאַטשיילע פון דער קעשענע. ווישט אָפּ די שמוץ פון סאלאמאָנס פּנים און רעדט). **שטאַרק זיך חיים, שטאַרק זיך! פאַרלאָז זיך אויף גאָט. דיינע וועגן זיינען אמתע און ערלעכע! שטאַרק זיך!...**

סארזשאַנט:

(נעמט אָן אריהן באַם אָרעם און הייבט אים אָן ארויספירן). **גענוג געפּלאַפּלט. די צייט שטייט ניט. די וואָך וועט זיך באַלד בייטן!...**

אריה:

(גיט סאלאמאָנען די האנט). **זיי מצליח, חיים! גאָט וועט העלפן!...**

סאלאמאָן:

(בלייבט שטיין בא דער גראַטע. קוקט נאָך ווי דער סארזשאַנט פירט אַרויס דעם אַלטן. עס נעמט ניט לאַנג און דער סארזשאַנט קומט צוריק. זיין פּנים שיינט פאַר פרייד. סאלאמאָן גייט איבערן צימערל פאַרזאָרגט. ער האַלט זיך באַם קאָפּ). **וואָס טוט מען?!... וואָס טוט מען?!...**

סארזשאַנט:

מען אנטלויפט! די סאלדאטן האָבן צוגעשטימט צו נעמען כאַבאַר! צוויי הונדערט פונט! . . .

סאלאמאָן:

(בלייבט שטיין פארוואונדערט). טאַמער?..

פארזשאנט:

(פאלט אריין אין די רייד). איצט דאַכט זיך, מעגט איר שוין גלויבן? איר ווילט דאָך ניט אז איך זאָל אייך ארייננברענגען אייער פרוי אויך, כדי זיך צו איבערצייגן?...

סאלאמאָן:

דאָס איז צו גוט עס זאָל זיין אמת!... עס קלינגט ווי א חלום!...

פארזשאנט:

לאָזט איבער די קאָמפלימענטן אויף אן אנדערש מאָל. מאכט עס שנעלער און פאטערט ניט קיין ווערטפולע צייט. כאָטש וואשינגטאָנס לאגע איז זייער א קריטישע! אן ארמיי אָן שיך, אָן קליידער און אָן עסן, איז קיין ארמיי ניט. אויב דער שונא וועט זיי ניט פארניכטן, וועלן זיי אומקומען פון הונגער און קעלט... קודם זייט איר אויף דער פריי, זאָל מיין געוויסן זיין רואיק...

סאלאמאָן:

גאָט וועט זיי העלפן!

פארזשאנט:

(שמייכלט). אפשר אייער גאָט. ער האָט דאָך אַמאָל געשפאָלטן דעם ים! (קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן). נו, וואָס זאָגט איר? מיר טאָרן ניט פאַרלירן קיין צייט!...

סאלאמאָן:

(גיט א זיפץ). איך האָב אזויפיל בארעס געלט. מיין פרוי ווייסט וואו עס ליגט.

פארזשאנט:

זי האָט עס מיר שוין געגעבן. (נעמט ארויס פון בוזעם קעשענע צוויי פעקלעך פאפירענע געלט און שטופט עס סאלאמאָנען אין דער האנט אריין). צוויי הונדערט און פינף און צוואַנציק. אין דעם פעקעל איז פאראן צוויי הונדערט און אין דעם קליינעם, פינף און צוואנציק. די צוויי הונ־דערט וועט איר געבן דער וואך. די פינף און צוואנציק, זיינען פאר אייך, אויף הוצאות. איר מוזט אָבער שנעל פארלאָזן ניו־יאָרק. (נעמט ארויס פון שטיוול א קאָנווערט און דערלאנגט סאלאמאָנען). דאָ איז א דאָקומענט מיט וועלכן די וואך וועט אייך אַדורכלאָזן. איר וועט באַלד אַריבער־

שווימען דעם טייך. ווען איר וועט שוין זיין אין ניו־דזשוירזי, צעשטערט די פאפירן און מאכט זיך א וועג צו אייער פרייהייט!

סאלאמאָן:

(נעמט דאָס געלט און לייגט עס אריין אין קעשענע. דעם דאָקומענט פארשטופט ער טיף, צום לייב, אונטערן העמד). **ווען זאָל איך גיין?...**

סארזשאנט:

וואַרט א ווײַלע (גייט אָפּ).

סאלאמאָן:

(בלייבט שטיין אין דער אָפענער תפיסה־טיר, מיטן פנים צום עולם און דעם קאָפּ אויפגעהויבן. רעדט צו זיך אליין). **זיי וועלן קאָנפיסקירן מיין גאַנץ פארמעגן. און זי איז געבליבן אָן אָ סענט, מיט א פיצל קינד אויף דער האנט!...** (שטייט פארטראכט א ווײַלע. רייבט זיך דאָס פנים פון זאָרג. קערט זיך אום צו דער נארע. נעמט דעם הוט, די פעלערינע און דאָס תנ״כל לייגט ער אריין אין דער קעשענע. באטאפט די קעשענע צי ער האָט אַלץ. קערט זיך אום צו דער טיר. האלט די טיר אין האנט און שטייט מיטן פנים צום עולם). **אָ חוץ די צרות וואָס גאָט שיקט אויפן כלל, שיקט ער אויך נסיונות אויפן יחיד.** (ער שטייט אזוי א ווײַלע. עס איז שטיל. ניט מער, עס הערט זיך דאָס קרעכצן פון אנדערע ארעס־טאַנטן אין אנדערע צעלן). **אַך, רחל מיין ליבע! דו זיצסט לעבן דיין קינד און וויינסט?!...** (ער גיט א ציטער. עס באווייזט זיך דער סארזשאנט. ערווינקט צו סאלאמאָנען מיטן פינגער אז ער זאָל קומען. הייבט אָן גיין...

דער פאָרהאנג לאָזט זיך ארונטער פאמעלעך.

סוף פון ערשטן אקט.

צווייטער אַקט

ערשטע סצענע

עטלעכע יאָר שפּעטער, פון דעם ערשטן אַקט. ווען דער פאָרהאַנג עפנט זיך אויף, זעט זיך א געדיכטער וואַלד מיט ברייטע און ווייטע פעל־דער. פון דערווייטנס זעט זיך ארויס א דאָרף און א שפּיץ פון א קירכע. עס איז פאַרטאָג. דער מאָרגנשטערן הייבט זיך ערשט אָן צו באווייזן. די בינע איז ליידיק. מיטאַמאָל קומט ארויפצולויפן חיים סאלאמאָן. ער איז פיל געעלטערט געוואָרן. ער בלייבט שטיין און הוסט זייער שטאַרק. נאָך אים קומט אַרויף חצקל אין שטיוואַלעס, אין אַ שוואַרצן מאַנטל פון אַ קוטשער אין יענער צייט און די בייטש אין דער האַנט. ביסלעכווייז ווערט ליכטיקער אויף דער בינע, אזוי, אז ווען די סצענע ענדיקט זיך, איז שוין גרויסער טאָג. חצקל, אַריינקומענדיק, בייזערט ער זיך:

חצקל:

דאָס זיינען פוילע יונגען, די זעלנער! איידער מען גיט זיך א ריר און איידער וואָס (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי רעזיגנירט)**, איר הערט, באַלעבאָס: ווען איך בין אַ פּאָלקאָווניק, וואָלט איך זיי געוויזן...**

סאלאמאָן:

(פאַלט אים אריין אין די רייד). **איר זייט אויך א גרויסער שיסער! איר קענט נאָר שרייען אויף אַנדערע!**

חצקל:

קיין איין שעה וואָלט איך ניט געווען מיט זיי אויפן פראָנט! אויף מיינע נאמנות!

סאלאמאָן:

(פאַלט אריין אין די רייד און גיט א מאַך צו אים מיט דער האַנט). **ווען איר וואָלט ניט געשלאָפן, וואָלט די בריטשקע ניט אריין אין גרוב! וואָס וועלן מיר איצט טאָן?** (עס איז שטיל אַ ווײַלע). **גייט חצקל, בעסער אין דאָרף אַריין. מען דאַרף זען עמיצן, וואָס זאָל העלפן אַרויסשלעפן די בריטשקע פון דער בלאָטע. אַז ניט, וועלן מיר דאָ פאַרפאַלן ווערן. מאָרגן איז דאָך ערב יום־כיפּור!**

חצקל:

אַט, גיי איך שוין אין דאָרף אריין, באַלעבאָס. (בלייבט שטיין און קראַצט זיך אין קאָפּ). **וואו וועט דער באַלעבאָס זיין, ווען איך וועל גיין אין דאָרף?**

סאַלאַמאַן:

זאָרגט זיך ניט פּאַר מיר. ביז איר וועט זיך אויסקראַצן, וועל איך דערווייל צו גיין אין שטאָב אריין!

חצקל:

איר וועט אליין גיין אַזאַ ווייטן מהלך? חלילה! איך וועל אייך ניט לאָזן גיין אליין אזא ווייטן מהלך!

סאַלאַמאַן:

רב חצקל, מען דאַרף זען ארויסשלעפּן די בריטשקע פון גרובן!

חצקל:

(דערשראָקן פון דעם באַלעבאָס' פעסטן באַשלוס). **אַט, לויף איך שוין אין דאָרף אריין!** (בלייבט ווידער שטיין און **קראַצט זיך דעם קאָפּ**).

סאַלאַמאַן:

וואָס איז שוין ווידער?

חצקל:

וואו זאָל איך וואַרטן אויפן באַלעבאָס?

סאַלאַמאַן:

לעבן דער ראָגאַטקע פון שטאָב. (הוסט ווידער שטאַרק). **מאַכט דאָס שנעל. עס איז מאָרגן יום כיפור!** (הייבט אָן גיין אַראָפּ פון דער בינע).

חצקל:

(גייט נאָך און שרייט אים נאָך). **באַלעבאָס לעבן, איר'ט ניט פאַרגעסן צו רעדן מיט זיי וועגן מאַכן מיך פּאַר אַ פּאַלקאָווניק? אין קאַוואַלעריע! אין קאַוואַלעריע וויל איך! אירט ניט פאַרגעסן?...**

סאַלאַמאַן:

(פון יענער זייט בינע). **מעט ריידן, מעט ריידן. מ'וועט וועגן אַלץ ריידן.**

חצקל גייט אויך אָפּ אין דער זעלבער ריכטונג וואָס סאַלאַמאָן. ער קראַצט זיך אין קאָפּ, ווי ער וואָלט געצווייפלט צי סאַלאַמאָן וועט רעדן וועגן אים. די בינע איז אַ קורצע ווילע ליידיק. עס באַווייזן זיך אויף

דער בינע אריה ברזל מיט זיין איניקל סעמיועל.ביידע זיינען באַלאָדן מיט צוויי גרויסע פעק. אריה גייט אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטעקן. ער איז פּיל געעלטערט געוואָרן. זיין לאַנגע באָרד איז איצט ווייס ווי שניי. ווען ער קומט אַרויף אויף דער בינע, גלייכט ער אויס די ביינער און קוקט אויפן הימל. דאָס איניקל בלייבט אויך שטיין.

אריה:

אַזאַ מהלך... אַזאַ מהלך... סכנות נפשות... (זיפצט). דאַנקען השם יתברך, וואָס מיר זיינען שוין נעענטער, ווי ווייטער.

סעמיועל:

זיידע, ווי לאַנג נאָך וועלן מיר זיך דאַרפן ארומשלעפּן?

אריה:

(שפּאַנט ווייטער). **הע, הע, הע!... ווער ווייסט?...**

סעמיועל:

(מיט געבעט). **לאָמיר זיך צוזעצן אויף אַ ווייל, זיידע. איך בין אַזוי מיד. די פיס ברעכן...**

אריה:

(שטעלט זיך אָפּ און קוקט מיט רחמנות אויפן איניקל). **מוט און געדולט, מיין קינד. עס וועט ניט נעמען לאַנג און מיר וועלן זיין אין פילאַדעלפיע.** אריה ברזל האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג. **דאָס מאָל האָט מען אים אָנפאַרטרויט אַ וויכטיקע עובדה. איך מוז זען חיים סאלאמאָן, נאָך היינט באַטאָג, איידער די זון וועט זיך זעצן. מאָרגן איז דאָך ערב יום כיפור!**

סעמיועל:

(מיט געבעט). **די זון איז נאָך ניט ארויס. עס איז נאָך זייער פרי און מיר האָבן נאָך אַ גרויסן טאָג פאַר זיך. דאָ איז אַזוי גוט און מיינע פיס זיינען אַזוי מיד...**

אריה:

ניין, מיין קינד. אַז אין שטאָב האָט מען געהאַט גלויבן אין מיר און מען האָט מיר אָנפאַרטרויט אַזאַ וויכטיקע מיסיע, מוז איך זי גלייך אויספירן... איך מוז זען חיים סאלאמאָן, איידער מען שטעלט זיך זאָגן כל נדרי.

סעמיועל:

(פאַלט אַריין אין די רייד). **אַז מירן זיך צוזעצן אויף אַ ווילע, וועסטו**

אים נאָך אַלץ קענען זען... טאַ לאָמיר זיך צוזעצן אויף אַ ווײַלע. יאָ, זיידע?...

אריה:

(בלײַבט שטיין און קראַצט זיך אין קאָפּ. קוקט אין דער ווײַטקייט אַרײַן און אויך אויפֿן אייניקל). זאָל זיין ווי דו ווילסט. אָבער ניט אויף לאַנג! (גייט אָפּ אַן אַ זײַט. שטעלט אַוועק דעם שטעקן אָנגעשפּאַרט אין אַ קלאָץ. נעמט אַרונטער דעם זאַק פֿון דעם אייניקלס פּלייצע און אויך פֿון זיך. לייגט זיי לעבן זיך).

סעמיועל:

איך האָב דיך אַזוי ליב, זיידע. דו ביסט אַזאַ גוטער... (ביידע זעצן זיך אַוועק לעבן די זעק, אָנגעשפּאַרט אין קלאָץ. דער אַלטער קרעכצט). וואָס קרעכצסטו, זיידע?

אריה:

(ענטפֿערט ניט. ליגט מיט האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן. דרייט זיך. קרעכצט. קען זיך קיין אָרט ניט געפֿינען).

סעמיועל:

(שטעלט זיך אויף די קני. קוקט אויפֿן זיידן. ער איז אַ ביסל דערשראָקן). זיידע, עס איז דיר ניט גוט? זאָג...

אריה:

(זיפֿצט. קרעכצט און האַלט פֿאַרמאַכט די אויגן). פֿאַר אַזאַ מענטשן ווי איך, אין מײַנע יאָרן, איז בעסער אַז מען זעצט זיך ניט. אַז מען זיצט, טראַכט מען וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן.

סעמיועל:

וועגן וואָס טראַכטסטו?

אריה:

(האַלט פֿאַרמאַכט די אויגן. רײַבט די פֿיס און זיפֿצט). די מאַמע דײַנע, אין געשטאָרבן. נאָך גאָר אַ יונגע געווען, די מאַמע דײַנע. דער טאַטע דײַנער, איז דערשאָסן געוואָרן אויפֿן פֿראָנט, פֿון די בריטישע און איך בין שוין אַזוי אַלט... די פֿיס ווילן מער ניט דינען, דעם אַלטן. (זיפֿצט). איך וואָלט רויִק געקענט צומאַכן די אויגן, ווען איך ווייס אַז איך לאָז דיך איבער אין אַ פֿרייער מדינה, וואו מען זאָל מער ניט טרייבן און פּלאָגן די יידן. דו זאָלסט קענען זיצן רויִק אין דײַן שטיבל, אויף דײַן אייגן שטיקל ערד און לעבן פֿון דײַן אייגענער פּראַצע. (פּרובירט אײַנשלאָפֿן).

סעמיועל:

(אַביסל אויפגערעגט. שטעלט זיך אויף די קני און קוקט אויפן זיידן). ניין! איך וויל ניט קיין שטיקל ערד! איך וויל אַ ביקס! אַ ביקס וויל איך! ווען איך וועל עלטער ווערן זאָל איך קענען נעמען נקמה אין דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון מיינע טאַטע־מאַמע! איך וויל זיין אַ קאָלאָנעל ווי אייזיק פראַנקס! (לייגט זיך צוריק אַוועק און פאַרמאַכט די אויגן). זיידע, דו שלאָפסט?...

אריה:

ווי קען אַזאַ ייד, אין מיינע יאָרן שלאָפן? (זעצט זיך אויף. שטאָפּט אָן די ליולקע מיט טאַבעק). אַלע מיינע יאָרן, בין איך מיטן פּאַק אויף די פּלייצעס, צווישן אינדיאַנער און פראַנצויזן, ווייסע און שוואַרצע אַרומ־געגאַנגען. (פאַררייכערט די ליולקע). אַלע סכנות אויסגעשטאַנען און בא קיינעם קיין הילף ניט געבעטן. (מאַכט זיך גלייך און פּיפּקעט די ליול־קע). איך בין געווען אויף פּלעצער, וואו קיין מענטשלעכער פוס האָט נאָך ניט געטראָטן און קיינמאָל ניט מיד געוואָרן זוכנדיק אַ שטיקל פּלאַץ, וואו איך זאָל קאָנען לעבן רואיק, מיט מענטשן גלייך...

סעמיועל:

(ליגענדיק אונטערגעשפּאַרט די הענט אונטערן קאָפּ). האָסטו קיינ־מאָל אַזאַ לאַנד ניט געפונען, אַ לאַנד וואו דו זאָלסט קענען לעבן רואיק און פריי?... (הייבט אָן איינשלאָפן).

אריה:

(מיטן פּנים צום עולם). יאָ, מיין קינד: אָט דאָס לאַנד, אויף וועמענס ערד מיר טרעטן אַצינד. ווייט אין די ימען. ווייניק מענטשן האָבן די ערד באַטראָטן. דאָ איז אַלץ, נאָך אַזוי רוי און ווילד. דאָס איז אַן אינדזל פון זבת, חלב ודבש. (וואָס ווייטער, רעדט ער מיט מער באַגייסטערונג, ביז ער פאַלט אריין אין אַ טיפן עקסטאַז). דאָ קענען פעלדער מיט פעטע זאַנגען אויף מיילן ווייט, זיך ציען. סעדער, וועמענס צווייגן זיינען באַ־לאָדן מיט פּרות, ווי דער פעדלער מיט זיין שווערער מאַסע. דאָ וועלן שטילע רעגנס באַפּרוכפּערן די ערד. צאַרטע ווינטן וועלן די פליגל, פון די ווינטמילן טרייבן. דאָ זיינען גרויסע טייכן, וואו די פישער קענען זייערע נעצן ווייט פאַרשפּרייטן. באַלאָדענע זעגלשיפן וועלן די ברייטע ימען שניידן. פון די געדיכטע וועלדער וועט מען שיינע הייזער בויען. שמידן, וועלן כלים שמידן. (זיפצט). אַך, דאָס איז אַ גאָלדן לאַנד!... אָט דאָ, מיין קינד, וויל איך, אַז דו זאָלסט זיך אַ היים געפינען... (קוקט אויפן אייניקל. זעט אז ער איז איינגעשלאָפן. זיפצט און לייגט זיך אויך

אוועק). **אוי, מיינע פיס. עס זאָל נאָר היינט ניט רעגענען... (**קוקט אויפן הימל). **איך בין שוין באמת אַלט...**

אריה ברזל שלאָפט אויך איין. עס ווערט אַביסל ליכטיקער. **עס** קומען ארויף אויף דער בינע אַ צאָל פויערים: **צווישן זיי געפינען זיך** מיסטער און מיסעס פּאַסטער, מיסעס עוועגס, מיסעס מעקאַרמעק און דזשודיט. זיי טראָגן קאָשיקעס, לאָפּעטעס, גראַבלעס, און אַנדערע פעלד מכשירים. זיי גייען איצט אין פעלד אַריין ארבעטן. זיי דערזעען די צוויי וואנדערער שלאָפן, בלייבן זיי שטיין פאַרגאַפט. מער פון אַלע, בלייבט ווי צוגעשמידט, דער אַלטער מיסטער פּאַסטער. ער קוקט אויף אריהן און דרייט זיך די גרויסע וואָנסעס. ער ווענדט זיך צום ווייב, מיט פרייד:

מר. פּאַסטער:

דו זעסט, ווער דאָס איז?!

מרס. פּאַסטער:

דאָס איז דאָך דער אלטער פּעדלער. (זי צלמט זיך). **יעזוס מאַ־ריאַ!** (צו די איבעריקע וואָס שטייען פאַרגאַפט און ווייסן ניט וואָס דאָ קומט פאָר). **שכנים, מיין מאַן האָט אייך פיל מאָל דערציילט וועגן דעם גוטן יידן!... אָט דאָס איז ער! איך זאָג אייך, עס איז וואונדערבאר צו באגעגנען זיך מיט די יידן!... זיי זיינען אַזעלכע גלויביקע!...**

מר. פּאַסטער:

(צו די פויערים). **פיינע מענטשן, די יידן! אַן אַלט פאָלק.** (מיט באַ־דויערן). **העלפן יעדן איינעם, און אַליין, קענען זיי זיך ניט העלפן...**

מרס. מעקאַרמיק:

א רחמנות (ווייזט אויפן שלאָפנדיקן יינגל)**, אַזאַ קליין יינגל זאָל זיך דאַרפן ארומשלעפּן איבער דער וועלט. א רחמנות...**

דזשודיט:

דער יינגל איז אַזאַ שיינער...

מר. פּאַסטער:

(מיט אַ הויכן, פויערישן געלעכטער). **שוין, אין ערשטן אויגנבליק, פאַרליבט זיך!...**

דזשודיט:

(אַביסל פאַרשעמט). **איך וויל ניט קיין שענערן פון אים!...**

מרס. מעקאַרמיק:

(צו דזשודיטן). **דו רעדסט אַביסל צו פריי, מיין קינד!**

דער געשפּרעך וועקט אויף דעם אַלטן אריה. אין אַנהויב באמערקט

ער ניט ווער עס שטייט לעבן אים. ער וועקט דאָס אייניקל און רעדט צו זיך אליין: שאָקלט מיטן קאָפּ אויפן אייניקל).

אריה:

איינגעשלאָפן, נעבעך. מיד פון וועג! סעמיועל, מיין קינד, עס איז שוין גרויסער טאָג . . . (קוקט אויף די מענטשן). **די פאַרמערס גייען שוין אין פעלד אַריין.** (סעמיועל הייבט זיך אויף, ווישט זיך די אויגן, ער איז האלב פאַרשלאָפן. אריה שטעלט זיך אויף).

מר. פּאָסטער:

(מיט אַ הילכיק געלעכטער. ער לויפט צו צו אריהן און דערלאַנגט אים די האנט). **זיי געגריסט, גוטער אריה! ווי קומסטו דאָ אהער?!**

אריה:

(דערלאַנגט אים די האנט). **צופיל פאַרשלאָפן!...** (נעמט צוזאַמען דעם זאַק). **אַך, שווערע צייטן...**

מרס. עווענס:

פון וואַנען קומסטו אלטער? פון וועלכן לאַנד ביסטו?...

אריה:

(זיפצט). **איך קום פון אַ לאַנד, וואָס איז ווי אַ גהינום. מענטשן פאַלן פון דעם שווערן יאָך. דאָ איז כאָטש אַ שיינער הימל איבערן קאָפּ.** (קוקט זיך אַרום). **די וועלט איז ברייט און פריי. די מענטשן זיינען דאָ גוטע...**

מרס. מעקארמיק:

(פאַלט אריין אין די רייד). **טאָ, בלייב זשע דאָ, ייד. רו דיינע ביינער אויס. די רעוואָלוציע וועט זיגן, וועלן מיר אַלע וואוינען אין אַ פריי לאַנד!**

דזשודיט:

(וואָס האָט די גאַנצע צייט ניט אַרונטער גענומען די אויגן פון סעמיועלן, ווענדט זיך מיט פרייד צו מיסעס מעקאַרמיק). **זיי וועלן דאָ בלייבן, מיסעס מעקאַרמיק? . . .**

מרס. עווענס:

ווער איז אָט דער ייִנגל?

אריה:

דאָס איז מיין אייניקל.

מרס. מעקאַרמיק:

(פאַלט אריין אין די רייד). **נישקשה, איר וועט זיך גוט לעבן צווישן אונדז.**

מרס. פאסטער:

(צו אריהן). **אפשר האָט איר דאָרט מיין זון באַגעגנט? ער איז דאָך אין מאיאָר נאָנעז בריגאַדע.** (צו די פרויען) **מיין זון האָט אַ יידישן בריגאַדיר.**

מר. פאסטער:

(גיט אַ לייג ארויף די האַנט אויף אריהס אקסל). **וואָס זאָגסטו אויף דעם? גענעראל גייטס, האָט מיך ניט געוואָלט צונעמען! צו אלט, בין איך!** (לאַכט און מאַכט אַ פויסט). **איי, ווען מען לאָזט מיך: איך וואָלט געלערנט בלק מיט די אַריסטאָקראַטן . . .**

אריה:

(גיט אַ מאַך מיט דער האַנט). **וואָס שמועסט איר? אַ פיינע קארו־סעל... מען דרייט זיך און מען דרייט זיך, און קיין טאָלק זעט מען ניט! . . .**

מרס. עווענס:

וואָס מיינט איר מיט דעם?

אריה:

(וויזט אויפן איינקל). **איר זאָלט זען ווי קינדער בלאָנקען ארום. אָן טאַטע מאַמע . . . פעלדער פאַרלאָזענע, דערפער צעשטערטע . . . אַך גאָט! . . .** (קראַצט זיך דעם קאָפּ פון אומרואיגקייט) . . .

מרס. עווענס:

זאָרגט ניט: די זיבן גוטע יאָר וועלן נאָך קומען... די זון וועט נאָך אויך שיינען ביי אונדזער טיר . . .

מר. פאסטער:

(מיט אַ געבייזער). **נאַרישע מענטשן! רעדט, רעדט זיך אַרונטער פון הארצן! יענע לאַכן פון אייך מיט פולווער און איר קרעכצט ווי די קוואַקעס. פרייהייט, מיינע פריינט, קעמפט מען אויס מיט פולווער און בלוט!** (מאַכט אַ פויסט). **אַן אויג פאַר אַן אויג!** (גיט זיך אומרואיק אַ דריי). **איי, ווען מען וואָלט הייַנט געקענט מאַכן אַז די זון זאָל בלייבן שטיין, ווי יהושע האָט עס געטאָן בא די טויערן פון ירחו . . .** (עס גיט אַ שטאַר־קער דונער. אַלע דערשרעקן זיך. די גויים צלמען זיך און דער ייד שעפּ־טשעט אַ ברכה).

מרס. עווענס:

מיסטער פאָסטער, אפשר וואָלטן מיר דאָ ניט געשטאנען, נאָר פאר־בעטן דעם יידן אין דאָרף אריין? ער האָט נאָך אוודאי היינט אין מויל ניט געהאט?

מרס. פאסטער:

זייער א גוטער פלאַן. (זי קוקט אויפן הימל). עס גייט באלד רעג־נען! (צו אריהן). איר וועט היינט פון אונדז ניט אוועקגיין. קומט אין דאָרף אריין, וועט איר זיך אויסרוען!

אריה:

(נעמט דעם זאַק און גרייט זיך אים ארויפלייגן אויפן אקסל). עס וועט גענוג זיין, גוטע מענטשן. אַ דאַנק אייך, פאר אייער גוטהארציג־קייט. איך מוז זיך איילן. עס איז שוין אַזוי אויך צו שפעט.

דזשודיט:

(וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און געשמועסט מיט סעמיועלן, גיט א לויף צו מיסעס מעקאָרמיק). מיסעס מעקאָרמיק, בעט זיי אַז זיי זאָלן דאָ בלייבן!...

סעמיועל:

(גייט צום יידן. דער אלטער טוט אים אָן דעם זאַק אויף די פליי־צעס). יידע, גוטער יידע: איך בין שוין אזוי מיד פון ארומשלעפן זיך...

אריה:

(גלעט סעמיועלן איבערן קאָפּ און טוט אָן דעם זאַק. אין דער זעלבער צייט, רוימט ער אים איין א סוד). קינד מיינס: דו ווייסט וועמען איך דאַרף היינט זען... (צו די מענטשן). היינט איז אַ גרויסער יום־טוב בא אונדז יידן. איך מוז גיין אין סינאַגאָגע בעטן גאָט...

מרס. מעקארמיק:

טאָ, לאָזט דאָס קינד מיט אונדז. מירן גוט אכטונג געבן אויף אים. (צו סעמיועלן). וועסט בלייבן מיט אונדז, ביז דער יידע וועט צוריקקומען?

דזשודיט:

(צו סעמיועלן מיט בעטנדיקע אויגן). בלייב דאָ מיט אונדז... איך... (די טרערן שטיקן איר אין האלדז. זי ענדיקט ניט דעם זאַץ און גייט אַוועק אין א זייט).

סעמיועל:

(קוקט אויפן יידן, אויף די מענטשן און אויף דזשודיטן, וואָס איז

אַוועק אין אַ זייט. עס באַוויזן זיך אים טרערן אין די אויגן). **אַ דאַנק, ליבע מענטשן.** (טרויעריק. ער קוקט אויפן ניידן און זיפצט). **מיין מאַמע איז געשטאָרבן. מיין טאַטע איז געהרגעט געוואָרן. עלנד און דער־שלאָגן איז מיין זיידע. איך קען דעם אלטן אליין ניט איבערלאָזן.** (די פרויען מורמלען צווישן זיך מיט גרויס באַדויערן).

דזשודיט:

(גייט צו מיסעס מעקאַרמיק מיט פאַרוויינטע אויגן). **מיסעס מע־קאַרמיק,** (ווייזט אויף אריהן מיטן איניקל וואָס שטייען שוין גרייט צו גיין). **קען איך מיטגיין מיט זיי?...**

מרס. מעקאַרמיק:

(פאַרוואונדערט פון דעם געוואַגטן פאַרשלאַג). **מיטגיין מיט די יידן!... ווער ווייסט, וואו זיי גייען איצט?...**

מרס. עווענס:

(גייט צו דזשודיטן, גלעט איר איבערן קאָפּ). **זאָרג ניט, קינד, זיי בלייבן דאָ... זיי וועלן נאָך צוריקקומען... זיי וועלן קומען!...**

מר. פאַסטער:

(גיט אריהן די האַנט). **טאַ, גייט געזונטערהייט.** (קוקט אויפן הימל). **מיר דאַרפן גיין אין פעלד, איידער עס פאַלט אַ רעגן.**

די פרויען ווישן די אויגן מיט די ברייטע פאַרטעכער. זיי זאָגן „פערוועל!" צום אַלטן און הייבן אָן גיין. דזשודיט לויפט צוריק. זי גייט צו סעמיועלן אַ פאַרשעמטע.

דזשודיט:

זאָג צו, אַז דו וועסט צוריקקומען... (לאָזט אַראָנער דעם קאָפּ).

סעמיועל:

(קוקט אויף דער זייט פון זיידן, וואָס איז שוין גרייט צום גיין. **ער** רעדט צו דזשודיטן). **איך וועל צוריקקומען!... איך וועל צוריקקו־מען!...**

דזשודיט גיט סעמיועלן די האַנט און כאַפּט זי באַלד צוריק. זי לויפט אַוועק אין דער ריכטונג וואו די פאַרמערס זיינען אַוועק. סעמיועל קוקט איר נאָך און מאַכט מיט דער האַנט. ער מורמלט עפּעס. אריה ברזל הייבט אָן גיין. סעמיועל גייט אים נאָך מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. זיי גייען אזוי, ביזן עק פון דער בינע. מיטאמאָל, גיט זיך אריה אַ שטויס אָן אין דעם אָנקומענדיקן, פאַרהאַוועטן, חצקל. אַלע דריי בלייבן שטיין פאַר־וואונדערט. מען קוקט איינער אויפן צווייטן.

חצקל:

(דערלאַנגט אריהן אַ ברייטן שלום עליכם). **שלום עליכם, רב אריה! ווי קומט איר דאָ אַהער?!** (מיט באַדויערן). **פאַרבלאָנדזשעט נעבעך... איר מעגט גומל בענטשן** (נעמט אים ארום), **וואָס מיר זיינען דאָ!...**

אריה:

(פאַרוואונדערט פון דער באַגעגעניש. דערלאנגט אים די האנט. שמייכלט). **ווי קומט איר דאָ אהער?...**

חצקל:

מיר, ווי מיר קומען אהער? הערט א מעשה. מיר זיינען געפאָרן אין שטאָב אריין!

אריה:

איז חיים סאלאמאָן אויך דאָ? (לייגט ארונטער דעם זאַק אויף דער ערד).

חצקל:

וואָס הייסט? מיר זיינען ביידע דאָ! איר ווייסט דאָך, אַז דער באלעבאָס קען זיך ניט געבן א ריר אָן מיר! איז וואָס זשע פרעגט איר קשיות? כאַפּט דעם אלטנס זאַק און שלעפּט אים צו צום קלאָץ, וואו זיי זיינען פריער געזעסן. נעמט ארויס פון קעשענע א פלעשל בראָנפן). **אויב אזוי, איז, לאָמיר מאַכן א לחיים!** (טרינקט פון פלעשל). **עס איז נאָך צו פרי צו פארפאסטן!** (פאַסמאַקעוועט זיך. ווישט אָפּ די באָרד און די וואָנסעס. דערלאנגט אריהן דאָס פלעשל).

אריה:

(שטופּט אָפּ דאָס פלעשל). **ברענגט מיך שוין איצט, צו מיסטער סאלאמאָנען. איך מוז אים שוין איצט זען!**

חצקל:

(פאַרוואונדערט, וואָס דער אלטער וויל ניט טרינקען). **וואָס איז, א בעל תשובה געוואָרן אויף דער עלטער? לאָזט זיך ניט בעטן.** (שטופּט אים דאָס פלעשל אין דער האנט אריין). **דער רבי האָט געזאָגט, אַז ס'איז געזונט צו נעמען א קאָפּ בראָנפן!**

אריה:

נו, גוט. (נעמט דעם בראָנפן און טרינקט). **קום אהער מיין קינד, זעץ זיך אַוועק.** (סעמיועל גייט צו צום קלאָץ און זעצט זיך אַוועק).

חצקל:

(זעצט זיך אַוועק אויפן שפּיץ קלאָץ. פאַרלייגט א פוס אויף א פוס. די בייטש צווישן די פיס. ער פאַרדרייכערט די ליולקע). **אָך, די נאַראָנים וואָלטן געהאַט שכל...**

אריה:

(זעצט זיך לעבן חצקלען. נעמט דאָס פלעשל. גיט נאָך אַ זופּ און גיט עס צוריק צו חצקלען). וואָס איז?

חצקל:

(גיט ווידער אַ זופּ. פּאַסמאַקעוועט זיך. פּיפּקעט די ליולקע). נאַט איך אַ שמעק טאַבעק, פאַר אזא מלחמה! אָפּגעריסענע האַלעדראַנצעס זיינען זיי. ניט קיין זעלנער! (גיט א לייג ארויף די האַנט אויף אריהס אקסל). ווען מען לאָזט אונדז צו! הא, רב אריה? מיר וואָלטן זיי געוויזן! (נעמט נאָך א לאַנגן זופּ פון פלעשל. פּאַסמאַקעוועט זיך). איר הערט, רב אריה: גאָט האָט איך צוגעשיקט אין דער ריכטיקער צייט. נישטאָ פאַר וועמען א וואָרט אויסצורעדן . . .

אריה:

וואָס איז אַזוינס געשען, די קאַץ איז געלעגן געוואָרן?

חצקל:

נאָך ערגער! ((נעמט נאָך א טרונק בראָנפן. פּיפּקעט די ליולקע). נאָך ערגער!

אריה:

(רוקט צו דעם זאַק צו זיך. שפּאַרט זיך אָן אין שטעקן און הייבט אָן פאַררייכערן זיין ליולקע). וואָס, לאָמיר שוין הערן?

חצקל:

שלעכט אויף מיינע נאמנות! איר הערט, חתונה מאַכן ווילן זיי מיך . . . (פּיפּקעט די ליולקע, דרייט מיטן קאָפּ). ס'טויג ניט, זאָג איך אייך! ס'טויג ניט! . . .

אריה:

נו, האָט מען חתונה. צוריקגעשמועסט, אַז איר וועט ניט וועלן, וועט דאָך איך קיינער ניט שלעפּן מיט קיין שטריק!

חצקל:

ווייס איך וואָס! מיר איז אַזוי אויך גוט! איך אַרבעט פאַר זיך אַליין! האָב מיר מיינע פערד! דער באַלעבאָס האָט מיך ליב! די באַלעבאָסטע אויך און דאָס וואָס ווייבלעך האָבן מיך אויך ליב, בין איך דאָך ניט שולדיק?! . . . צוריקגעשמועסט, אַ פערד קען ניט אַנטלויפן פון האָבער און אַ מענטש — פון גוטס!

אריה:

מיט וועמען רעדט מען איך, ווער דאַרף דאָס זיין די באַשערטע?

חצקל:

מאַכסט אַמאָל אַ ווערטל מיט ביילקע דער קעכן, צי אַ קניפּ אין בעקל אריין, איז שוין א שידוך בא זיי! (שטעלט זיך אויף און איז אין כעס). דערפאר וואָס איך האָב איר געקויפט א שאלעכל אויף פסח, צו א קאָפּ־טענדל, דאַרף מען שוין גיין אונטער דער חופּה? אַ חרפה און אַ שאַנד, זאָג איך אייך! (גייט איבער דער בינע א בייזער). ווער וואָלט דאָס געגלויבט אויף איר?!...

אריה:

הערט זיך איין, חצקל: פון מענטשן קען מען זיך ווי עס איז באַהאלטן. אָבער פון גאָט, פארשטייט איר מיך, איז שוין אַן אנדערע זאַך... זי איז שוין ניט קיין יונג מיידעלע, מען זאָל זיך ארום שפּילן מיט איר...

חצקל:

ווער שפּילט זיך ארום מיט איר? (גייט איבער דער בינע און בייזערט זיך). מע טאָר שוין היינטיקע צייטן, קיין ווערטל ניט מאַכן, צי וואָס? דאָס מויל דאַרף מען פארשטאָפּן!... (צו אריהן). מאַ שבכן, איך האָב איר געקויפט די פּאָר שמאַכטעס, צי מיר זיינען געזעסן אויף דער באנק צי איך גיי אמאָל אריין צו איר אין קיך, איז בא זיי, שוין, א שידוך! ווער האָט דאָס געהערט פון אַזאַ זאַך? . . .

אריה:

דאָס מיידל איז אַ יתומה איר פאַרשטייט, דער רבונו של עולם האָט רחמנות אויף אַלע יתומים . . . זאָגט, ס'איז עפּעס פאַרגעקומען צווישן אייך ... איך מיין...

חצקל:

(קראַצט זיך אין קאָפּ פון עגמת נפש). איר זייט דאָך שוין ניט בעסער פון זיי?... געוואַלט! וואָס האָבן זיי זיך צוגעטשעפּעט צו מיר? (צו אריהן). מיט געוואַלד ווילן זיי מיר חתונה מאַכן! . . . מיט די ווייבער דאַרף מען זיך גאָרנישט אָנהויבן! דעם קאָפּ קענען זיי אייך פאַרדרייען!...

אריה:

(ווי צו זיך אליין). איך וויים פון דעם כלל: אַז מען קלינגט, איז חגא...

חצקל:

(פאלט אריין אין די רייד מיט א געבעט). איך האָב מיט איר קיין שום עסק ניט געהאַט! און בא זיי, שוין, חתונה האָבן, האָסט געהערט אַ מעשה! מיט אַלעמען חתונה האָבן, וועט זיך צונויפקלייבן אַ שיין

ביסל ווייבער!... (צו זיך אליין, הויך). **ניין! עס איז נאָך דאָ א גאָט אויף דער וועלט! עס איז ניט הפקר ציבעלעס!...**

אריה:

(מיט א זיפץ). **א יתומהס טרערן, ווערן ניט געשענקט פון גאָט ברוך הוא, חצקל!...** (עס גיט אַ שטאַרקער דונער און אַ בליץ. עס ווערט פינצטערלעך און פארוואָלקנט. אריה שטעלט זיך אויף אין איילעניש. מאכט א ברכה. כאַפּט דעם זאַק). **סעמיול מיין קינד, וואו ביסטו?** (צו חצקלן וואָס שטייט אין א זייט א פארזאָרגטער און קראַצט זיך אין קאָפּ). **חצקל, גיכער, ברענג מיך צום באַלעבאָס. עס וועט באַלד זיין אַ מבול!** (קוקט אויפן הימל און שלעפּט חצקלען פארן אָרבל). **קום, קום שוין גיכער!...**

חצקל:

וואָס איז די איילעניש? מיר פאָרן נאָך ניט אַוועק! מירן זיך נאָך לאַנג זוימען אין שטאָב! (הייבט אָן גיין מיט אריהן. לויפט צוריק נעמען דאָס פּלעשל בראַנפן וואָס ער האָט געלאָזן אויפן קלאָץ. גיט א כאַפּ א זופּ און רעדט צו זיך אליין). **חתונה האָבן... ביילע די קעכן... מיט געוואַלד!... האָסט געהערט א מעשה!...** (גייט נאָך אריהן, וואָס איז שוין ארויס פון דער בינע. חצקלען הערט מען נאָך מורמלען הינטער דער בינע). **עס וועט נישט גיין!... מיט געוואַלד!**

פאָרהאַנג פאַלט.

צווייטע סצענע

דזשאָרדזש וואַשינגטאָנס קוואַרטיר אויפֿן פראָנט. א גרויסער צי־מער אין אַ „לאָג־קעבין". דאָס מעבל איז איינפאַך: עטלעכע שווערע שטולן און דריי טישן. דער קאַמין איז איינגעהייצט. דאָס האָלץ קנאַקט אין פייער. אויף די ווענט הענגען שווערדן, ביקסן, פיסטאָלעטן און אָפיצערישע מאַנטלען. אויך אָפיצערישע היטלען הענגען אויף די ווענט. אין דער רעכטער זייט, איז א גרויסע וואַנט מיט עטלעכע פענצטער דורך וועלכע עס זעט זיך ווי סאָלדאַטן מיט ביקסן און אָן ביקסן, דרייען זיך ארום. דורך די שויבן זעט מען אויך, אַז אין דרויסן גיסט א רעגן. אין דער זעלבער וואַנט איז אויך פאַראַן א טיר, וואָס פירט ארויס אין דרויסן, אויפֿן גאַניק. אין צימער, פון דער רעכטער זייט לעבן דער צענטער וואַנט, זיינען פאַראַן טרעפּ וואָס פירן אַרויף אין די שלאָפצימערן אַריין. אויף דער פאָרענצע הענגען עטלעכע אָפיצערישע מאַנטלען, צווישן וועלכע עס ליגט אויך דזשאָרדזש וואַשינגטאָנס מאַנטל. לעבן דעם פענצטער, זיצט בא א טישל, מיטן פּנים צום עולם, דזשאָזעף ריד, וואַשינגטאָנס פּריוואַט סעקרעטאַר. בא דער לינקער וואַנט, זיינען אויך פאַראַן פיל שויבן. לעבן די שויבן שטייען אויך א טיש מיט אַ שטול. אויפֿן טיש זיינען אָנגעלייגט פּאַפּירן, עטלעכע ביכער, א רעוואָלווער און נאָך אַנדערע זאַכן. דאָס איז וואַשינגטאָנס שרייב טיש. ווען ער זיצט בא איס, קומט ער אויס מיטן פּנים צום פענצטער. אין מיטן צימער, שטייט א גרויסער, אַלטמאָדישער, קיילעכדיקער טיש, אויף וועלכן עס ליגט אויסגעשפּרייט א גרויסע מאַפּע. גענעראַל לינקאָלן, קאָלאָנעל טילגהאַם און קאָלאָנעל העמפּרייד קוקן אריין אין דער מאַפּע און מאַכן ציכנס מיט בלייפעדערס. לעבן דעם זעלבן טיש שטייען עטלעכע שטולן. זיי זיצן ניט אויף די שטולן, נאָר שטייען אָנגעבויגן איבערן טיש. פון צייט צו צייט, הערט זיך אַ דונערן און אויך שאָסן פון קאַנאָנען און ביקסן. עס איז אַן אומעטיקער טאָג. שפּעט נאָך מיטאָג.

ווען דער פאָרהאַנג עפענט זיך שטייט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן לעבן קאַמין און וואַרעמט די הענט. (דער קאַמין איז אין צענטער וואַנט). מען דערקענט, אַז ער איז פאַרזאָרגט און אומרואיק. ער האָט ערשט פאַרענדיקט דיקטירן א בריוו. דזשאָזעף ריד האַלט אין פאַרקלעפּן דעם

קאָנוועדט. בא דער טיר שטייט אַן אַמעריקאַנער סארזשאַנט און וואַרט אויף אינסטרוקציעס.

וואַשינגטאָן:

(צו רידן). **האָט איר אַלץ פאַרשריבן?**

דזשאָזעף ריד:

(האָט געענדיקט פאַרקלעפּן דעם בריוו. שטעלט זיך אויף). **יאָ, אייער עקסעלענץ!**

וואַשינגטאָן:

דעם בריוו וויל איך, אַז איר זאָלט איבערשיקן פּערזענלעך! איר הערט, פּערזענלעך צום פּרעזידענט פון קאָנגרעס.

דזשאָזעף ריד:

(גייט אַפּיר פון טיש. ווענדט זיך צום סארזשאַנט וואָס שטייט בא דער טיר). **א ספּעציעלער שטאַפעט!** (דערלאַנגט אים דעם בריוו). **פּער־זענלעך צום פּרעזידענט פון קאָנגרעס אין האַנט אַריין!**

סארזשאַנט:

(נעמט דעם בריוו. פאַררוקט אים אין דער בוזים קעשענע פון זיין רעקל. ער גיט זיך א ציִ אויס. סאַלוטירט). **יעס, אייער עקסעלענץ!** (דרייט זיך אויס צום עפענען די טיר צום גיין).

וואַשינגטאָן:

(פאַרהאַלט אים). **יאָ... דאָ דאַרף קומען אַ מאַן. ווי נאָר ער וועט אָנקומען, זאָלט איר אים גלייך אַריינלאָזן. דאָס איז ניט קיין וועטער צו לאָזן א מענטשן וואַרטן אין דרויסן!**

סארזשאַנט:

(סאַלוטירט). **יעס, אייער עקסעלענץ.** (גייט ארויס).

לינקאָלן:

(הייבט אויף דעם קאָפּ פון דער מאַפּע. גלייכט אויס דעם רוקן. רעדט צו וואַשינגטאָנען וואָס שטייט איצט לעבן דעם פענצטער וואָס איז לעבן זיין שרייבטיש און ווישט די שויב, ארויסצוקוקן אין דרויסן). **ווער דאַרף דאָס קומען אין אַזאַ וועטער?**

וואַשינגטאָן:

(גייט צו צו דער פאַרענטשע, אויף וועלכן עס ליגט זיין פּלאַשטש. נעמט ארויס פון קעשענע א בייגעלע פּאַפּיר. קוקט אויף דעם און רעדט

אויפגעלייגט). אלץ וואָס איך ווייס איז: אז ער איז אן אמעריקאַנער פּאַטריאָט. ער האלט אין איין שיקן געלט אָן אַ נאָמען. זיין בייטראג האָט זייער פיל געהאָלפן אונדזערע סאָלדאטן. אין יעדן קאָנווערט, וואו ער שיקט דאָס געלט, געפינט זיך אזא צעטעלע: (ווייזט דאָס בריוול צו לינקאָלן און הייבט אָן לייענען. די אָפּיצערן הייבן אויף די קעפּ פון דער מאַפּע און קוקן אויף וואשינגטאָנען בשעת ער לייענט). „א קלייגער בייטראג פאַר אַ גרויסער זאַך". פון אַן אומבאַקאַנטן פּאַטריאָט צו אַן אויסגעצייכנטן פּאַטריאָט". (לייגט אריין דאָס צעטעלע אין קעשענע און שמייכלט).

לינקאָלן:

(שמייכלט). זייער מיסטעריעז!

וואשינגטאָן:

עס איז מיר געלונגען צו אראנזשירן אז ער זאָל מיך באזוכן. איך וויל אויסדריקן אונדזער דאנקבארקייט. (זעצט זיך אוועק לעבן זיין שרייב־טיש). איך אליין בין נייגעריק אים צו זען...

לינקאָלן:

זייער אינטערעסאַנט. ווער קאָן דאָס זיין?

העמפריייד:

אפשר איז ער איינער פון די פּאַטריאָטן, מיט וועמען סער פרענק־לין האָט געמאַכט פאַרבינדונגען אין לאָנדאָן?

טילגהאם:

אפשר גאָר א פארשטעלטער טאָרי וואָס העלפט דער רעוואָלוציע?

וואשינגטאָן:

(דרייט זיך אויס צו די אָפּיצערן מיטן פּנים). ער קען ניט זיין אין לאָנדאָן, ווייל ער וועט דאָ באלד זיין. קיין טאָרי אוודאי ניט. ער וואָלט זיין רעפּוטאַציע ניט איינגעשטעלט, דאָ אהערצוקומען. איך וויל אז איר זאָלט ניט אוועקגיין, נאָר זיין דערביי, ווען ער וועט דאָ אהערקומען. עס איז ווערט צו באקאנען זיך מיט אן אמתן פּאַטריאָט. (דרייט זיך אויס צוריק צו זיין שרייבן).

לינקאָלן:

(שמייכלט). עס וואָלט ניט שלעכט געווען ווען מיר האָבן עטלעכע טויזנט אַזעלכע פּאַטריאָטן. (נעמט זיך צוריק צו זיין אַרבעט איבער דער מאַפּע, צוזאמען מיט די אָפּיצערן).

וואשינגטאָן:

(הייבט ניט אויף דעם קאָפּ פון זיין ארבעט). **איך גלויב אויך אזוי.** (אלע אין קעבין זיינען פארטאָן אין זייער ארבעט. מיטאמאָל דערזעט זיך דורכן פענצטער א בליץ און באלד נאָך דעם דערהערט זיך א שטאַרק דונערן. אין דער זעלבער צייט דערהערט זיך פון דרויסן, צווישן די סאלדאטן א שטאַרקע מורמלעריי און אויך אָפּגעריסענע קולות): **געכאפּט! גוט! שטיל זאָל זיין וואָס איז, איר צאַצקעט זיך מיט די אויסוואורפן? אין דער מאָרדע אריין! די נבלהז״** (און נאָך אזעלכע אויסדרוקן. דזשאָזעף ריד בייגט זיך צו צום פענצטער, ווישט אָפּ די שויב און קוקט ארויס. די טיר גיט זיך א פראל אויף. עס גיט א קום אריין דער סארזשאנט. ער פארמאכט די טיר און מעלדעט):

סארזשאַנט:

א שפּיאָן!

דזשאָזעף ריד:

ברענג אים אריין! (סארזשאנט גייט אָפּ). אומעטום לויערן זיי, די אויסוואורפן! (טילגהאם און העמפרייד לייגן אַוועק זייער ארבעט און בלייבן שטיין אַנגעשפּארט אין טיש, ווארטענדיק אויפן שפּיאָן. זייערע בליקן זיינען געווענדעט צו דער טיר. לינקאָלן און וואשינגטאָן קוקן זיך ניט אום. זיי זיינען פארטאָן אין זייער ארבעט. עס עפנט זיך די טיר. עס גיט א פאל אריין א הויכער, שיין געקליידעטער מאן. ער איז אָבער, שטאַרק צעשלאָגן, אויסגעשמירט מיט בלאָטע און נאָס פון רעגן. ער בלייבט שטיין בא דער טיר אָן אַ היטל. די האָר צעשויבערט. ער שטייט מיט ארונטערגעלאָזענע הענט און קוקט חוצפּהדיק, גלייך. **באלד נאָך** אים גייט אריין דער סארזשאנט מיט א פּאַפּיר אין דער האנט. ער פאר־מאכט די טיר און מעלדעט).

סארזשאַנט:

סילוועסטער און פּיטמאַן זיינען געגאנגען לעבן שאָסיי אויף קארא־אול, האבן זיי געפונען אָט דעם העכט. פריער האָבן זיי געמיינט, אז א הונט ליגט דאָרט. ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנעענטערט, האָט ער אָנגע־הויבן שיסן. פארוואונדערט פּיטמאַנען אין אקסל. סילוועסטער האָט זיך ארויפגעוואָרפן אויף אים און געכאפּט דעם שלאַנג. (דערלאנגט א פּאַפּיר). אָט דעם דאָקומענט האָבן מיר געפונען בא אים.

דזשאָזעף ריד:

(גייט צו. נעמט דעם דאָקומענט און וויקלט אים פאנאנדער. דער־לאנגט אים צו גענעראל לינקאָלן. לינקאָלן נעמט אים, וויקלט אים אויף

אינגאנצן. קוקט אין אים אריין. וואשינגטאָן דרייט זיך אוים אויפן בענקל).

וואשינגטאָן:

(צום סארזשאנט). **און וואו איז דער אומגליקלעכער פיטמאן?**

סארזשאנט:

גלייך צוגענומען אין שפּיטאָל אריין, אייער עקסעלענץ. א דאָקטער האָט אים גלייך איבערגענומען.

פון דרויסן הערט זיך א שטאַרק מורמלען צווישן די זעלנער. עס דונערט און עס בליצט. וואשינגטאָן שטעלט זיך אויף. גייט איבערן צימער. גייט פאַמעלעך פארביי דעם שפּיאָן. באטראכט אים גוט, פון אויבן ביז אַרונטער. גייט צוריק צו זיין שרייבטיש און זעצט זיך צוריק אוועק ארבעטן. ווען וואשינגטאָן האָט באטראכט דעם שפּיאָן, האָבן אלע אים נאָכגעפאָלגט מיט זייערע בליקן. זיי האָבן באמערקט דעם ביטול אויסדרוק אויף וואשינגטאָנס פנים. העמפּרייד דערנעענטערט זיך צום שפּיאָן און רעדט צו אים מיט ביטול און מיט כעס.

העמפּרייד:

א ברודער קעגן א ברודער! א בענעדיקט ארנאָלד האָט זיך דיר געוואָלט זיין! (מאכט א פויסט צום שפּיאָן אין פּנים אריין). **בידערטרעכ־טיקע אויסוואורפן, וואָס איר זייט!...**

לינקאָלן:

(וואָס האָט די גאנצע צייט געקוקט אין דעם דאָקומענט אריין. הויבט אויף דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פון וואשינגטאָן און שמייכלט). **אונדזער קעבין איז אויך פאראן! וואונדערבאר געצייכנט! מיט א געניער פּינקט־לעכקייט!...** (באטראכט דעם שפּיאָן. נעמט אים אדורך מיט שארפע אויגן).

העמפּרייד:

מיט כעס). **וואו האָסטו דאָס גענומען?...** (עס איז שטיל א ווײַלע, דער שפּיאָן ענטפערט ניט). **וואו האָסטו דאָס גענומען?!!!** (ער שטרעקט זיין פויסט צום שפּיאָנס פּנים).

שפּיאָן:

(האלט זיך שטייף). **איך ווייס ניט.**

טילגהאם:

(דערנעענטערט זיך צום שפּיאָן מיט רוגזה). **ווער האָט געצייכנט**

אט אַ די מאַפּע?! (דער שפּיאָן ענטפערט ניט. נאָר שטייט גלייך אויס־געצויגן).

העמפּריייד:

(וואָס שטייט אין דער צווייטער זייט פון שפּיאָן. בייזערט זיך). **רעדו זאָגט מען דיר!** (ווייל הויבן די פויסט, נאָר האַלט זיך איין. ער נעמט ארויס דעם רעוואָלווער פון שיטל און צילעוועט צום שפּיאָן. דער שפּיאָן בייגט זיך אָפּ אַביסל). **באַלד וועט ער זיך צעלייגן אין דיינע שלייפן, דו היבטישער זון!...**

דזשאָזעף רייד:

(מיט כעס און שטאָלצקייט). **זיין עקסעלענץ איז דאָ פריער אַדורך געגאַנגען לעבן דיר.** (דערנעענט זיך צום שפּיאָן מיט אַ פויסט). **האָסט אפילו ניט די זכיה געהאַט, אז זיין עקסעלענץ זאָל אַ שפּיי טאָן אויף דיר, דו היבטישער זון!... דו... פאַר אַ פּאָר מיזעראַבלע פונטו!...** (מער אויפגערעגט וואָס דער שפּיאָן ענטפערט ניט). **דו שווייגסט!... דו האָסט ניט וואָס צו ענטפערן!... דו!...** (מיט אַ פויסט).

לינקאָלן:

(גאַנץ רואיק, צום סאַרזשאַנט). **נעמט אים אַוועק.** (ווייזט אויפן שפּיאָן). **ער וועט שוין זיינס באַקומען.** (גייט צו וואַשינגטאָנס טיש. לייגט אַוועק דעם דאָקומענט און קערט זיך צוריק צו זיין אַרבעט. דער סאַר־זשאַנט נעמט דעם שפּיאָן פאַרן אָרעם און פירט אים אַרויס. עס הערשט אַ געדריקטע שטימונג אויף אַ ווײַלע).

דזשאָזעף רייד:

(זיצענדיק פאַרטיפט אין שרייבן, רעדט צו זיך אַליין). **אַך, די טאַ־ריס, זיי פאַראומרייניקן די וועלט!...**

העמפּריייד:

(אויך אריינגעטאָן אין דער אַרבעט אויף דער מאַפּע). **מען וואָלט געדאַרפט עפּעס טאָן וועגן דעם.**

לינקאָלן:

עס איז ניט נויטיק צו מאַכן קיין ווערטער וועגן דעם.

סאַרזשאַנט:

(גייט אַ קום אַריין און מעלדעט). **אייער עקסעלענץ, אַ הער, חיים סאַלאָמאָן וויל אייך זען!** (אַלע באַפרייען זיך פון זייער אַרבעט און ווענדן זייערע בליקן צום סאַרזשאַנט. זיי זעצן זיך אויף די שטולן, דער־וואַרטענדיק דעם גאַסט).

וואשינגטאָן:

(גיט זיך א דריי אוים אויף זיין שטיל, צום סארזשאנט און באפעלט). **לאָזט אים אריין!**

דער סארזשאנט עפנט אויף ברייט די טיר. עס גיט א יאָג אריין א ווינט פון דרויסן. סאלאמאָן גיט א קום אריין. ער איז שטארק פארנעצט פון רעגן. ער טוט אוים דעם הוט און די פעלערינע. בלייבט שטיין בא דער טיר און פארנייגט זיך זייער טיף פאר וואשינגטאָנען. דער סארזשאנט גייט ארוים און פארמאכט די טיר הינטער זיך. סאלאמאָן פארהוסט זיך אביסל. דזשאָזעף ריד גייט צו סאלאמאָנען, נעמט די קליידער פון אים און הענגט זיי אויף, אויף דער פארענטשע פון די טרעפ, וואָס פירן ארויף אויפן אויבערשטן שטאָק. אלע אָפיצערן פארנייגן זיך, בשעת סאלאמאָן פארנייגט זיך.

סאלאמאָן:

(ווען ער האָט זיך פארנויגט פאר וואשינגטאָנען). **אייער עקסעלענץ!**

וואשינגטאָן:

(שטעלט זיך אויף, גייט צו נעענטער צו סאלאמאָנען. ווייזט אים אָן אויף א שטול). **זיצט!** (ער קוקט אויף סאלאמאָנען און שמייכלט).

דזשאָזעף ריד:

(רוקט אונטער א שטול צו סאלאמאָנען, אז ער זאָל זיך זעצן. סאלאמאָן זעצט זיך ניט. ער שטייט פאר וואשינגטאָנען).

וואשינגטאָן:

(קוקט אים גלייך אין פנים אריין). **איר זייט עס דער מיסטעריעזער אונטערשטיצער פון אונדזער אָרעמער ארמיי? . . . האָבן מיר זיך ניט אַ מאָל באַגעגנט? . . . אייער פנים איז מיר באַקאַנט . . .**

סאלאמאָן:

(פארנייגט זיך). **אייער עקסעלענצעס אויג, צו דערקענען מענטשלעכע פנימער, איז מיר שוין לאנג באקאנט. אין טרענטאָן, אייער עקסעלענץ!**

וואשינגטאָן:

איר זייט א דייטש?

סאלאמאָן:

(שמייכלט). **ניין, אייער עקסעלענץ. אַ יידן אַ פוילישער ייד!** (ער בלייבט שטיין לעבן דער שטול. וואשינגטאָן גייט איבערן צימער מיט

די הענט פארלייגט אויף הינטן. ער איז פארטראכט. **די אַפּיצערן זעצן זיך אוועק אויף די בענקלעך.** אייניקע, קוקן דערוויל אריין אין זייערע פּאַפּירן. ווען וואשינגטאָן אָדער סאלאמאַןריידן, קוקן זיי אויף די רעד־נער מיט אינטערעס. וואשינגטאָן, גייענדיק איבערן צימער, רעדט ער, אַלע הערן.

וואשינגטאָן:

(צו סאלאמאָנען). **איך קען גוט פארשטיין אייער שטרעבן צו פריי־הייט. איר זייט אוודאי גוט באקאנט מיט אייערע לאַנדסלייט, אייערע מיטפּאטריאָטן, פולאַסקי און קאָשטשושקאָ?** (ווייזט אים אָן אויפן בענקל אז ער זאָל זיך זעצן). **זיצט, הער סאלאמאָן!**

סאלאמאָן:

(זעצט זיך אויפן שפּיץ פון בענקל). **מיר זיינען זייער גוט באקאנט.**

וואשינגטאָן:

(בלייבט שטיין אין מיטן צימער און קוקט אויף סאלאמאָנען). **דאָס געלט וואָס איר שיקט . . .**

סאלאמאָן:

ס'איז ניט געווען פיל. ווען איך וואָלט געוואוסט דאָס, וואָס איך האָב ערשט געזען אין דרויסן...

וואשינגטאָן:

(דערנעענטערט זיך צו אים). **מיינע העדקוואָדערס און די צוויי פּוילישע גענעראַלן האָבן פיל מאָל דערהאַלטן געלט פון אַן אומבאַקאנטן פריינט.** (קוקט אויף סאלאמאָנען וואָס זיצט א פארשעמטער). **איך פיל אז עס איז מיין פליכט צו אינפאָרמירן זיי, ווער דער מיסטעריעזער פריינט איז.** (ער באמערקט ווי סאלאמאָן פילט זיך אומבאַקוועם פון דעם געשפּרעך. צו די אָפּיצערן). **קאָשטשושקאָ האָט מיר פיל מאָל געזאָגט, אז די יידן זיינען די בעסטע פּאטריאָטן און זייער איבערגעגעבענע קעמ־פער. אין דער זעלבער צייט, ווערן זיי פון אלעמען שלעכט פארשטאנען.**

לינקאָלן:

(ווייזט אין פענצטער אריין צו סאלאמאָנען). **מיסטער סאלאמאָן: מיר האָבן דאָ קנאַפּע דריי טויזנט סאָלדאטן וואָס פּאסן זיך ניט פארן מיליטער דינסט בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט קיין עסן און קיין קליידער, און קיין שיך.**

טילגהאם:

בלויז דערפאר, וואָס אייניקע סוחרים האלטן די סחורות אויף שפּעקולאַציע.

סאַלאָמאָן:
(צו לינקאָלן). **איך וועל טאָן אַלץ, וואָס איך קען, הער גענעראַל.**

וואַשינגטאָן:
(מיט אַ שמייכל). **איר האָט געטאָן מער ווי אייער חלק.**

סאַלאָמאָן:
(שטעלט זיך אויף. שמייכלט). **איך פיל קאָמפּלימענטירט, אייער עקסעלענץ. אויב איר וועט זיך נויטיקן אין הילף, בין איך גרייט צו דינען!**

לינקאָלן:
מעגלעך, אז מיר'ן זיך ווענדן צו אייך אין דער נאָענטער צוקונפט.

וואַשינגטאָן:
(נעמט אַ שטול און זעצט זיך לעבן סאַלאָמאָנען). **זאָגט מיר, מיין שעמעוודיקער פּאַטריאָט, וואָס הערט זיך אין ניו־יאָרק?**

סאַלאָמאָן:
די געוויינלעכע זאַך: מען פאַרשפּרייט רכילות וועגן אייער עקסע־**לענץ און אייערע מיטאַרבעטער. אָבער, דאָס האָט קיין שום ווירקונג נים... א פאָלק וואָס צעשמעלצט זיינע אַקעראַייזגס אויף ביקסן, א פאָלק** וואָס גיט אַרויס אַזעלכע פּרויען ווי „מאָלי פּיטשער", אויף אַזאַ פאָלק, קען די ביליקע אַגיטאַציע, ניט האָבן קיין ווירקונג . . .

דזשאָזעף ריד:
זיי מיינען אפשר, אז זיי וועלן געפינען נאָך בענעדיקט ארנאָלדס!

וואַשינגטאָן:
(גיט זיך א שטעל אויף). **איך בעט אייך, רייסט ניט אויף קיין וואונדן** . . . מוז טאַקע מיין האַרץ אויסטרינקען דעם סם ביזן לעצטן **טראָפּן? און די הענט זיינען פּאַראַליזירט...** (ער איז שטיל א ווײַלע. ער גייט איבערן צימער. צו אַלע אָפּיצערן). **דאָס וואָס די יידן זיינען** אַקטיוו אין דעם אויפשטאַנד, פאַרחידושט נאָך מער: די יידן, וועמען די אַנטיקע וועלט האָט באַוואונדערט פאַר זייער העלדישן קאַמף פאַר פרייהייט, האָבן זיי האָבן אַנגעוואוירן זייער לאַנד ניט געוואָלט נעמען קיין אַנטייל אין די בלוטיקע מלחמות וואָס די דעספּאָטן האָבן געפירט צווישן זיך.

סאַלאָמאָן:
אין אויסקעמפן פרייהייט, זיינען אַלע אונטערדריקטע גלייך. דער

וואָס איז אונטערדריקט, דער קעמפּט. און די וואָס קעמפן, זיינען באַרעכטיקט צו געניסן די שוץ און גנאָד פון דער רעגירונג.

וואַשינגטאָן:

דאָס וואָס די דעספּאָטן האָבן ניט געקענט דערגרייכן מיט צוואַנג, טוען דאָס די יידן אין די קאָלאָניעס, מיט זייער פרייען ווילן.

סאַלאָמאָן:

די יידישע געמיינדע לייגט זייער פיל האָפנונג אויף אייער עקסעלענץ.

לינקאָלן:

(שמייכלט). ניט אזויפיל, וויפל אייער נביא האָט געלייגט אויף דעם פערסישן קעניג, כורש?

סאַלאָמאָן:

מען דאַרף באַוואָרנען אז די קומענדע דורות זאָלן ניט באַגיין די זעלבע פעלערן, וואָס אונזעדע אורעלטערן זיינען באַגאַנגען.

לינקאָלן:

דאָס זיינען געווען טעג, פון אויסערגעוויינטלעכע ראָמאַנטישע געשעענישן.

וואַשינגטאָן:

יעדער זאַך זעט אויס ראָמאַנטיש, ווען מיר באַטראַכטן דאָס פון דער ווייטנס. (צו לינקאָלן). יענע מענטשן זיינען געווען גרעסערע רעאַל פּאָליטיקער, ווי ראָמאַנטיקער. דאָס וואָס מענטשן, אָן אונטערשייד פון רעליגע, זיינען אַלץ מקריב פאַרן דערפאָלג פון אונדזער זאַך, דאָס מאַכט מיך צום גלויבן, אז מיר וועלן זיכער זיגן. (זעצט זיך באַם שרייבטיש).

העמפּרייד:

ווען די גענעראַלן לי און גייטס וואָלטן אויסגעפירט די באַפעלן פון אייער עקסעלענץ און ניט אינטריגירט אין קאָנגרעס, וואָלט קאָרנוואַלעס אזוי לאַנג ניט געשטאַנען לעבן פילאַדעלפיאַ. מיר וואָלטן געהאַלטן די פאָרטיפיקאַציעס אויפן דעלעווער און רעד בענק. און קלינטאָן וואָלט אַזוי לייכט ניט אָפּגעטראָטן קיין ניו־יאָרק.

וואַשינגטאָן:

(דרייט זיך אויס אויפן בענקל צו אלעמען). איך בין ניט איינשטימיק מיט אייער קריטיק, מיינע הערן. ס'איז אמת, אז אמתער מוט שיינט דאָ, וואו עס טוט וויי און דאָך לאָיאַל צו זיין פליכט. דאָך זיינען מענטשן

שוואכע ברואים. אפילו די, וואָס באַזיצן גרויסע טיטולן, שטעלן פיל מאָל דעם אייגענעם איך העכער, ווי דעם כּלל. גייטס האָט געשטרעבט צו ווערן דער הויפּט קאָמאַנדיר. דאָס איז ניט קיין עוולה.

פּאַלאַמאָן:

די רואיקע האַלטונג פון אייער עקסעלענץ, האָט באַוויזן אַלע שונ־אים. צוריקגעשמועסט, יעדער מענטש באַגעגנט שטרויכלונגען אין לעבן. (מיט אַ שמייכל). אַ צו גלאַטער וועג, מאַטערט אויך אויס.

וואַשינגטאָן:

(שמייכלט). אַ סאָלדאַטס לעבן איז קיינמאָל ניט רואיק.

העמפריד:

נאָך די אַלע רכילות וואָס גענעראַל לי האָט פאַרשפּרייט, אַז אייער עקסעלענץ אַנטלויפט ווי אַן אַרעסטאַנט, פאַרזיכער איך אייך, אַז איר האָט געהאַנדלט שוין צופיל געדולדיק צו זיי.

וואַשינגטאָן:

אמת, אונדזער סטראַטעגיע איז, אָפּטרעטן און ווידער אָפּטרעטן. מיר פירן אַ פאַרטיידיקונגס מלחמה. כאָטש דער קאָנגרעס וויל שנעלע האַנדלונג. (גיט זיך אַ שטעל אויף. שמייכלט). מיינע הערן, די אַלע רעטענישן וואָלט מען געדאַרפן איבערלאָזן פאַר די געשיכטע שרייבער צו פאַרענטפערן... (זיפצט).

פּאַרזשאַנט:

(גיט אַ קוק אַריין און נאָך איש נאָך אַ סאָלדאַט. ער מעלדעט). אַ העראָלד פון מאַרקיז, גענעראַל לאַפאַיעט, אייער עקסעלענץ! (דער הער־אָלד סאַלוטירט און דערלאַנגט אַ פּאַפּיר צו וואַשינגטאָנען. אַלע שטעלן זיך אויף און קוקן אומגעדולדיק).

וואַשינגטאָן:

(נעמט דעם פּאַפּיר. טוט אָן די ברילן. קוקט אויף אַלעמען. רעדט מיט אַ זיפץ). אין דער מלחמה מיט מיינע „פריינט" בין איך געוואָרן גרוי און איצט ווער איך בלינד אויך... (עס איז שטיל. ער לייענט פאַר זיך אַליין. צו טילגהאַם). זעט אַז אַלע זאָלן זיין גרייט פּונקט ניין אַזייגער. (טילגהאַם טוט אָן דעם מאַנטל און הוט. צו לינקאָלן). גענעראַל לאַפאַ־יעט וועט זיין אין צענטער. איר וועט פירן די אַטאַקע פון לינקן פליגל! (לינקאָלן סאַלוטירט און קלייבט זיך צו גיין). איידער איר גייט, וויל איך אייך בעטן: שרייבט אויף אויף אייער זאָטל די פיר מידות: וואַכ־זאַמקייט, פאָרזיכטיגקייט, מוטיגקייט און מענטשלעכקייט!

לינקאָלן:
(סאַלוטירט. שמייכלט). **אייער באפעל וועט פינקטלעך אויסגעפירט ווערן.**

וואשינגטאָן:
(צו אלעמען). **די אטאקע טאָרן מיר ניט פארלירן. איך האָב איר פאָרזיכטיק פלאנירט. מיר דארפן טאָן דאָס מעגלעכסטע. דאָס איבע־ריקע וועלן אונדז די גוטע מלאכים מיטהעלפן.** (צו דזשאָזעף רידן). **איר וועט זען אז מיסטער סאלאמאָן זאָל אהיימקומען בשלום.** (צו העמ־פריידן). **איר וועט זיין מיט מיר.** (צו סאלאמאָנען. גיט אים די האנט). **דער ביטערער פיל, דערגרייכט שוין ביז דאנען.** (זיפצט און ווייזט אויפן האלדז). **איר, ווי די איידעלע פולאסקי און קאָשטשושקאָ, מענטשן אָן א לאנד, טוען אלץ, צו העלפן געווינען א לאנד פאר מענטשן.** (סארזשאנט ברענגט צו וואשינגטאָנס מאַנטל און העלפט אים אָנטאָן. אלע האלטן זיך אין אָנטאָן. דזשאָזעף ריד לייגט צוזאמען די פאפירן).

סאלאמאָן:
(פארקנעפלט זיך אויך זיין מאַנטל). **איך בין זיכער; פונקט ווי יהודה המכבי האָט געזיגט איבער די סיריער, אזוי וועט אייער עקסעלענץ זיגן. איך בין זיכער אין דעם! . . .**

וואשינגטאָן:
(ארופציענדיק דעם מאנטל). **א דאנק מיין ליבער פאטריאָט!**

פאָרהאנג פאלט.

דריטע סצענע

ערב יום־כיפור פארנאכט. בא סאלאמאָנען אין עסצימער. דאָס צימער איז אויסגעפּוצט אין קאָלאָניאַלן סטיל: א גרויסער עסטיש מיט גרויסע מאָהאגעני שטולן שטייען אין מיטן צימער. אויפן טיש שטייען מנורה לייכטער און די ליכט ברענען אין זיי. אויפן צענטער פון וואַנט צווי לאַנגע פענצטער מיט פאָרהאנגען און גאַרדינען, אַ פייער קאַמין צווישן די פענצטער. איבער דעם פייערפלאַץ הענגט א גרויסע מאָלעריי. בא די זייטן פון די פענצטער שטייט אַ גרויסע קרעדענץ מיט געשיר אינ־ווייניק. אין דער צווייטער זייט, א קאַמאָד און איבער איר, א גרויסער שפּיגל מיט אַ גאָלדענעם ראַם. בא דער לינקער וואַנט שטייט אַ גרויסער זייגער וואו דער אומרו באַוועגט זיך. אין דער רעכטער זייט זיינען פאַראַן צווי טירן. איינע איז א טיר וואָס פירט אריין אין דער קיך און די צווייטע איז פארהאָנגען מיט א פאָרהאנג, וואָס פירט אריין אין א צווייטן צימער. אין דער רעכטער זייט איז א טיר, וואָס פירט ארויס אין קאָרי־דאָר, אין אנדערע צימערן אריין און אויך ארויס אין גאַס.

ווען דער פאָרהאנג עפנט זיך, שטייט רחל און בענטשט די ליכט. עס איז נאָך דער וועטשערע. אריה ברזל זיצט און ענדיקט טרינקען טיי. ער זופּט די טיי פון א טעצעלע. רחל ווישט די טרערן פון די באַקן, וואָס זיינען געפאלן באַם ליכט בענטשן. זי איז זייער שיין אָנגעטאָן, אָבער ניט רוישיק. זי זעט אויס אביסל עלטער און פארזאָרגט. זי גייט צו צו אריהן און זעצט זיך אוועק לעבן אים.

רחל:

(מיט א טרויעריקע שטימע). **מיר איז אזוי אומהיימלעך. איך בין צעטומלט. פּונקט ווי איך וואָלט אין דער זעלבער צייט געגאנגען אויף צווי אומבאַקאנטע וועגן. אַט דאַכט זיך מיר, אַז איך פאַרשטיי אַלץ און אַט זעט אַלץ אויס, ווי עס וואָלט געווען פאַרהילט אונטער אַ גרויסן נעפּל.**

אריה:

(ווישט אָפּ די באָרד און וואָנסן פון די טיי). **ווען די צייט וועט קומען, וועסטו אלץ פארשטיין, מיין קינד. ערגערן, דאַרפסטו זיך ניט.**

רחל:

איך לעב אָבער אין איין שרעק! אָט, איז ער אייערנעכטן אוועק־געפאָרן, איך האָב אפילו ניט געוואוסט וואוהין און ווען ער וועט צוריק־קומען.

אריה:

(רייסט איר איבער). **צוליב דער פרייהייט, מיין קינד, זיינען מענטשן מקריב זייערע שענסטע געפילן. אָפילו די ליבע צו דער אייגענער פרוי אָדער די אייגענע טאָטע מאַמע. צי עס דאַרף אזוי זיין, ווייס איך ניט. אָבער אזוי איז עס...**

רחל:

פאַרוואָס זאָל איך דאַרפן אזויפיל ליידן און ניט וויסן פאַרוואָס און פאַרוועןָ?!... (גייט צו דער קאָמאָדע. נעמט פון דאָרט אַרויס אַ קליין ביכעלע. קומט שנעל צוריק און זעצט זיך לעבן אריהן, אויף איר פלאַץ).

אריה:

(בשעת רחל איז געגאַנגען צו דער קאָמאָדע, רעדט ער צו זיך אַליין). **יאָ!... דאָס איז שרעקלעך!... כאָטש מיר ווייסן ניט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען, פונדעסטוועגן דאַרפן מיר...** (זיינע רייד ווערן איבער־געריסן).

עס גייט אַ קוס אריין חיים סאלאמאָן מיט בענדזשעמין נאָנעז, סאַ־לאמאָן איז זייער גוט אויפגעלייגט. ער גייט אין זיין וועסטל און ווייסער העמד מיט לאַנגע אַרבל. ווייסע זאָקן מיט געפאַסטע דיידענע הויזן ביז די קני, קאַמאַשן און גאָלדענע באָקלס אויף זיי. בענדזשאַמין נאָנעז זעט אויס זייער שיין, אַ מאַן פון אַ יאָר 28. ער איז אָנגעטאָן אין גאַנצן פּראַכט פון אַ מאַיאָר פון דער פרייהייטס אַרמיי. ער איז באהאַנגען מיט מעדאַלן. אַריינקומענדיק זיינען זיי אין מיטן פון אַ געשפּרעך.

סאלאמאָן:

(זייער אויפגעלייגט). **מאַיאָר נאָנעז,** (רייבט זיך די הענט פון פרייד). **אָדער, יונגער לאַפאַיעט, ווי זיי רופן אייך, דערציילט עפּעס אפּאָר אינ־טערעסאַנטע עפּיזאָדן פון פראָנט.** (ביידע דערנעענטערן זיך צום טיש. סאלאמאַן בלייבט שטיין פון דערוויטנס און נאָנעז הייבט אָן שילדערן, מיט אַ שמייכל).

נאָנעז:

לעבן טרענטאָן, לויף איך נאָך אַ טאָרי; זע איך ווי זיין פּיסטאָלעט איז **אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. ער בייגט זיך אָן אויפצוהויבן אים, אָבער, שוין צו שפּעט געווען. ער איז שוין בא מיר אין דער האַנט.**

סאלאמאָן:

(שמייכלט). און יענער?

נאָנעז:

יענער מאכט זיך הארץ און זאָגט:—שפאסן ווילט זיך דיר? אז מיין הארץ וויינט פאר פרייד, וואָס איך בין לעבן געבליבן—(לאכט).

אריה:

(מיט א זיפץ). נו, וואָס איז דען דאָ וואָס צו לאכן? אפשר האָט יענער איבערגעלאָזן אין דער היים א ווייב מיט קינדער? אוי...

נאָנעז:

אוי, רב אריה, איר האָט נאָך אַלץ רחמנות... אפילו אויפן שונא!...

סאלאמאָן:

(צו נאָנעזן). מאיאָר נאָנעז, דאָס איז די לערע פון אונדזערע נביאים.

אריה:

רבונו של עולם, ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו דעם בלוטבאָד! (זיפצט).

נאָנעז:

(מיט הארץ). רב אריה, ווען איר וואָלט געזען ווי גענעראל פּאָלאַסקי איז געלעגן אין אַ טייך בלוט און נאָך אַלץ פאָרגעזעצט דעם קאַמף, וואָלט איר אַנדערש גערעדט. (ווייזט אויף א מעדאל). אָט די אויסצייכנונג האָב איך געקראָגן אין שלאַכט לעבן סאַוואַנאַ. מיר האָבן ארומגערינגלט די שטאָט. מיר זיינען באַלד געווען אינווייניק. אין מיטן דרינגען דערזע איך, ווי גענעראל פּולאַסקי איז געפאַלן. אַ שוידער האָט מיך דאמאָלט באַפאַלן. איך האָב מיר גלייך אויסגעקעמפט א וועג און בין צוגעקומען צו אים. (מיט א טיפן זיפץ). אָבער צו שפּעט געווען...

סאלאמאָן:

(מיט פרייד). דאָס איז א גרויסער כבוד פאר אונדזער פאָלק. (קלאַפּט אים אין פּלייצע). דו ביסט איצט א יחסן, א כבוד פאר אונדזער פאָלק! זאָלן אלע וויסן, אַז יידן זיינען מוטיקע און בראַווע קעמפער!

נאָנעז:

(טרויעריק). איך בין שטאָלץ! אודאי בין איך שטאָלץ... מען האָט מיך געמאַכט פאַר אַ לייטענאַנט, נאָך דעם געשיקט דינען מיט גענעראל די־קאַלב... אויך אים האָב איך געזען פאַלן אין שלאַכט, ווי

א העלד... יאָ, איך געדענק עס ווי אצינד... בא קעמדן איז עס גע־װען... א ביטערע שלאַכט איז עס געווען... ווען איך האָב אים אָוועק־געטראָגן פון פעלד, האָט ער נאָך געלעבט. דאָס בלוט איז גערונען פון זיינע עלף וואונדן... איך ווייס, אַז די שלאַכט איז פארלאָרן—האָט ער מיר אַריינגעזיפצט אין די אויערן—דער קאַמף מוז פאַרגעזעצט ווערן. (מיט א זיפץ). נו, גענוג וועגן מיר. וואָס מאַכט איר דאָ, אַלע?

סאלאמאָן:

(מיט א שמייכל און א זיפץ). דער זעלבער פוילישער ייד. איך קען וועגן אַזעלכע העלדישקייטן ניט דערציילן.

נאָנעז:

אָבער אין שטאָב, (צו רחלען און צו אריהן) רעדט מען וועגן חיים סאלאמאָנען מער, ווי וועגן דעם גרעסטן העלד. (לאַכט צו סאלאמאָנען). איך ווייס טאַקע ניט, וואָס די רעוואָלוציע וואָלט געטאָן אָן דיר?

רחל:

ווי עס זעט אויס, ביסטו דער איינציקער, וועמען די רעוואָלוציע וועט ניט פארגיטיקן...

אריה:

נאָבעלע מענטשלעכקייט, פארגעסט מען פיל מאָל...

נאָנעז:

(צו אריהן און רחלען). וועט דאָס זיין א געפערלעכער פארגלייך, רב אריה? ווי נאָר דער אלטער פרעה איז געשטאָרבן, האָט דער יונגער קעניג ניט געוואָלט וויסן ווער יוסף איז געווען און וואָס ער האָט געטאָן פאר זיין לאנד?...

אריה:

עס וועט אויך ניט זיין אויסערן וועג צו זאָגן: אז דער געצעלט פון אונדזער שטאמפאָטער אברהם, איז אַלעמאָל געווען אָפן און גאסט־פריינטלעך, פאר די ליידענדע...

סאלאמאָן:

(פילט זיך אומרואיק פון דעם גאנצן געשפרעך). מיינע פריינט, צי וואָס דאָס אַלץ? (ער קוקט אויפן וואנטזייגער). מען דארף זיך אָנטאָן און גיין אין שול אריין. עס ווערט שפעט... (ער גייט אריין אין צווייטן צימער).

רחל:

איר הערט (צו נאָנעזן און צו אריהן). איר הערט: לעצטן מאָנטיק

בין איך געזעסן אין ביוראָ, קומט אריינצולויפן א פאַרשוויצטער, מיסטער ברייסן. ער לויפט גלייך צו חיימען און פרעגט אין איין אָטעם: איר קענט מיר זאָגן, צי די ארמיי קען נוצן העמדער פאר די סאָלדאטן? חיים איז א דערפרייטער געוואָרן. העמדער? שרייט ער אויס! איך בין זיכער אַז די ארמיי קען נוצן העמדער. איך ווייס אָבער ניט—זאָגט חיים—צו ס'איז דאָ גענוג הארטע געלט אין דער באנק. אויב איר זענט צופרידן אָנצונעמען רעגירונגס סערטיפיקאַטן, וועל איך רעדן מיטן פינאַנץ סעקרעטאר, מיסטער מאָריס . . . ווייסט איר וואָס יענער האָט געענטפערט? ... איך וועל זיך באקלערן! און איז ארויסגעלאָפן!... (ווייזט אויפן הארצן). ווען איר וואָלט געוואוסט ווי אומעטיק עס איז מיר אויפן הארצן...

אריה:

(אביסל אויפגערעגט). רחל מיין קינד, דו רעדסט, ווי זאָל איך זאָגן, ווי אַ קינד! די קאָלאָניסטן דארפן זען אז מיר שטייען ניט פון דער ווייטנס, פון דעם גערעכטן קאמף. כאָטש, ס'איז שווער צו זאָגן וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. דאָך, דארפן מיר הייגט אלץ טאָן... יידן דאַרפן האָבן בטחון!

רחל:

(פאַלט אריין אין די רייד. מישט די בלעטלעך פון דעם ביכעלע). גיט אומישנע א קוק! ... (לייענט פון ביכעלע). גענעראל סענט קליער, דריי הונדערט דאָלאר. דזשיימס ווילסאָן, דריי טויזנט, פיר הונדערט און צוויי און זיבעציק דאָלאר... (מישט די בלעטלעך אויף שנעל און לייענט די נעמען). דזשיימס מעדיסאָן, גענעראל מעקדוגל, פולאַסקי, קאָשטשושקא, טאָמאס מיפלין, מעקפערסאָן, פאר א נייער סינאַגאָגע . . . גיט א קוק, אפילו בענעדיקט ארנאָלדס נאָמען איז דאָ פאראן! (זיפצט). ווער קען דאָס אויסרעכענען אזויפיל ציפערן און נעמען, וועמען ער האָט אלץ געגעבן געלט! ראָבערט מאָריס, פארנעמט צוויי זייטלעך... און וויפל מענטשן האָט ער אינגאַנצן ניט פאַרשריבן?!... (פאַרמאַכט דאָס ביכעלע). ער האָט דאָך געקענט זיין דער רייכסטער מענטש אין לאנד!...

סאלאמאָן:

(גיט א קום אריין אומגעריכט. ער בלייבט שטיין בא דער טיר. ער הערט דעם לעצטן זאַץ פון רחלען. פאַלט אריין אין די רייד). און איך דער פארהאַסטער מענטש אין לאַנד! (דערנעענטערט זיך צו רחלען). ווי וואָלסטו געפילט, ווען דו וואָלסט פארבייגעגאנגען אין גאס און מען וואָלט אויף דיר געטייטלט מיט די פינגער (ווייזט מיטן פינגער): אָט דאָ,

גייט דאָס ווייב פון דעם ערגסטן מענטשן אין דער וועלט?... האַ, ווי וואָלסטו געפּילט?... (גייט צום שפּיגל און מאַכט זיך גלייך דאָס העמד און די וועסט).

רחל:

(פאַלגט נאָך סאַלאמאָנען מיט די אויגן). **אפילו דער פינאַנס־מיניסטער גיט ניט אוועק אזויפיל. און איך זע גאָרנישט, און האָב גאָרנישט געהערט, אַז עמיץ זאָל אים פיינט האָבן. אדרבה, דערפאַר וואָס ער איז רייך געוואָרן, האָט מען פאַר אים מער אַפּשיי...**

סאַלאמאָן:

(שטייט באַם שפּיגל. פאַרקנעפּלט דאָס העמד און פאַרקעמט זיך די האָר). **ס'איז א גרויסער אונטערשייד, צווישן מיר און זיי.** (דערנענטערט זיך צו רחלען און רעדט אויך צו אריהן און צו נאָנעזן). **איך בין א ייד! פאַרשטייסט? ווען איך וואָלט אויסגענוצט די מעגלעכקייט און רייך געוואָרן, בלויז פאַר זיך אליין, וואָלט מען געוויזן מיט די פינגער: אָט דאָ גייט דער ייד וואָס איז רייך געוואָרן, אין דער צייט ווען מענטשן האָבן פאַרגאָסן זייערע פעלדער, מיט זייער אייגן בלוט!**

רחל:

(פאַלט אריין אין די רייד). **אָבער חיים טייערער, איצט וועלן דאָך אלע לאַכן און זאָגן...**

סאַלאמאָן:

(לאָזט איר ניט ענדיקן). **די וועלט וועט אָבער ניט קענען זאָגן, „אָט דער ייד האָט פאַרראַטן דאָס לאַנד, וואָס האָט אים געשפּייזט!** (צו אריהן און צו נאָנעזן). **דער גאַנצער אומגליק ליגט אין דעם, וואָס דער מענטש ווערט פון קליינוויניז אויף פאַרסמט מיט דער גייציקגייט נאָך געלט!** (אין כעס). **זיין האַרץ ווערט קליין, גרוי און טויט. א שטיק קאַלטע מעטאַל!...** (פאַרהוסט זיך. פאַלט אוועק אויף א שטול).

אריה:

(שטעלט זיך אויף און גייט צו צו סאַלאמאָנען). **באַרואיק זיך, חיים! זי איז דיין ווייב. זי מעג, נישקשה!...**

סאַלאמאָן:

(זיצענדיק אויף דער שטול, די הענט אַראָפּגעלאָזן, הוסט און רעדט מיט היץ). **אדרבה, זאָגט, זאָלן מיר העלפן זיין עקסעלענץ ווען ער האָט זיך געווענדט צו אונדז נאָך הילף, צי ניט? . . .** (הוסט)

נאָנעז:

(גייט צו צו סאלאמאָנען). **חיים סאלאמאָן, איר דארפט זיך ניט אויפרעגן. איר פילט ניט גוט!**

סאלאמאָן:

(אַביסל הייזעריק) הוסטנדיק). **מיין פריינט נאָנעז, איך פיל אַלע־מאָל גוט!** (אין דער צייט, איז רחל אריין אין צווייטן צימער און געבראכט א פראָשעק און אַ גלאָז וואסער. זי גיט דאָס צו סאלאמאָנען).

רחל:

(רעדט דערשראָקן). **איך האָב דאָך גאָרנישט געמיינט . . . אָן אומגליקלעכע פרוי בין איך, איך האָב אפילו ניט פאַר וועמען אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן . . .**

סאלאמאָן:

(טרינקט. באַרואיקט זיך). **איך בעט דיך, רחל, הער אויף ריידן** אַזעלכע ווערטער. דו ווייסט, אַז דינען דער פרייהייט, איז מיין לעבן . . . **דאָס איז מיין גליק!**

רחל:

טאָ, לערן מיך אויס טאָן די ארבעט, ווי דו. איך זאָל קענען זיין מיט דיר צוזאמען. איך האָב אלע רעכט צו פארלאנגען דאָס! איך בין דיין פרוי!

נאָנעז:

באַרואיקט זיך, מאַדאַם. אלץ וועט זיין רעכט. איר דארפט פאַר־שטיין, אַז עס זיינען פאַראַן זאַכן, וואָס מען קען קיינעם ניט דערציילן...

רחל:

צווישן מאן און ווייב, דארפן ניט זיין קיין סודות!

סאלאמאָן:

(צו נאָנעזן). **עס איז פאַראַן אַזאַ ליבע, וואָס שטערט דעם מענטשן צו טאָן דאָס, וואָס עס האלט אים אויף ביים לעבן! וואָס פאַרשאַפט אים דאָס גליק אין לעבן!** (שטעלט זיך אויף). **איך קען מיך פון דעם גליק ניט אָפּזאָגן און וועל מיך ניט אָפּזאָגן!...**

חצקל:

(גיט א קוק אריין מיט א פראק אין דער האנט). **באַלעבאָס, אָט דעם סורדוט, וועט איר היינט טראָגן אין שול!**

רחל:

(גייט צו נעענטער צו חצקלען און באַטראַכט דעם סורדוט). **חצקל, וויפל מאָל דאַרף מען אייך זאָגן? איך האָב אייך געזאָגט אַז דער באַלע־באָס וועט טראָגן דעם בלויזן און ניט דעם!...**

חצקל:

דער באַלעבאָס וועט אויסזען שענער אין דעם סורדוט...

רחל:

איך האָב שוין קיין כוח ניט צו אים!...

חצקל:

(שטייט. ער ווייסט ניט וואָס צו זאָגן). **האַלט מיך ניט אויף, באַ־לעבאָסטע! די צייט שטייט ניט!...**

רחל:

(האַלט זיך באַם קאָפּ און גייט אָפּ פון אים). **עס איז ניט אויסצו־האַלטן פון אים! מען דאַרף זיין פון אייזן!...**

סאַלאַמאָן:

(גייט צו צום שפּיגל. ווישט זיך אָפּ דאָס פּנים מיט זיין געהאַפּטן טיכל פון דער קעשענע). **זאָל שוין זיין דער סורדוט! מאַך עס שנעלער!**

חצקל:

(גיט אַ לויף צו). **אַט גיב איך אייך, באַלעבאָס לעבן!** (העלפט סאַ־לאַמאָנען אָנטאָן דעם סורדוט. באַשפּייט די הענט און פּוצט אים אַרום אין אַלע זייטן).

סאַלאַמאָן:

(גייט אָפּ פון שפּיגל. חצקל גייט אים נאָך און פּוצט אים). **ס׳וועט שוין גענוג זיין, חצקל! גייט, נעמט די מחזורים און לאָמיר גיין!**

חצקל:

עולה ויורדים! ניט געטראַכט—נאָר געטאָן! (לויפט אין צווייטן צימער אריין. גייענדיק זאָגט ער). **אַט, גיי איך שוין!**

אריה:

(גייט צו צו דער פאָרהאַנג און שרייט אריין). **שמואליק, מיין קינד, מיר גייען שוין אין שול אַריין!** (דאָס אייניקל קומט אַריין).

רחל שטעלט זיך אַוועק באַם שפּיגל. זי מאַכט גלייך איר טואַלעט. זי גייט אריין אין צווייטן צימער און קומט גלייך ארויס, אָנגעטאָן אין

אן אויבערמאַנטל און הוט אויפן קאָפּ. אויך סאלאמאָן און נאָנעז גייען אריין אין צווייטן צימער. קומט צוריק אָנגעטאָן אין זיין מיליטערישן פלאַשטש און הוט. חצקל קומט אריין מיט א מאַנטל און א הוט פאַר סאלאמאָנען. ער טוט אים אָן דעם מאַנטל און סאלאמאָן נעמט פון אים דעם הוט און טוט אים אָן. אונטער איין אָרעם טראָגט ער א טלית מיט א מחזור און פון אונטער דעם צווייטן אָרעם, דערלאַנגט ער סאלאמאָנען אַ טלית־זעקל. סאלאמאָן נעמט אַרויס פון זעקל אַ קליין מחזור׳ל און גיט עס צו רחלען. אריה ברזל טוט אויך אָן זיין אויבערמאַנטל. ער מאַכט גלייך דאָס קאשקעטל אויפן אייניקל. אַלע זיינען גרייט צום גיין. סאלאמאָן דערמאָנט זיך. ער ווענדט זיך צו רחלען:

סאלאמאָן:

און די קינדער, זיינען באַזאָרגט? . . .

חצקל:

די קינדער גייען באַלד שלאָפן.

סאלאמאָן:

(צו חצקלען). **און ביילע וואו איז?**

חצקל:

(קראַצט זיך אין קאָפּ). **באַלעבאָס, עס איז שוין שפּעט. מיר׳ן נאָך פאַרשפּעטיקן כל נדרי...**

סאלאמאָן:

(פאלט אים אריין אין די רייד: ער גיט א שטאַרקן קוק אויף חצקלען, אַז יענער דערשרעקט זיך). **חצקל, ס׳איז היינט יום כיפּור!... זי איז א יתומה...**

חצקל:

(קראַצט זיך אין קאָפּ. גייט אומווילי צוריק עטלעכע טריט. אַלע הייבן אָן גיין צו דער ארויסגאַנג טיר).

פאָרהאנג פאלט.

פערטע סצענע

אין שול. יום כיפור פאַרנאַכט, פאַר כל נדרי. עס איז טונקל. בא דער מזרח וואַנט שטייט דער ארון קודש פארהאנגען מיט אַ פרוכת. פון פאַרנט פון ארון קודש, שטייט דער עמוד. לעבן עמוד, שטייט דער חזן, אין טלית און קיטל און קוקט אריין אין א מחזור. עס שטייען צווי לאַנגע טישן מיט גרויסע ליכט אַריינגעשטעלט אין קעסטעלעך זאַמד. שטולן און בענק. פון דער רעכטער זייט פון ארון קודש, שטייט א סטענדער מיט א שטול, פאַרן רב און פון דער לינקער זייט, אויך א סטענדער מיט אַ שטול, פאַר חיים סאלאמאַנען. אין הינטערגרונד איז פאראַן אַ באלקאָן מיט עטלעכע טרעפלעך ארויפצוגיין, פאַר די פרויען. ווען יידן קומען אַריין, גייען די פרויען גלייך צו דער עזרת נשים און די מענער, צו די טישן.

ווען דער פאַרהאַנג הייבט זיך אויף, זיצן עטלעכע יידן, אַנגעטאָן אין טליתים און קוקן אריין אין מחזורים. פון צייט צו צייט, הערט זיך א טיפער זיפץ, פון דער, אָדער יענער זייט. עס איז האלב פינצטער. עס פאַלט אָן אַ שרעק. עס איז מרה־שחורהדיק.

רב זעליק:

(קוקט אַריין אין מחזור און זיפצט). **אַ שוואַרצער בית עולם איז אונדזער מוטער. אונדזער היים איז אַ קבר. מיר טראָגן אונדזער ווייטאַג, אפילו אין אונדזער נייער היים...**

פרענקס:

(סאלאמאָנס שווער, פאַלט אים אריין אין די רייד). **שוין טויזנטער יאָרן ווי מיר שלעפן זיך פון איין לאַנד צום אַנדערן. דורך הונגער, דחקות און קעלט, ווערן מיר געטריבן. קומען מיר אויף אַ נייעם פּלאַץ, וואָס איז נאָך רוי, מיט ווילד גראָז באַוואַקסן, זאָגט מען אונדז:** (הייבט אויף דעם קאָפּ פון מחזור צו זעליקן)**- בלייב דאָ, ייד! עס וועט דיר גאָרנישט פעלן! . . . מיר בויען בנינים, גלייכן אויס וועגן, פאַרבינדן די מענטשן און עס קומען אויף ישובים. ווען מען דאַרף אונדז מער ניט, איז ווידער ווערן מיר געטריבן, ווי גרים פון דער וועלט!** (גיט א

מאַך מיט דער האַנט צו זעליקן, אַ רעזיגנירטער. ער קוקט ווייטער אַריין אין מחזור).

עס קומען אַריין יצחק מנשה און רב צדוק. גייענדיק, שפּאַרן די זיך איבער אַ געוויסן ענין.

יצחק מנשה:

(צו צדוקן). איר וועט זען, אַז מיינע ווערטער וועלן אַרויסקומען, ווי בוימל אויפן וואַסער!

רב צדוק:

איי, רב יצחק מנשה, איר הייבט שוין ווידער אָן די זעלבע מעשה, וואָס נעכטן? (ביידע גייען צו צו אַ טיש. טוען אָן טליתים, נעמען די מחזורים אין די הענט און זעצן זיך אַוועק. זיי זעצן פאַר דעם געשפּרעך).

יצחק מנשה:

(מיט אַ זיפץ). דעם אמת געזאָגט, לעבן מיר אין אַ דור הפלגה. קיינער ווייסט ניט, ווען תפילות קומען אָן צום רבונו של עולם. אַלע רייסן זיך אַרום, ווי להבדל, די וועלף! (דרייט מיטן קאָפּ. קוקט אַריין אין מחזור). עס טויג ניט... ניין...

חזן:

(מאַכט זיך גלייך דעם טלית און דרייט זיך אויס צום עולם). יידן, מיר זינדיקן. מען טאָר דעם ביטחון ניט פאַרלירן. ווי איר ווייסט, קום איך איצט פון פּאָרטוגאַל. שרעקלעך, שרעקלעך איז דאָס לעבן דאָרט, פון דעם יידן. איך פיל נאָך אויף מיין לייב די שמיץ, וואָס די אינקוויזיציע האָט מיר געגעבן. אָבער זינדיקן, טאָר מען ניט. (קוקט אַריין אין מחזור).

רב זעליק:

(גיט אַ מאַך מיט דער האַנט). אַזוי איז שוין: די וועלט־הערשער, ווען עס גייט זיי גוט, צאַפּן זיי דאָס בלוט פון דעם יידן, טאָמער חס־ושלום, גייט זיי עפּעס ניט אַזוי דאָסיק, לאָזן זיי אויס דעם גאַנצן כעס צו דעם יידן!

יצחק מנשה:

מיר'ן נאָך, אם ירצה השם זען, ווי יידן זיינען גענעראַלן, גובער־נאַטאָרן. יידן וועלן אַפילו זיצן אין קאָנגרעס אויך!...

פרענקס:

(פאַלט אַריין אין די רייד). און איך זאָג, אַז יידן דאַרפן זיך ניט מישן!

יצחק מנשה:

(גייט צו צו פרענקסן). **איך מיינט מיר צו זאָגן, אַז עס דאַרף די יידן גאַרנישט אָנגיין, ווער עס וועט רעגירן דאָס לאַנד אין וועלכן זיי וואוינען? וואָס וועט די וועלט זאָגן, ווען מיר וועלן זיך האַלטן פון דער ווייטנס? וואָס זיינען דאָס די ענגלענדער, צי די פראַנצויזן, גרעסערע מיוחסים, ווי מיר? פאַרוואָס דאַרפן דאָס, די יידן, האַלטן זיך אַלעמאָל, נידעריקער פון גראָז?** (גייט צוריק צו זיין פלאַץ). **אדרבה, מיר דאַרפן וויזן, אַז מיר זיינען מענטשן, מיט מענטשן גלייך!**

חזן:

(דרייט זיך ניט אויס פון סטענדער). **פחדנות, איז די גרעסטע מכה בא א פאָלק!**

א פרוי:

(שרייט אַריבער פון עזרת נשים). **אַז משה רבנו האָט ניט געקענט אויסקומען מיט די יידן... ווער וועט שוין יאָ אויסקומען?...**

רב צדוק:

(צו זיך אליין). **ווער ווייסט, מיט וואָס דער שפיל וועט זיך ענדיקן! שוין דאָס אַכטע יאָר. מלכות שינדט די הויט. קהל רייסט די נשמה...** (צו יצחק מנשה). **איך זאָלט מיר געזונט זיין, וואָס קען אַזאַ ייד ווי איך, טאָן אַן געלט?**

יצחק מנשה:

קרעכצן!...

עס איז אריינגעקומען שמואל לייאָנס מיט מאַדאַם לייאָנס. **זי איז** גלייך אַוועק אין דער עזרת נשים· ער איז געבליבן שטיין בא דער טיר. זיך איינגעהערט צו די רייד.

שמואל לייאָנס:

וואָס קאָכט איר זיך אַזוי? די וועלט גייט דאָך נאָך ניט אונטער! (גייענדיק צו זיין פלאַץ). **צוריקגעשמועסט, זיינען מיר אליין שולדיק אין אַלעמען! מיר זיינען אליין שולדיק, פאַרוואָס מען פלאָגט אונדז. נעמט, למשל, די יידן אין שפאַניע; ווען ס'איז זיי געווען גוט, האָבן זיי פאַרגעסן אַז זיי זיינען יידן און זיך אויסגעמישט מיט די אַנדערע** (ביי־זערט זיך). **אין גאָלדענע שווערדן און אין זיידע פעלערינעס פלעגן זיי זיך אין די גאַסן באַווייזן! זיי האָבן געמיינט...** (טוט אָן דעם טלית).

א פרוי:

(פאַלט אריין אין די רייד). **און די עלעגאַנטע און אויסגעלאַסענע**

באוועגונגען פון די פרויען! זייער צירונג, פון גאָלד און טייערע איידל־שטיינער! זייערע קליידער, פון זייד און פון סאַמעט—פּלעגן די אויגן אויפּרייסן!...

יצחק מנשה:

(פאַלט אַריין אין די רייד). גוט אַזוי! **הלוואי וואָלטן זיך די יידן אויסגעמישט מיט די אַנדערע פעלקער, וואָלט גענומען אַ סוף!...**

שמואל לייאָנס:

מען דאַרף נאָך מער, ווי זיי האָבן זיך אויסגעמישט? זיי האָבן געדינט די קאַליפן, געווען געטריי די קעניגן, געגעסן מיט זיי פון דיזעלבע כלים, און פאָלק פאַרגעסן! די גרויסע דיכטער — שלמה גבירול, יהודה הלוי, אבן עזרא, האָבן זיך געבעטן, געמוסרט און גע־וואָרנט. מען האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיי! יידן זיינען אַלעמאָל געווען יידן! אפילו אין דער נייער היים, זיינען מיר יידן. קלאָגן און וויינען, דאַרף מען ניט! עס איז נויטיק אחדות, אחדות איז נויטיק בא יידן!

חזן:

(דרייט זיך אויס צום עולם)· **גאָט פאַרלאָזט ניט. איז געקומען קאָלאָמבוס און נייע לענדער אַנטדעקט. יידן האָבן אַ נייע היים געפונען. מען לאָזט אונדז בויען ישובים? דאַרף מען בויען. מען דאַרף בויען תלמוד תורות פאַר אונדזערע קינדער. זאָלן זיי לערנען יידישקייט. זאָלן זיי אויך וויסן: אַז מיט אונדזער געלט, מיט אונדזערע געלערנטע, האָט קאָלאָמבוס געקענט נייע לענדער אַנטדעקן!**

עס קומען אריין חיים סאלאמאָן, רחל, בענדזשעמין נאָנעז, חצקל, אריה מיטן אייניקל. רחל גייט גלייך אַריבער אין דער ווייבערשער שול. נאָנעז, חצקל, אריה און זיין אייניקל גייען גלייך אריבער צו א טיש. אריה, חצקל, טוען אָן זייערע טליתים. סאלאמאָן גייט אריבער צום סטענדער, פון דער לינקער זייט, פון עמוד. ווען סאלאמאָן איז אריינ־געקומען, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט און פאַרנייגט. עס איז געוואָרן אַ מינוט שטיל. סאלאמאָן טוט אָן זיין טלית. משה פרענקס, רייסט איבער די שטילקייט.

פרענקס:

און איך האַלט מיך בא ס׳מייניקע: יידן דאַרפן זיך ניט מישן.

רב צדוק:

(צום חזן און צום עולם). **פאַרוואָס?? אַז קאַלאמבוס האָט געפונען נייע לענדער** (קלאפּט זיך אין האַרצן). מיט אונדזער געלט, מיט אונד־

זער פראַצע—פּאַרוואָס קומט קאָלאָמבוסן דעם גאַנצן כבוד און יידן ווערן אַפילו ניט דערמאָנט? איז וואָס דערציילט איר אַ מעשה?... (זעצט זיך).

סאלאמאָן:

(הוסט זיך אוים. שטעלט זיך אויף. עס ווערט זייער שטיל. אַלע האָבן דרך־ארץ פאַר אים. זיי ווילן הערן וואָס ער האָט צו זאָגן). **יידן, איך בין שוין איבער ימים געשוואומען און איבער לענדער געשפרייזט. פעל־קער געזען און מענטשן דערקענט. עס זיינען געווען צייטן, ווען מיין לעבן איז געווען אין גרויס סכנה. איך בין אין קעלערס געלעגן און אויף הוילער ערד געשלאָפן. מיין הארץ האָט פון הונגער געוויטאָגט און מיינע ליפּן האָבן פון דאָרשט געטריקנט.** (הוסט. רעדט מיט מער ברען). **איך קום ניט פון פּאָרטוגאל, ניט פון שפּאַניע און ניט פון די דייטשישע לענדער. איך קום פון פּוילן, וואו עס איז דעם יידן אַמאָל, אויך גוט געווען. איצט, איז אים דאָרט אויך שלעכט.** (באגייסטערט) **אָבער דעם ביטחון, דעם ביטחון האָב איך קיינמאָל ניט פארלוירן! יידן האָבן אַלע־מאָל געלעבט מיט האָפענונג! איצט איז אַן אַנדערע צייט: די וועלט איז אַ גרויסע. דאָ איז פאַראַן גענוג פאַר אלעמען! מיר ווילן זי העלפן בויען! טאָקע מיט אונדזער שוויס און בלוט, ווייל מיר זיינען בירגער פון דער וועלט!** (הוסט זיך שטאַרק פאַנאַנדער. זעצט זיך אַוועק און ווישט דעם שוויס פון פּנים).

ווען סאלאמאָן האָט גערעדט איז אריינגעקומען אַ פרוי מיט אַ קינד. זיי זיינען געבליבן שטיין בא דער טיר. איצט, גייט די פרוי אריבער אין דער פרויען אָפּטיילונג. גייענדיק, צעניסט זיך דאָס קינד.

מוטער:

וואָס האָסטו זיך צענאָסן, וואו האָסטו שוין ווידער געקראָגן אַ קאַ־טער?...

קינד:

איך האָב ניט קיין קאַטער! ס'איז פון דעם טאַביק וואָס דער זיידע האָט מיר געגעבן צו שמעקן.

מוטער:

(קוקט אַריבער בייז, אין דער מענערשער אָפּטיילונג). **מיין שווער, ברוך השם, פאַרגעסט קיינמאָל ניט צו מאַכן לצנות מיטן קינד!** (גייט אָפּ מיטן קינד אין דער עזרת נשים).

שמואל לייאָנס:

איך זאָג, אַז דער קאָנגרעס וועט געבן אַלץ, וואָס די קאָנסטיטוציע

האָט צוגעזאָגט. מיר, פון אונדזער זייט, דאַרפן העלפן באַקעמפן דעם טיראַן, דזשאָרדזש דעם דריטן, מיט אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן. מיט געלט? דאַרף מען געבן געלט! פאַרלירן, האָבן מיר גאָרנישט! געוויי־נען?—אסך!

רב צדוק:

(גיט זיך אַ שטעל אויף און רעדט צו שמואל לייאָנסן). **אייך איז לייכט צו זאָגן געלט, רב שמואל לייאָנס! עס איז אונדזער געלט, אונדזער פּראַצע, אונדזער האַרעוואַניע!... עס וועט זיין, ווי מיט קאָלאָמבוסעס עקספּעדיציע!** (זעצט זיך אַוועק מיט כעס).

יצחק מנשה:

מיינע פריינט: פרייהייט און גלייכהייט, דאַרף מען זיך פאַרדינען דורך מעשים. מען טראָגט עס ניט אונטער אויף אַ טאַץ, ווי לעקעך און בראָנפן.

פרענקס:

יידן, לאָמיר בעטן גאָט פאַרן גענעראַל מיט זיינע סאָלדאַטן...

אריה:

(שטעלט זיך אויף, מאַכט גלייך דעם טלית און די יאַרמעלקע). **צוריקקומענדיק צום אַלטן, רב משה פרענקס, וויל איך אייך זאָגן, אַז איך קום ערשט פון פראָנט. אונדזערע זעלנער זיינען אָרעם, אָפּגעריסן און הונגעריק. עס הערשט אַ געדריקטע שטימונג צווישן די סאָלדאַטן...**

נאָנעז:

(פאַלט אַריין אין די רייד). **גענעראַל קאָרנוואָלעס און דער פאַר־רעטער, בענעדיקט אַרנאָלד, אַטאַקירן פון אַלע זייטן. אויף די פּראָוו־ינציז קען מען זיך ווייניק שטיצן. אויב די רעוואָלוציאָנערן וועלן ניט האָבן די נויטיקע מיטלען, וועלן מיר, חס ושלום פאַרלירן. עס איז שוין דאָס אַכטע יאָר. עס גייט צום ווינטער. לענגער האַלטן קען מען זיך שוין ניט! . . .**

אריה:

(בייזערט זיך). **אויב, אונדזערע וועלן חס ושלום פאַרלירן, וועט זיין ערגער ווי די אינקוויזיציע אָדער גזירות ת״ח — כמעלניקציס שחיטות . . .**

רב צדוק:

אויב מירן שוין אַוועקגעבן אונדזערע פּראַצע, עס וועט שוין זיין

אַ קאָנסטיטוציע וועלן יידן אימער בלייבן יידן ... מען וועט אונדז אימער יאָגן און פּלאָגן!

שמואל לייאָנס:

אַזעלכע מענטשן ווי טאָמאַס דזשעפערסאָן, בענדזשעמין פרענקלין, דזשיימס מעדיסאָן, טאָמאַס פּיין און די אַנדערע, וועלן ניט פאַרראַטן! און ועל כולם, זיין עקסעלענץ—דער גענעראַל וואשינגטאָן!?...

רב צדוק:

(פּאַלט אריין אין די רייד). **רב שמואל, דערמאָנט זיך אין דעם פסוק: „ויקם מלך חדש!" אַזוי, אַז אלע הבטחות, וועלן בלייבן אויפן פּאפּיר!**

נאָנעז:

יידן, מיר פּילפּל'ען זיך צופיל. היינט איז ניט קיין צייט פון פּילפּולים!

סאלאמאָן:

(גיט זיך אַ שטעל אויף, אַביסל אויפגערעגט). **יידן, צי איז דען איצט די צייט צו רעדן, ווי אַזוי די קאָנסטיטוציע וועט זיין געבויט? דערווייל ווערן מיר אַנערקענט אַלס גלייכע בירגער אין דעם נייעם לאַנד! אונדזערע ברידער יידן געפינען זיך אין דער רעוואָלוציאָנער ארמיי!... זיין מאיעסטעט, גענעראל דזשאָרדזש . . .**

דאָס רעדן ווערט איבערגעריסן. עס גיט אַ קום אריין רבי סייסקעס און זיין פרוי. אַלע שטעלן זיך אויף פאַרנייגן זיך אויס דרך־ארץ. די רביצן גייט גלייך אריבער אין דער ווייבערשער אָפּטיילונג. דער רבי גייט צו צו זיין סטענדער, טוט אויס זיין אויבערמלבוש און הוט. בלייבט שטיין אין טלית און קיטל. רב זעליק (דער שמש). גייט צו צום ארון קודש און עפנט אים אויף. גייט צוריק צו זיין פלאַץ (בא אן עק פון א לאַנגן טיש). גיט דריי קלעפּ אין טיש אריין. ער שרייט אויס: **„כל נדריו"** אלע שטעלן זיך אויף. מאַכן גלייך די טליתים. עפענען די מחזורים און דרייען זיך אויס צו דער מזרח וואנט...

חזן:

כאַאאָאַל נדריו... (אַלע שאָקלען זיך און זינגן צו... מען קלאַפּט אין דער טיר. די מתפללים זיינען אַזוי פאַרטיפט, אַז זיי הערן ניט דאָס קלאַפּן. דאָס קלאַפּן ווערט שטאַרקער. אַלע בלייבן שטיל און ווענדן זייערע בליקן צו דער טיר און צום רבין. דער רבי גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ צו רב זעליקן, ער זאָל גיין עפענען די טיר. עס גיט אַ קום אריין אַ

פאַרבלאַטיקטער, אַ מידער, דער סאַרזשאַנט פון וואשינגטאָנס העד־קוואָרטערס. ער בלייבט שטיין בא דער טיר א דערשראָקענער. ער קומט אָבער באַלד צו זיך. עס הערשט אַ טויטע שטילקייט. אַלע קוקן אויף אים).

סאַרזשאַנט:

איך בין אַ שליח פון זיין עקסעלענץ, גענעראל וואַשינגטאָן! **איך האָב אַ בריוו פון זיין עקסעלענץ, צו מיסטער חיים סאלאמאָן!** (נעמט ארויס א בריוו פון שטיוול).

סאלאמאָן:

(גייט צו. נעמט דעם בריוו פון דעם סארזשאנט. **בלייבט שטיין מיטן בריוו אין האַנט א פאַרטראַכטער**).

שמואל לייאָנס:

חיים סאלאמאָן, וואָס שרייבט, זיין עקסעלענץ?

סאלאמאָן:

ניט געעפנט! ס'איז דאָך היינט יום כיפּור!

יצחק מנשה:

פקוח נפש, מעג מען!

רבי פּייסעקס:

(ניט אויפגעליגט). **ווי דערלויבט איר זיך צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן אום יום כיפּור, כל נדרי נאַכט?... די מענשלעכע געדאַנקען דאַרפן היינט זיין אין די עולמות עליונים!... רבונא דעלמא כולא. פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה... אוי, יום כיפּור!...**

סאלאמאָן:

(גייט צו צום רבין און בלייבט שטיין לעבן זיין שטענדער). **רבי, עס איז זייער וויכטיק!**

רבי פּייסעקס:

(דרייט זיך אויס צו אים). **רב חיים, וואָס קען נאָך זיין וויכטיקער, ווי בעטן דעם רבונו של עולם, אַז ער זאָל מכפר זיין אויף אונדזערע זינד?** מע קען דאָך וואַרטן ביז מוצאי יום כיפּור... (עס איז זייער שטיל א ווײַלע. דער רבי קוקט אויפן סאָלדאט און אויף דער עדה יידן). **נו, מילא.** (זיפצט). **עפנט דעם בריוו און לייענט**

סאלאמאָן:

(לויפט צו צו זיין שטענדער. רייסט אויף דעם בריוו און לייענט, שטילערהייט פאַר זיך אליין).

נאָנעז:

(אין דער צייט וואָס סאַלאמאָן לייענט דעם בריוו). **עס איז אַ קריטישער מאָמענט, מיינע פריינט!**

סאַלאמאָן:

(האָט געענדיקט לייענען. הוסט זיך אויס. ער איז אומרואיק. גייט צום רבין און רעדט צו אַלעמען). **רבי, יידן, עס איז פּקוח נפש! זיין עקסעלענץ בעט באַ אונדז באַלדיקע הילף!** (צום סאָלדאַט). **לאָזט וויסן זיין עקסעלענץ, אַז די יידישע געמיינדע אנערקענט די וויכטיקייט פון זיין אַנגעשטרענגטער אַרבעט און די מסירות נפש פון זיינע סאָלדאַטן. די יידישע קאַפּיטאַליסטן וועלן טאָן אַלץ, אייך ארויסצוהעלפן אין אייער געררעכטן קאמף!**

סאַרזשאַנט:

(סאַלוטירט און וויל שוין גיין).

סאַלאמאָן:

((פאַרהאַלט אים). **מאָרגן פרי, איידער די זון וועט אויפגיין, וועט איר האָבן אַלץ, וואָס מיר קענען אייך געבן!**

רב זעליק עפנט די טיר און לאָזט ארויס דעם סאַרזשאַנט. ער גייט צוריק און פאַרמאַכט די טירלעך פון ארון קודש. עס הערשט אַ גע־דריקטע שטימונג. אַלע קוקן אויפן רבין און אויף סאַלאמאָנען.

רב צדוק:

(זיפצט און רעדט צו זיך אליין). **אפשר איז עס משיח׳ס צייטן... איין גאָט אין הימל ווייסט...**

סאַלאמאָן:

(גייט צו צום רבין און בעט זיך). **רבי, זייט מוחל פאַר איבעררייסן די הייליגקייט פון דעם היינטיקן טאָג. וואַרטן, וועט זיין זייער פאַטאַל פאַר אַלע איינוואוינער פון די קאָלאָניעס. איך בין זיכער, אַז דער רבי וועט איינזען... ס׳איז פּקוח נפש... רבי, עס שטייט דאָך: „קול המון כקול שדי".**

רבי פייסעקס:

(איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַרטיפט אין זיך אליין און ניט געקוקט אויף סאַלאמאָנען, בשעת ער האָט גערעדט צו אים, דרייט זיך איצט אויס צו סאַלאמאָנען און צום עולם. אַלעמענס אויגן זיינען אָנ־געשטעלט אויף אים. ער רעדט געלאַסן און מיט געבעט). **מצוה הבאה**

בעבריה—אַ גוטע זאַך, קומט אָן אַן עברה. איך קען גאַר איבערחזרן דאָס וואָס מרדכי הצדיק האָט געזאָגט צו אסתר המלכה, בשעת זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו בעטן דעם מלך אחשורוש פאַר אירע ברידער: — דו דענקסט אַז דו וועסט זיך באַהאלטן פון המנען, אין קעניגלעכן הויף? ווער ווייסט, אפשר ביסטו גאַר געשיקט געוואָרן אין קעניגלעכן הויף אַריין, גראַדע אין דער איצטיקער צייט, ווען יידן דאַרפן האָבן אַ מליץ יושר—ווער ווייסט, אפשר איז עס טאַקע מין השמים, וואָס מיר זייבען פאַרוואָרפן געוואָרן מעבר לים, בכדי מיר זאָלן קענען מציל זיין אונדזע־רע ברידער, פון רדיפות און פון שחיטות, אין דער אַלטער היים?...

נו, וועט השם יתברך פאַרגעבן פאַר דער הפסקה און אין דעם זכות, וועלן מיר אַלע אויסגעלייזט ווערן פון גלות... רב חיים, איר קענט רעדן . . .

פּאַלאַמאָן:

(זייער מונטער). אַ דאַנק, רבי סייסקעס. אַ דאַנק... (הוסט זיך אויס. גייט צו אַ שטענדער, שטעלט זיך מיטן פּנים צום עולם. ער דאַרף אויך אויסקומען אַזוי, אַז דער פּובליק אין זאַל, זאָל אים אויך זען, ווי ער וואָלט אויך גערעדט צו זיי. אַלעמענס בליקן זיינען געווענדט צו אים). רבותי, ברידער, יידן: ווען פּוילן איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דעם רוס, האָב איך געמוזט פאַרלאָזן מיין היים. יענע גיפטיקע שונאים פון דעם פּוילישן פאָלק, האָבן מיך און אַ צאָל פון פּוילנס בעסטע זין, פאַרמשפּט צום טויט. בלויז דערפאַר, וואָס מיר זייבען געווען געטריי די אידעאַלן פון פרייהייט און רעכט, פון דעם פּוילישן פאָלק. (פאַרהוסט זיך). אייניקע, פון אָט די, בעסטע פּוילנס זין, קעמפן איצט אין דער פרייהייטס אַרמיי פון די קאָלאָניעס. אַן ענלעכע לאַגע ווי אין פּוילן, עקזיסטירט איצט, אין אונדזער נייער היים. יידן זייבען שטענ־דיק געשטאַנען צווישן די, וואָס האָבן געקעמפט פאַר פרייהייט, יושר און גערעכטיגקייט. אַזוי האָבן אונדז געלערנט אונדזערע גרויסע נביאים. איצט, ווען דער טיראַן, דזשאָרדזש דער דריטער, באַרויבט אונדז פון אַלע מענטשלעכע רעכטן, ווען די קאָלאָניסטן גיבן אַוועק זייער לעבן אין קאַמף פאַר פרייהייט, ווען אונדזערע ברידער געפינען זיך אויף די שלאַכטפעלדער, טאָרן מיר ניט שווייגן! (פאַרהוסט זיך. ווישט דאָס פּנים מיטן טיכל). וואו זאָלן אונדזערע אויגן פאַלן? וואו זאָלן מיר זיך ווענדן מיט אונדזער בליק? ווען אין אייראָפּע באָדן זיך די טיראַנען אין יידיש בלוט, איז, וואו זאָלן מיר זיך ווענדן מיט אונדזערע האָפ־נונגען? מיר ווילן שלום. מנוחה ווילן מיר, מיינע ליבע פריינט! וויסן זאָלט איר, אַז אַ נייער שטערן גייט אויף. דעם נייער שטערן דאַרפן

מיר מחדש זיין, ווי מיר זיינען מחדש די לבנה. אַז די שעה האָט גע־שלאָגן, דאַרפן מיר זאָגן: „הזורעים בדמעה, ברינה יקצרו״—די, וואָס זייען מיט טרערן, וועלן שניידן מיט געזאַנג! דעריבער, דעריבער גיב איך אַוועק מיין גאַנץ פאַרמעגן אין די הענט פון זיין עקסעלענץ, גענע־ראַל דזשאָרדזש וואשינגטאָן! . . . זאָל ער טאָן מיט דעם וואָס ער וויל! אבי די רעוואָלוציע זאָל זיגן!... (פאַלט אַוועק אויף א שטול. הוסט און ווישט דעם שוויס פון פנים).

רחל:

(גיט אַ לויף צו סאלאמאנען, בלייבט אָבער שטיין פון דער וויטנס אָביסל). חיים, גאָט איז מיט דיר, דיין גאַנץ עשירות ?! . . .

פרענקס:

(גיט אַ לויף צו סאלאמאנען, בלייבט אָבער שטיין פון דער וויטנס). חיים, גאָט איז מיט דיר, דיין גאַנץ עשירות? . . .

איינִיקע מענטשן טומלען און רעדן צווישן זיך. סאלאמאָן שטעלט זיך אויף. עס ווערט ווידער שטיל. ער רעדט ווייטער. אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער.

סאלאמאָן:

יאָ, מיין גאַנץ עשירות! איך פאַרמאָג אָבער ניט גענוג! וואשינג־טאָן מוז האָבן מאָרגן אין דער פרי, פיר הונדערט טויזנט טאָלער! מיין פאַרמעגן באַטרעפט בלויז, צוויי הונדערט און פערציק טויזענט! טאַ, לאָמיר יידן, ביישטייערן ברייטהאַרציק! זאָל די וועלט וויסן, אַז די יידן אין אַמעריקע שעצן הויך דעם קאַמף פאַר פרייהייט און רעכט! כאָטש עס איז היינט יום כיפּור, מוזן מיר אָבער, מאָרגן גאַנץ פרי, אריבער־שיקן די נויטיקע סומע. אין אונדזערע הענט, ליגט דער גורל פון דער פרייהייט. (הוסט). ווער טוט נאָך מייןביישפּיל? (עס איז שטיל אַ ווײַלע). לאָמיר מאַכן שנעלער און זאָל דער חזן זיך שטעלן זאָגן כל נדרי! (זעצט זיך. ווישט דאָס פנים).

רבי סייסעקס:

רב חיים, האָט מיך אין זינען פאַר צוויי הונדערט דאָלער.

חזן:

און מיך, פאַר פינף הונדערט!

רב זעליק:

און מיך אויך פאַר פינף הונדערט!

סאלאמאָן:
(שמואל לייאָנס גייט צו און זאָגט אים עפּעס אויפן אויער. ער גייט גלייך צוריק אויף זיין פּלאַץ. דאָס זעלבע טוט אויך יצחק מנשה. סאַלאמאָן שטעלט זיך אויף און רעדט מיט באַגייסטערונג). שמואל לייאָנס (הוסט), **שמואל לייאָנס, גיט דרייסיק טויזנט טאָלער. נאָך יום טוב, וועט ער פאַרגרעסערן די סומע.** יצחק מנשה גיט פינף און צוואַנציק טויזנט טאָלער און **אויף נאָך פינף און צוואַנציק, גיט ער אַסיגנאַציעס פון דער פאַריזער באַנק!... ווער נאָך?...**

א פּרוי:
(לויפט צו צו סאלאמאָנען. גייענדיק, טוט זי אוים שטיקלעך צירונג פון די פינגער און פון האלדז). **דאָס איז מיר געבליבן פון מיין גאָט זעליגן מאַן.** (לייגט עס אַוועק און גייט צוריק צו איר פּלאַץ. נאָך איר, גייען נאָך עטלעכע פרויען און טוען דאָס זעלבע).

פּרענקס:
(גייענדיק, רעדט ער צו זיך אַליין). **זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאַר מיינע רייד... אום יום כיפּור, געלט!... חיים, איך גיב צען טויזנט און זאָל שוין נעמען אַ סוף!...** (זעצט זיך אַוועק. נאָך יידן גייען צו סאלאמאָנען. רוימען אים איין א סוד).

אריה:
(גייט צו צו סאלאמאָנען פאַמעלעך. גייענדיק, ציט ער ארויס פון בוזעם אַ קליין זעקעלע און לייגט עס אַוועק אויפן טיש לעבן סאלאמאָנען). **דאָ איז פאַראַן זעקס הונדערט טאָלער. געשפּאַרט פאַרן אייניקל.** (ווייזט אויפן אייניקל וואָס זיצט פון דער ווייטנס). **נאָט איך זיי אַוועק און זאָל גאָט העלפן...** (גייט צוריק צו זיין פּלאַץ. פרויען ברענגען צירונג. יידן רופן אוים סומעס וויפל זיי גיבן).

סאלאמאָן:
(נעמט צוזאמען דאָס צירונג און דאָס זעקעלע געלט און לייגט עס אריין צו זיך אין קעשענע. ער איז זייער אויפגעלייגט. ער רעדט, בשעת מעשה, צו זיך אליין). **אָט אַזוי, זאָל די וועלט וויסן, אַז אין אַמעריקע זיינען דאָ יידן, מיט יידישע הערצער... דער בעל תפילה קאָן זיך שוין שטעלן זאָגן כל נדרי... גאָט וועט פאַרגעבן. מיר האָבן געטאָן א גרויסע מצוה...**

רבי סייסעקס גיט אַ מאַך מיט דער האנט צום חזן, ער זאָל זיך שטעלן זאָגן כל נדרי. אַלע מאַכן זיך גלייך די טליתים און שטעלן זיך אויף צו דער מזרח וואַנט. זעליק גייט און עפנט דעם ארון קודש. ער

קומט צוריק צו זיין פלאַץ. ער גיט דריי מאָל אַ קלאַפּ אין טיש אריין מיט דער האנט און רופט אויס: „כל נדרי"! אין דער צייט וואָס די האנדלונג קומט פאָר, כאַפּט זיך שמואל לייאָנס ארויס.

שמואל לייאָנס:

איצט, זיינען מיר ברוך השם געראַטעוועט! (זיפצט אָפּ פריי).

יצחק מנשה:

היינט וואָלט געדאַרפן זיין שמחת תורה, אָדער פורים...

רב צדוק:

(מיט אַ זיפץ). **אפשר זיינען מיר געראַטעוועט, און אפשר ניט... איין גאָט אין הימל ווייסט...** (קיינער פון די מתפללים הערט אים שוין ניט. אַלע זיינען גרייט צו זאָגן כל נדרי. זיי וואַרטן נאָר, אַז דער חזן זאָל אָנהייבן).

חזן:

כּאָאָל נדרי... (אַלע זינגען מיט און האלטן אונטער דעם חזן, מיט אַ פריילעך געמיט. דאָס זינגען און דאָס זאָגן פון חזן ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער און לעבעדיקער, ביז אַ מיסטעריעזן עקסטאַז...

פאָרהאַנג פאַלט.

סוף

מרימ׳ס חלום

א פּראָבלעם דראַמע פון איצטיקן, יידישן לעבן אין אַמעריקע.

אין

צוויי אַקטן און אין זעקס בילדער.

פּערזאָנען:

קלמן קרעמער, אַ רייך געוואָרענער ייד — — אַרום 50 יאָר אַלט

רחל, זיין ווייב — — — — — — — — אַרום 46 " "

מרים, זייער איינציקע טאָכטער — — — אַרום 22 " "

דוד קייגאַן, אַ גערטנער, בא די קרעמערס אין גאָרטן
אַרום 70 " "

מייטע, אַ פאַרזעסענע מויד, קרעמערס אַן אייגענע אַרום 42 " "

צבי ערלעך, אַ יידישער לעקטאָר — — — אַרום 30 " "

טשאַרלס ברין, פּראָפעסאָר פון וועלט געשיכטע,
אַ קריסט — — — — אַרום 30 " "

מיסטער שאַרף, אַ פּרעזידענט פון אַ סאָסייעטי — אַרום 50 " "

מיסטער שנייד, וויצע פּרעזידענט פון דער סאָסייעטי
אַרום 55 " "

מיסטער ברין, דעם פּראָפעסאָרס פאָטער — — — אַרום 50 " "

מיסעס ברין, דעם פּראָפעסאָרס מוטער — — — אַרום 48 " "

אָרט, פּראָווינץ שטאָט אין קאַליפאָרניע.

צייט: אַרום 1945.

ערשטער אקט

דאָס ערשטע בילד

באַ די קרעמערס אין גאָרטן. פון דער לינקער זייט איז דער אַריינגאַנג אין הויז אַריין דורך צוויי גלעזערנע פראַנצויזישע טירן. דאָס הויז און די ווערענדע איז זייער שיין און רייך, אויפן קאַליפאָרניער שטייגער. אין גאָרטן זיינען פאַראַן פּאַלמען ביימער, בלומען און אַנדערע טראָפּישע געוויקסן. דאָס גראָז איז שיין און גלאַט אָרומגעשניטן. עס זיינען פאַראַן סטעזשקעס. באַ די זייטן שטייען שטולן און בענק, אונטער גרויסע ביימער. דער הינטערגרונט איז פּערספּעקטיוו: פון ווייטנס זעען זיך רייכע הייזער, בערג און טאָלן. דער גאַנצער פאַרנעם איז רחבות׳דיק. אַחוץ דעם אַריינגאַנג אין הויז אַריין (דורך דער ווערענדע) זיינען אויך פאַראַן אַריינגענג פון רעכטס און פון לינקס.

עס איז אַ הייסער יולי זונטיק אין קאַליפאָרניע. עס איז בין השמשות. די זון האַלט זיך ביים זעצן.

ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף איז די בינע שיין באַלויכטן אין פון דעם זון אונטערגאַנג און אויך פון דעם ליכט, וואָס שיינט אַרויס פון הויז אַרויס, אי דורך גרויסע פענצטער און דורך די גלעזערנע טירן. פון הויז הערט זיך דאָס שפּילן פון מוזיק וואָס איז אויסגעמישט מיט מענטשלעכן געלעכטער. נאָך אַ קורצער פּאוזע קומען אַרויס פון הויז מיסטער שאַרף און מיסטער שנייד. ביידע זיינען אָנגעטאָן אין זייערע זונטיקדיקע מלבושים. זיי זיינען אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען און פאַרשוויצט. זיי זיינען אין אַ געהויבענער שטימונג.

מר. שאַרף:

„סאָם פּאַרטי!“ איך בין דאָך שוין אין מיין לעבן געווען אויף פּאַרטיס, אָבער צו אַזאַ פּאַרטי — „נאָ סער“. דאָס איז שוין איינמאָל אַ פּאַרטי! „יעס סער!“

מר. שנייד:

אַחוץ קלמנ׳ס שאָדן, אויף מיר און מיינע ליבע געזאָגט געוואָרן!

מר. שאַרף:

(ווישט זיך דעם האַלדז). איר מעגט מיך אויך אַריינגעמען פאַר אַ שותף, מר. שנייד!

מר. שנייד:

אויב ווינטשן, קום איך און מיינע אייגענע, אַ סך פריער, ווי פרעמדע. אַז מיר וועלן שוין האָבן אַריבער און אַריבער, דעמאָלט זעט איר, קענט איר אויך אָפּלעקן אַ ביינדל! . . . (לאַכט נאַרישעוואַטע).

מר. שאַרף:

(אין כעס). מיר וואַרפט מען ניט צו קיין ביינדלעך! איך בין ניט קיין . . .

מר. שנייד:

וואָס קאָכט איר זיך אַזוי, מר. שאַרף?! ווען מיר זיינען אַהער־געפאָרן, האָט איר זיך געקאָכט! אינעווייניק האָט אייך געוואָרפן ווי אין אַ קדחת און איצט, ווידער! וואָס איז, אַז דער „לעקטשורער" מיסטער ערלעך קוקט אויף קלמנס טאָכטער, טאָר ער ניט? זי איז אַ שיינע, יידישע טאָכטער און ער איז אַ גאַנץ פיינער יונגערמאַן. ניט קיין באַוויבטער. איז פאַרוואָס זאָל ער ניט וואַרפן קיין אויגן צו מרימען און פאַרוואָס זאָל זי ניט כאַפּן זיינע וואונקען? . . . האָסט געזען אַ וואַרפעניש?!

מר. שאַרף:

(אין כעס. דערנעענטערט זיך צו שניידן). איר זוכט מיר אַריינ־צושניידן, מר. שנייד?

מר. שנייד:

איך זוך גאָרנישט. איך זאָג נאָר, אַז יעדער מענטש דאַרף וויסן זיין פּלאַץ. איר מיינט אַז איר קענט אַוועקלייגן יעדן קרבן אויף יעדן מזבח? ניין . . . איך ווייס אַז איר האָט אַ טאָכטער און איך ווייס אויך אַז . . .

מר. שאַרף:

(שרייט). טשעפּעט ניט מיין טאָכטער! (דראָט אים מיטן פויסט). איר הערט?! טשעפּעט ניט מיין טאָכטער, מיסטער שנייד!

מר. שנייד:

זאָל מיך גאָט אָפּהיטן. ווער טשעפּעט אייער טאָכטער?!

מר. שאַרף:

(נאָך העכער). רירט ניט אָן מיין טאָכטער, זאָג איך אייך!

מר. שנייד:

איך וויל מיך גאַרנישט צורירן צו אייער טאָכטער. דעריבער זאָג איך דאָך . . .

מר. שאַרף:

זאָגט גאָרנישט וועגן מיין קינד. זי איז אַ מיידל, אויף מיר אַזאַ יאָר.

מר. שנייד:

אָמן!

מר. שאַרף:

איז זי ניט קיין בלאָנדינקע, און אַז אַ ברונעטקע איז וואָס? וויל זי ניט גיין אין קאָלעדזש און וויל ניט שפּילן קיין פּיאַנע . . . אָבער אחוץ דעם, איז זי אַ מיידל ווי אַלע מיידלעך. דאָס וועט איר דאָך צוגעבן.

מר. שנייד:

דאָס ווייס איך אויך ניט. נאָר, אַ חוץ דעם, דאַרף יעדער מענטש וויסן זיין פּלאַץ. מר. ערלעך און מרים זיינען איין זאַך און אייער טאָכטער און מר. ערלעך, זיינען עפּעס אַנדערש. איר פאַרשטייט? עפּעס אַנדערש! . . . עפּעס אַנדערש, האָב איך . . .

מר. שאַרף:

(פאַלט אַריין אין די רייד מיט כעס). וואָלט איך ניט געווען אין דער זעלבער „קאַמיטע" מיט אייך, וואָלט איר ניט געווען דער וויס־פּרעזידענט, וואָלט איך אייך אָפּגעשפּילט אַ שמחהלע, אַז איר וואָלט געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. איצט, זאָל מיינס איבערגיין. ביז צו די „עלעקשאָנס" איז שוין ניט ווייט. איר וועט דאָך ווידער וועלן לויפן פאַר וויס־פּרעזידענט. איי וועט איר לויפן. איר וועט שוין לויפן, אַז איר וועט פאַרזאָגן אַ צענטן, ניט צו פאַרטשעפּען זיך מיט מיסטער שאַרפס טאָכטער. (גיט אַ לויף אַריין אין הויז אַריין).

מר. שנייד:

(ציט מיט די אַקסלען און גייט איס נאָך). דאַכט זיך אַ קליין מענטשעלע, און דאָך וויל עס דערגרייכן דעם הימל. (גייט אויך אַריין אין הויז אַריין).

פון הויז הערט זיך לעבעדיקע מוזיק און געלעכטערס. קלמן קרע־מער קומט אַרויס פון הויז אַן אויפגעלייגטער. צבי ערלעך קומט מיט אים. ערלעך איז זייער פיין אָנגעטאָן. קרעמער טראָגט ניט קיין ראָק, נאָר אַ וועסט. ער גייט פאַראויס מיט פאַמעלעכע, זיכערע טריט. זיי

קומען אַרונטער אין גאָרטן. קרעמער אָטעמט פריי און שמייכלט אַ צופרידענער. ערלעך קוקט זיך גוט אַרום פון אַלע זייטן מיט גרויס פאַרוואונדערונג.

קרעמער:

איך מוז אייך זאָגן דעם ריינעם אמת, מר. ערלעך: איר האָט מיר באַשיינט די שמחה. איר האָט מיר אָנגעטאָן גרויס כבוד. וואָס אמת איז אמת.

ערלעך:

(שמייכלט אַ צופרידענער). **מע דאַרף אַזוי ניט ריידן, מר. קרע־מער. ניט נויטיק.**

קרעמער:

איך בין אַ פּראָסטער חי וקים. וואָס אויפן לונג, איז בא מיר אויפן צונג. טאַקע, אין דער אמתן: איר, אַזאַ איידעלער, אַ לעקטשורער, אַ באַלערנטער אין די ביכער און איך . . . ווער בין איך געווען איידער איך האָב געקויפט דעם „אָרענדזש גראָוו מיטן רענטש״. אמת, איצט האָב איך מיר אַ פּעט באַנק ביכל מיט דאָלאַרן . . . (שמייכלט) **וואָס** ווייסן אָבער באַנק ביכלעך פון „לעקטשורס״? (ווישט אָפּ מיטן נאָזטיכל אַ באַנק). **זיצט, מר. ערלעך, אָט דאָ . . . לאָמיר דאָ זיצן אַ ווײַלע. איר און איך. איר, דער געלערנטער און איך, דער . . . שמייכלט). איך בין אַ פּראָסטער, אָבער אַ האַרץ האָב איך, לאָמיר שוין ביידע האָבן אַזאַ יאָר.** (נעמט אַרויס אַ ציגאַר פון וועסטל קעשענקעלע און פאַר־רויכערט. בלאָזט דעם רויך מיט גרויס צופרידנקייט).

ערלעך:

איך ווייס דאָס, מיסטער קרעמער. אין די עטלעכע טעג וואָס איך געפין זיך בא אייך אין הויז, האָב איך אין אייך דערקענט דעם פיינעם כאַראַקטער, דעם אמת'ן פאָלקס מענטש . . .

קרעמער:

(פאַלט אַריין אין די רייד). **איי רעדט איר שיין . . .** (בלאָזט דעם רויך). **וואָס זאָגט איר עפּעס אויף מיין טאָטכטער, מיין מרים?**

ערלעך:

עס איז דאָ זייער אָסך צו זאָגן וועגן איר. (אין אַ פאַרלעגנהייט). **נאָר . . .**

קרעמער:

(מיט פרייד). **איר מיינט דאָס אויף אַן אמת? . . .**

ערלעך:

פון מיין טיפן האַרצן . . .

קרעמער:

(שטעלט זיך אויף. נעמט זיך אָן מיט מוט). **איר זעט אַט דאָס גוטס?** (נעמט אַלץ אַרום מיט זיינע הענט). **דאָ ליגט מיין גאַנץ לעבן האַרעוואַניע.** (מיט האַרץ). **מיינט ניט, אַז עס איז מיר אַזוי גרינג אָנגעקומען! איך פּנים אַריין האָבן זיי** (ווייזט אין דער וויטקייט) **מיר, מיינע טויזנטער צוריקגעוואָרפן! זיי ווילן מיך ניט האָבן פאַר קיין שכן, ווייל איך בין אַ ייד! מיין נאָמען איז קאַרל קרעמער! איר פאַרשטייט, קרעמער! . . . אַ יידישער נאָמען! איך בין זיי אָבער בייגעקומען** (מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ) **איר הערט, בייגעקומען!! איצט לאַך איך פון זיי! פאַרשטייט זיך, ניט אין פּנים אַריין לאַך איך. עס ווילט זיך ניט איינרייסן מיט קיין שכנים. איך וועל זיי אָבער האָבן צו געדענקען! . . .** (אָטעמט פרייער. זעצט זיך לעבן ערלעכן). **איר זעט דאָס גאַנצע גוטס? עס איז ניט מיינס און ניט מיין ווייבס. מיר האַלטן דאָס דערוויַיל. איר ווייסט וועמעס דאָס איז? . . .**

ערלעך:

איך פאַרשטיי, מיסטער קרעמער. עס איז אייער טאָכטערס, אייבער הונדערט און . . .

קרעמער:

(לאַכט אַ צופרידענער). **איר זייט דאָך טאַקע אַ קלוגער . . . איר הערט, מיין מרים'ל, זי איז מיין אויג אין קאָפּ. מיר לעבן נאָר צוליב איר.** (רוקט זיך צו נעענטער). **איך זאָג אייך, עס איז שווער צו געפינען אַ גלייכן צו איר . . .**

ערלעך:

דאָס איז אמת, מר. קרעמער.

קרעמער:

איר לייענט דאָך ביכער. זי לייענט זייער אַ סך ביכער.

ערלעך:

יאָ. איך האָב געזען בא אייך זייער אַ פיינע ביבליאָטעק.

קרעמער:

היינט זאָלט איר זי הערן שפּילן אויף דער פּיאַנע . . .

ערלעך:

איך האָב געהערט, מר. קרעמער.

קרעמער:

נו, קענט איר זיך פאַרשטעלן, אַז מיין טאָכטער, קלמן, וואָס האָט אין דער היים געפּעכניעט פון הונגער, אַז מיין טאָכטער זאָל אַזוי שיין שפּילן אויף דער פּיאַנע? איך אַליין קאָן זיך דאָס ניט גלויבן! אָבער זי שפּילט! איר פאַרשטייט?! און נאָך אַ מין שפּילן . . .

רחל קרעמער קומט אַרויס און בלייבט שטיין אויף דער ווע־רענדע. זי איז אַ גאַנץ שיינע, מיטליאַריקע פרוי. אַ מילד פּנים. יום־טוב׳דיק אָנגעטאָן.

רחל:

קלמן, וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? (זי דערזעט ערלעכן). אַ, אַנטשולדיקט. איך האָב ניט געוואוסט אַז איר זייט אויך דאָ. (גייט אַרונטער צו זיי, אין גאָרטן).

קרעמער:

(שטעלט זיך אויף). גוט וואָס דו ביסט אַרונטערגעקומען, רחל. קום אַהער, זעץ זיך דאָ אַוועק. (ווייזט איר אויף דער באַנק).

רחל:

(דערנעענטערט זיך צו זיי). גאָט איז מיט דיר, ווי קען איך איצט זיצן? האָסט פאַרגעסן אַז מיר פּראַוועז היינט אַ חנוכת־הבית? (זעצט זיך).

קרעמער:

(שמייכלט). פאַרגעסן, האאאא! ווי קען איך דאָס פאַרגעסן? ווייניק מי האָט עס מיך געקאָסט ביז איך האָב דאָס דערגרייכט? איך זיץ דאָ און רייד מיט מיסטער ערלעכן וועגן אונדזער קינד. (זעצט זיך).

רחל:

(פאַרוואונדערט). וואָס איז דען פאַראַן וואָס צו ריידן?

קרעמער:

אַ סך, רחל. זייער אַ סך.

ערלעך:

איר מאַכט אַ טעות, מיסטער קרעמער. אייער טאָכטער רעדט פאַר זיך אַליין. (מיט אַ שמייכל). איך פאַרשטיי וואוהין איר צילט, מיסטער קרעמער. איך פאַרשטיי יעדעס וואָרט אייערס. גלויבט מיר, אַז ניט נאָר איך, נאָר יעדער פיינער יונגערמאַן וואָלט זיך געשעצט גליקלעך צו געווינען איר האַרץ.

קרעמער:

איר מיינט דאָס אויף אַן אמת? (גיט זיך אַ שטעל אויף, מיט פרייד). **האָסט געהערט, רחל?** (צו ערלעכן). **נו? . . .**

ערלעך:

מיסטער קרעמער, **איר זייט דאָך אַ פּראַקטישער מענטש, דאַרפט איר וויסן, אַז „איט טייקס טו, טו מעיק עי באַרגן". איר פאַרשטייט, די פראַגע איז, צי האָט זי אַ געפיל צו מיר . . . אזא זאַך מוז קומען פון ביידנס . . .**

קרעמער:

(מיט פרייד צו רחלען). **האָסט שוין אַמאָל געהערט אַזעלכע ווערטער, רחל?**

רחל:

(מיט אַ שמייכל). **כ'ווייס, אפשר האָט מען אין אונדזערע צייטן** נישט געדאַרפט אַזוי ריידן. (צו ערלעכן). **נו, האָט איר שוין געלאָזט פאַלן אַ וואָרט צו איר, וועגן דעם?**

ערלעך:

(שמייכלט, ווי פאַרלוירן). **ניט געהאַט די פּאַסיקע געלעגנהייט.**

רחל:

איז, אויף ווען וואַרט איר?

קרעמער:

(רייבט זיך די הענט). **מע גייט צו און מע זאָגט אַז . . .**

ערלעך:

אויף אַלץ איז פאַראַן אַ צייט און אַ פּלאַץ, מיסטער קרעמער. „אין חכם כבעל הנסיון" . . . איך האָב ניט קיין דערפאַרונג, און . . .

רחל:

(שמייכלט. פאַלט אַריין אין די רייד). **פאַר וועמען האָט באָט** באַשאַפן די ביימער, בלומען און די שיינע אָוונטן . . . (הייבט אָן גיין). **וואָס זשע, איך דאַרף אייך אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל אַריין? איר זייט דאָך עפּעס אַ געלערנטער. איר ווייסט דאָך.** (גייט אַריין אין הויז אַריין).

ערלעך:

(קוקט איר נאָך). **די אמתע יידישע מוטער. (שמייכלט).**

קרעמער:

נישקשה, די אמתע ווייב אויך. (הייבט אָן גיין). איז, וואָס זאָגט איר?

ערלעך:

(שטעלט זיך אויף). אַז מיר פאַרשטייען זיך שוין יאָ, וויל איך אייך זאָגן דעם אמת: איך זוך שוין לאַנג די פּאַסיקע געלעגנהייט... (הייבט אָן גיין אין הויז אַריין).

קרעמער גייט הינטער אים. ווען ערלעך האַלט אין עפענען די טיר און וויל נאָך עפּעס זאָגן צו קרעמערן, גיט אַ קום אַרויס מייטע, אַ פאַרשוויצטע, אין כעס און שלאָגט זיך אָן אין ערלעכן. ער ענטפערט ניט און גייט גלייך אַריין אין הויז. ווי נאָר מייטע האָט זיך אָנגע־שלאָגן, גיט זי אַ זאָג אויטאָמאַטיש):

מייטע:

„עקסקיוז מי!"... (ווישט די הענט אין פאַרטוך און ווענדט זיך צו קרעמערן). וואו באַהאַלטסטו זיך, קלמן?!

קרעמער:

צו וואָס דאַרפסטו מיך, מייטע?... (מיט כעס). זעסט שוין ניט וואו דו גייסט, מייטע?!...

מייטע:

(קומט צו נעענטער). הערסט, איך האָב דאָך שוין אין מיין לעבן געזען הונגעריקע געסט, אָבער אַזעלכע וועלף, האָב איך נאָך ניט געזען! זיי עסן דאָך נישט. זיי שלינגען! איך האָב דאָך שוין ניט קיין כוח צו דערלאַנגען! איך האָב שוין באַלד ניט וואָס צו דער־לאַנגען! איך האָב נאָר מורא, זיי זאָלן זיך באַלד ניט נעמען צו מיר!...

קרעמער:

זאָלן זיי עסן געזונטערהייט! איך האָב „פּלענטי" אָנגעגרייט! זאָלן זיי עסן, מייטע, זאָלן זיי!

מייטע:

גיי זשע אַריין און צעשנייד די צוויי „טוירקיס". און ברענג אַריין די ביר מיטן סאַלאַד פון „גאַראַדזש". אָן כוחות בין איך שוין! (ווערט אין כעס). אַ „באַרגן" האָב איך מיר איינגעהאַנדלט מיט מיין קומען אַהער! אַ דינסט, אַ קעכן האָסטו געמאַכט פון מיר! מיין משפּחה. (סאַרקאַסטיש און בייז). מיין קאָזן! „קום אַרויס קיין קאַליפאָרניע,

מייטע! דו וועסט זיך צעוואַקסן ווי אַ קאַקטוס!״ . . . איך נאַר כאַפּ מיינע שמאַכטעס און קום צו רייטן!

קרעמער:

וואָס איז, ס׳איז דיר שלעכט בא מיר? (ווייזט אויפן אָרום). **זע וואו דו וואוינסט? . . .**

מייטע:

וואָס טויגן מיר דיינע ביימער מיטן גראָז, אַז זיי זיינען אין דרויסן און איך בין אין „קיטשן״ מיט די טעפּ! און וואו איז דער שידוך וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט אין דיינע שיינע בריוו?

קרעמער:

(קראַצט זיך דעם קאָפּ). **וואָס בין איך שולדיק? ביז דו האָסט זיך אויסגעפּאַרעט, האָט אים אַן אַנדערע אויסגעכאַפּט! . . .**

מייטע:

(מיט באַדויערן). **אָך און וויי איז צו מיין יאָרן!** (סאַרקאַסטיש). **ווי אַ קאַקטוס וועל איך מיך צעוואַקסן!** (פאַרקרימט זיך). **ווי אַ קאַק־טוס! . . . טאַקע, אין קיטשן קען מען טאַקע וואַקסן ווי אַ קאַקטוס.** (בלייבט שטיין פאַרטרויערט). **פינצטער איז מיין מזל . . . איך וועל שוין אַזוי בלייבן אַ . . .** (הייבט אָן וויינען)

די לעצטע ווערטער האָט שוין קרעמער ניט געהערט. ער איז אַריינגעגאַנגען אין הויז. מייטע שטייט פאַרטרויערט אוןווישט די אויגן. פון דער רעכטער זייט הערט זיך ווי דוד זינגט דעם מאָטיוו פון „אַ חלום, אַ חלום האָט זיך מיר געחלומט״. זי הערט זיך צו צום געזאַנג. באַלד קומט אַרויף דוד. ער איז אַ ייד פון א יאָר 70. לע־בעדיק און באַוועגלעך. ער איז אַ הויכער, דאַרער מאַן. דער רוקן אַביסל איינגעבויגן, צוליב די יאָרן. ער איז אָנגעטאָן אין אָווערהאָלס און אין אַ גרויסן, שטרויענעם הוט, צו פאַרשטעלן דעם קאָפּ פון דער ברענענדיקער זון. אין דער האַנט האַלט ער אַ שער, אָרומצושניידן די ביימעלעך. ער איז פריילעך. פון צייט צו צייט, נעמט ער אַביסל בראַנפן פון אַ פלעשעלע וואָס ער טראָגט בא זיך אין דער הויזן קעשענע. ער בלייבט שטיין. הערט אויף זינגען. גלייכט זיך אויס און ווענדט זיך צו מייטען.

דוד:

העלאָ, מייטע „דאַרלינג״, וואָס הערט זיך עפּעס אינעווייניק, אין קלמנס אַריסטאָקראַטישן פּאַלאַץ?!

מייטע:

מען עסט! מע עסט אים היינט אויף מיט די ביינער!

דוד:

(גיט אַ מאַך מיט דער האַנט). זאָלן זיי עסן! זאָלן זיי! קלמן קויפט זיך היינט איין אין יחוס! קלמן פעדלער קריכט היינט אַריין אין די הויכע פענצטער! זאָל ער קריכן! ער איז שוין אַזוי ווייט געקראָכן, זאָל ער ווייטער קריכן! זאָל ער!

מייטע:

און וואָס איז מיט אייך, פאַרוואָס האָט איר היינט ניט אָנגעטאָן עפּעס אַ לייטישן „סוט"? היינט אויך אין די „אָווערהאָלס"! היינט האָט איר געמעגט אויסזען ווי אַ מענטש!

דוד:

(שמייכלט און דערנענטערט זיך צו איר). דו מיינסט צו זאָגן, מייטע, אַז אין „אָווערהאָלסט" בין איך קיין מענטש ניט? ס'איז טאַקע אמת, וואָס מע זאָגט „מלבושים כבוד". מלבושים באַשיינען דעם מענטשן. אָבער נאָר אין דרויסן, מייטע, פאַר לייטן. (ווייזט אויפן האַרצן). אָבער דאָ, אָ, ניין מייטע. דאָס קען מען ניט צודעקן מיט קיין קליידער. דאָ זעסטו, ווען דאָ ליגט מענטשלעכקייט, זיינען „אָווערהאָלס" שיינע מלבושים.

מייטע:

אָבער צוליב די געסט. אַלע פרעגן זיך אויף אייך. ווי עס ווייזט אויס, קענען דאָ אייך אַלע.

דוד:

(זעצט זיך אויף אַ באַנק, אַביסל פאַרטרויערט). שוין צייט אַז זיי זאָלן מיך קענען. פיר און צוואַנציק יאָר, מייטע, ווי איך וואוין דאָ, טאַקע ביי דיין קלמן. איך געדענק דאָך נאָך, ווי זיי אַלע (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט אין דער ברייט), זיינען געווען פעדלערס! קבצנים שבקבצנים. איצט, זיינען זיי וויכטיקע מענטשן. זייערע ווייבער זיינען באַהאנגען מיט דיימאַנדס. זיי אַליין, טרייבן גרויסע אויטאָמאָבילן. זיי פירן די גרענדע! הע, הע . . .

מייטע:

פאַרוואָס זייט איר ניט געוואָרן רייך, ווי זיי? . . . איר זייט „דזשעלעס"!

דוד:

(שמייכלט). איך „דזשעלעס" אויף זיי? ניין. איך האָב קיינמאָל ניט געוואָלט ווערן רייך! איך האָב געהאַט אַן אידעאַל, מייטע. פאַר־שטייסט, אַן אידעאַל! מיין מאַמע האָט טאַקע געוואָלט אַז איך זאָל ווערן אַ רב און איך האָב גאָר געוואָלט זיין אַ יוניאָן לידער, אַ שרייבער, בויען אַ יידישע קאָלאָניע אין אמעריקע . . . (זיפצט. נעמט ארויס דאָס פלעשעלע בראַנפן פון דער קעשענע. גיט אַ זופּ. פּאַסמאַקעוועט זיך און לייגט עס צוריק אריין אין קעשענע). איך האָב שוין געדינט אַלע געטער, מייטע. איך בין שוין געווען אַן אַנאַרכיסט, אַ סאָציא־ליסט און אפילו אַ קאָמוניסט. קיינמאָל זיך ניט געיאָגט נאָך קיין געלט. איצט, אין מיינע יאָרן, אוודאי ניט. (זיפצט). איצט, פאַרשטייסטו מיך, בין איך צוריק אַ ייד! פאַרשטייסט? אַ ייד! . . .

מייטע:

(זעצט זיך לעבן אים). ווען איר וואָלט געהאַט געלט, וואָלט איר אויך געפאָרן אין אַ שיינעם אויטאָמאָביל און ניט געדאַרפט ארבעטן בא יענעם.

דוד:

(גיט זיך אַ דריי אוים צו איר מיט אַ שמייכל). ווער, איך? כאַ, כאַ, כאַ! פאַרשטייסט מיך ניט. מיין בעסטער פאַרגעניגן איז פלאַנצן בלומען. ווען איך זע ווי די ביימעלעך שאָקלען זיך, אָט די ביימע־לעך וואָס איך האָב פאַרפלאַנצט מיט מיינע אייגענע הענט, האָב איך דעם גרעסטן פאַרגעניגן. (גיט זיך אַ שטעל אויף, אַ זופּ פונם פלעשל, פּאַסמאַקעוועט זיך). וואָס טראַכסטו וועגן מיר, מייטע? . . .

מייטע:

(זי קוקט אַרויף צו אים). וואָס קאָן איך טראַכטן? אַז איר האָט זיך אַרויפגערוקט אַזש צו די זיבעציקער. ווען איר וואָלט כאָטש גע־וואוינט אַביסל נידעריקער, כאָטש אין די פופציקער, ווייס איך שוין וואָס איך וואָלט געטאָן . . .

דוד:

(מיט אַ שמייכל). גוט געזאָגט, מייטע. איך האָב דיך האָלט!

מייטע:

אַזאַ מזל האָב איך שוין. די מענער וואָס זיינען נאָך היגע, ווילן אפילו ניט קוקן אויף מיר. די וואָס פאָרן שוין אַוועק, צו זיי האָב איך מזל. (שטעלט זיך אויף). איך מיין חלילה ניט אייך. איך גלייך

אייך זייער, מיסטער דוד . . . (מיט אַ זיפץ). **ווען איר וואָלט זיך גע־קענט אַביסל אַרונטעררוקן, כאָטש אויף אַ פּופּציקער, דאַמאָלט זעט איר . . .** (רחל באַווייזט זיך אויף דער וואַרענדע).

רחל:

(מיטאַמאָל). **מייטע, גאָט איז מיט דיר, וואָס האָסטו זיך אַוועק־געזעצט . . .**

מייטע:

(אין כעס אויף רחלען וואָס זי האָט איר איבערגעשלאָגן אין מיטן). **וואָס איז, איך טאָר שוין ניט כאַפּן אַביסל לופט?! ס'איז אַריינגעשריבן אין קאָנטראַקט, אַז איך מוז כסדר ליגן בא די טעפּ? קאַליפאָרניע האָט זיך מיר פאַרוואָלט! אַ שידוך וואַרט דאָ אויף מיר! „ווי אַ קאַקטוס וועל איך מיך צעוואַקסן!" . . .** (לויפט אַריין אין הויז מיט כעס).

דוד:

נו, ווי גייט עס דיר, דאָרט? ביסט גליקלעך? ביסט צופרידן?

רחל:

(מיט אַ זיפץ). **איך ווייס ניט וואָס צו זאָגן, דוד. איך בין גליקלעך, איך בין צופרידן. נאָר מיין האַרץ שרעקט זיך מיר. פאַרוואָס, ווייס איך ניט. צי פאַר פרייד, צי . . .**

דוד:

וועסט זיך צוגעוואוינען, רחל. אַ סך מענטשן זיינען דיר שוין מקנא און נאָך מער, וועלן דיך באַריידן. אַזאַ היים רייסט אויף די אויגן. אָבער, צו וואָס זאָל עס דיך אַרן? ס'איז דיינס. ס'איז אייער האַרעוואַניע. איר האָט בא קיינעם ניט צוגענומען . . . קום, רחל, וועל איך דיר וויזן וואָס פאַר אַ בלומען איך האָב פאַרזייט לעבן טויער. (שמייכלט אַ צופרידענער). **זיי שפּראָצן שוין. הערסט, רחל, איר וועט האָבן דעם שענסטן גאָרטן אין געגנט!**

רחל:

(גייענדיק). **וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם יידישן לעקטשו־רער, מיסטער ערלעך?**

דוד:

אַ וואוילער מענטש. אַ געלערנטער. (בלייבט שטיין און קוקט אויף איר). **אהא . . . מרים . . . נו, פאַרוואָס ניט. ער האָט גערעדט מיט אייך?**

רחל:

ער האָט זי שטאַרק ליב.

דוד:

נו, און מרים?

רחל:

דאָס ווייס איך נאָך ניט. (זיי גייען ווייטער).

דוד:

נו, מע דאַרף אַ טראַכט טאָן וועגן דעם. דו ווייסט דאָך, רחל, איך האָב ליב צו פלאַנצן בלומען, ליבע און גליק. איך בין ווי אַ קאָך־לעפל — איך האָב ליב צו מישן. (לאַכט).

ביידע גייען אָפּ. די בינע איז אַ קורצע ווײַלע ליידיק. פון הויז קומען אַרויס מרים און ערלעך. זי איז זייער אַ שיינע און טראָגט זייער אַ שיין קלייד. זי שמייכלט און איז גוט אויפגעלייגט. גייענדיק זאָגט זי צו אים:

מרים:

איך וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת, מיסטער ערלעך. איך האָב ניט געוואוסט אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי יידישע מוזיק. מיין מוטער פלעגט אַמאָל זינגען פאַר מיר אַ יידיש לידל, אָבער . . .

ערלעך:

פאַראַן, מיס קרעמער, און זייער פיינע מוזיק, וועלכע דערהויבט דעם יידישן גייסט און שאַפט פרייד פאַר דער נשמה. די יידישע פאָלקס מוזיק גיט דעם מענטשן פליגל און וועקט די פאַנטאַזיע. (מיט אַ זיפץ). אונדזער רייכע מוזיק דריקט אויס אַ טיפן, יידישן צער. זי האָט אויך מאָמענטן פון פרייד . . .

מרים:

בלויז מאָמענטן פון פרייד? . . .

ערלעך:

ווייל אין אונדזערע טויזנטער יאָרן פון צער און פיין, האָבן מיר בלויז געהאַט מאָמענטן פון פרייד.

מרים:

און וואו קען מען באַקומען אָט אַ די יידישע מוזיק?

ערלעך:

אויב איר ווילט, קען איך זי פאַר אייך באַזאָרגן. אויב עס וועט

ניט זיין קיין צו גרויסער פאַרלאַנג, וואָלט איך געבעטן אַז איר זאָלט מיר דערלויבן זיך צוצוהערן ווען איר וועט די יידישע מוזיק שפּילן אויף אייער קלאַוויר.

מרים:

איר דענקט דאָ נאָך לאַנג צו פאַרבלייבן?

ערלעך:

דאָס ווייס איך נאָך ניט. וואָלט איר וועלן אַז איך זאָל דאָ פאַר־בלייבן?

מרים:

איך? (שמייכלט ליבנסווירדיק). איך פאַרשטיי אייך ניט, מיס־טער ערלעך. עס הייסט, מיך וועט עס ניט אַרן. איר קענט דאָ בלייבן, אַזוי לאַנג ווי איר ווילט.

ערלעך:

ניט דאָס האָב איך געמיינט.

מרים:

(קוקט אויף אים פאַרוואונדערט). איצט פאַרשטיי איך אייך . . .

ערלעך:

(נעמט איר פאַרן אָרעם). נו, וואָס איז אייער ענטפער?

מרים:

(באַפרייט זיך זייער איידל, מיט אַ שמייכל). איך האָב ניט קיין ענטפער. (גייט אַפּ עטלעכע טריט). ס׳איז אמת, איך שעץ און רעס־פּעקטיר אייך. איר זייט אַ געלערנטער מענטש און אַן אינטערעסאַנטער מענטש . . . אייער פראַגע איז אָבער געקומען אַזוי, אומדערוואַרטעט . . . (דערנעענטערט זיך צו אים מיט אַ שמייכל). דערפאַר וועל איך אייך שולדיק בלייבן אַן ענטפער . . .

ערלעך:

מעג איך וואַרטן אויף דעם ענטפער?

מרים:

דאָס ווייס איך ניט.

(עס דערהערט זיך דוד׳ס שטימע. דוד און רחל קומען צוריק. גייענדיק זאָגט דוד צו רחלען —

דוד:

בלומען, זיינען מיינע קינדער. (זיפצט). יאָ, מיינע קינדער . . .

רחל:

(דערזעט ערלעכן און מרים) **און אָט איז מיין בלום.** (שמייכלט, קומט צו נעענטער).

דוד:

יאָ, און זייער אַ שיינע בלום. (שמייכלט). **העלאָו, מרים. העלאָו, מיסטער ערלעך!**

ערלעך:

העלאָו, מיסטער קאגאן.

מרים:

און איך וויל אייך ניט ענטפערן. היינט בין איך ברוגז אויף אייך. שטאַרק ברוגז!

דוד:

(דערנעענטערט זיך צו זיי מיט אַ שמייכל). **מיט וואָס האָב איך זיך דאָס אַזוי פאַרזינדיקט?**

מרים:

וואו באַהאַלט איר זיך היינט אַ גאַנצן טאָג?

דוד:

(שמייכלט). **ווער, איך? אָט זעסטו דאָך, ווי איך גיי אַרום פראַנק און פריי צווישן הימל און ערד. ווייסטו וויפל זאָרג און וויפל מי עס ליגט אין פלאַנצן בלומען? דאָס איז פונקט ווי געבוירן קינדער. פרעג דיין מאַמען, וועט זי דיר זאָגן. שפּעטער, ווען די צייט וועט קומען, ועסטו אויך וויסן** (צו ערלעכן). **אָ, אַנטשולדיקט, מיסטער ערלעך, איך בין פאַרקראָכן אַביסל צו ווייט. איר ווייסט, אַן אַלטער מאַן איז געגליכן צו אַ גראַגער. נאָר ער גראַגערט און גראַגערט.**

מרים, ערלעך און רחל שמייכלען ווי דוד שטייט און רעדט אַזוי, הייבן זיי אָן אַריינגיין אין הויז. ער זעט ווי זיי האָבן זיך דערווייטערט, קראַצט ער זיך דעם קאָפּ. ער נעמט אַרויס דאָס פלעשל און גיט אַ זופּ. לייגט עס צוריק אַריין אין קעשענע. ער בלייבט שטיין פאַרטראַכט. ער באַמערקט ניט ווי קרעמער איז אַרויסגעקומען פון הויז און גייט גלייך צו צו אים. קרעמערס ערשטע ווערטער האָבן אים אַביסל דער־שראָקען.

קרעמער:

איר זענט דאָך עפּעס פון די געלערנטע, פון די חכמים, לאָמיר

טאַקע הערן אַ קלוגע עצה. ווי מיין טאַטע עליו השלום פלעגט זאָגן, „אַ גוט פערד דאַרף אַ בייטש און אַ קלוגער מענטשן — אַן עצה".

דוד:

מיין עצה איז, אַז דו זאָלסט ריידן ווי אַ מענטש, אַז כ'זאָל דיך קענען פאַרשטיין.

קרעמער:

(פאַרשעמט). איך רייד טאַקע ווי אַ פערד. (קראַצט זיך אין קאָפּ). ס'איז פאַר פרייד, דוד. ס'איז מיר היינט גוט. איך וויל אָבער, אַז עס זאָל מיר זיין נאָך בעסער. איר פאַרשטייט. (ווי אַ סוד) איך וויל היינט ברעכן טעלערס!

דוד:

גייט מען אַריין אין קיך און מע צעברעכט די טעלערס. זיי זיינען דיינע. קענסט זיי צעברעכן!

קרעמער:

גרויסער חכם! איך מיין ברעכן טעלערס צווישן מיסטער ערלעכן און מרימען. איך וויל עס זאָל זיין אַ שידוך. פילאָזאָף מיינער, איצט פאַרשטייט איר שוין! . . .

דוד:

ניט קיין קרומע זאַך. נו, זיי שטימען איין? ער?

קרעמער:

(פאַלט אַריין אין די רייד). ער וויל, נאָר זי . . . דאַ, זעט איר, ליגט דער הונט באַגראָבן. דערפאַר קום איך דאָך צו אייך. איר הערט, דוד, דער לעקטשורער איז מיר אַריין מיטביידע פיס אין האַרצן אַריין. אַט אַזאַ איידעם האָב איך מיר אַלעמאָל געוואונטשן צו האָבן. ער איז דאָך אַ זיידענער יונגערמאַן. ער פּאַסט זיך צו מיין מרים'ל, אמת? . . . דוד, ווי אַזוי מאַכט מען, אַז מע זאָל היינט פראַווען צוויי שמחות מיט איין מאָל — אי דעם חנוכת הבית און אי אַ קנס־מאָל?

דוד:

קלמן, אפילו אַ לייב קען זיך דערווערגן ווען ער וויל אַראָפּ־שלינגען אַ צו גרויסן ביסן מיט איין מאָל! וויל ניט צופיל מיטאַמאָל! לויף ניט, קלמן! פלי ניט! היינטיקע צייטן האָט דאָס האַרץ מער צו זאָגן ווי טאַטע־מאַמע. מע קען ניט אַזוי, כאַפּ, לאַפּ, צאַפּ. מרים איז אַ קלוגע, אַן אינטעליגענטע מיידל. אויב איר האַרץ וועט דער־

פילן אַ ליבע צו מיסטער ערלעכן, וועט מען ניט דאַרפן — ניט דיין קאָפּ און ניט מיינעם. דער יונגערמאַן איז דאָ אין הויז און מרים איז אויך דאָ. טאָ וואַרט, קלמן, לאָז זיי מאַכן דאָס געשעפט צווישן זיך אַליין. ס׳איז זייער וועלט! זייער לעבן! . . .

קרעמער:

ער וועט דאָך דאָ לאַנג ניט בלייבן.

דוד:

אויב ער וועט אַוועקפאָרן, איז אַ סימן אַז ער מעג פאָרן.

קרעמער:

אָבער . . .

דוד:

קלמן, צוויי יונגע הערצער זיינען ווי אַ קול און אַ ווידער־קול: איינס רופט און דאָס צווייטע ענטפערט. זיי וועלן זיך נעענטער באַקאַנען, וועלן זיי זיך פאַרשטיין. דאַן, וועלן זיי אַן מיין עצה, דיר אָנזאָגן אַז דו מעגסט ברעכן טעלערס. אפילו שיסלען אויך! . . .

פון דער רעכטער זייט קומט אַן פּראָפעסאָר טשאַרלס ברין. ער איז אַ הויכער, שיינער יונגערמאַן פון קריסטלעכן אויסזען. ער איז זייער שיין געקליידעט און האָט זייער פיינע מאַניערן. זיין דערשיינען רייסט איבער זייער ריידן.

טשאַרלס:

„גוד איוונינג, דזשענטלמען!”

דוד:

(גייט אַנטקעגן דעם פּראָפעסאָר מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט). העלאָו, פּראָפעסאָר ברין!

קרעמער:

(דערלאַנגט אים אויך די האַנט). פאַרוואָס איז דער „טיטשער” אַזוי שפּעט?

טשאַרלס:

מיינער אַן אַלטער לערער איז צו מיר געקומען אומדערוואַרטעט. (מיט אַ שמייכל). האָבן מיר זיך פאַררעדט, דעריבער האָב איך זיך פאַרשפּעטיקט. איך האָף אַז איר וועט מיר פאַרגעבן . . .

קרעמער:

(גוט ברודעריש). „יעס סער, מיסטער פּראָפעסאָר!” קומט אַריין אין הויז. אַלע זיינען דאָ.

דוד:

איר זייט זייער וועלקאָמען, הער פּראָפעסאָר. מיסטער קרעמער לאַדט אייך איין אין הויז אַריין.

טשאַרלס:

אַ דאַנק. אַ גרויסן דאַנק. יידן זיינען אַלעמאָל געווען גאַסט־פריינטלעך. דער אַלטער פּאַטריאַרך אברהם האָט געוויזן דעם ערשטן ביישפּיל. איך האָב זייער ליב די יידן.

דוד:

איר האָט אויך ליב די יידן, הער פּראָפעסאָר? . . .

מרים:

(קומט אַרויס און רופט). **פּאַפּאַ, די מאַמע בעט דיך . . .** (זי דער־זעט, ברינען, בלייבט זי אָן אָטעם). **אַ, טש . . .** (זי כאַפּט זיך גלייך צוריק. מיט מער רעספּעקט). **„גוד עפטערנון", פּראָפעסאָר ברין, וועל־קאָם אין אָוער ניו האָם!"** (שמייכלענדיק קומט זי אַרונטער אין גאָרטן).

טשאַרלס:

(מיט אַ ליבלעכן שמייכל). **„גוד עפטערנון, מיס קרעמער".**

קרעמער:

נו, אויף וואָס וואַרט איר, מיסטער פּראָפעסאָר? לאָמיר אַריינ־גיין אין הויז, מאַכן אַ לחיים און צובייסן מיט אַ גוט שטיקעלע „טוירקי". מרימ'ל, טאָכטער מיינע, שלעפּ אַריין דעם „טיטשער" דיינעם אין שטוב אַריין. זאָל ער זיך פילן ווי בא זיך אין דער היים!

מרים:

(פילט זיך פריקרע פון פאָטערס פּראָסטקייט)· **מירן באַלד אַריינ־קומען, פּאַפּאַ!**

דוד:

(גיט אַ צי קרעמערן פאַרן אַרבל. שטילערהייט). **קום שוין, שלע־פּער.** (ביידע גייען צום הויז). **אַ מענטשן שלעפּט מען ניט. מען בעט אַ מענטש.** (צום פּראָפעסאָר). **„עקסקיוז מי".**

קרעמער:

(שטילערהייט צו דודן). **וואָס, כ'האָב שלעכט געזאָגט?**

דוד:

(שוין בא דער טיר). **פּערל פון פינף און צען סענט „סטאָר".** (ביידע אָפּ).

מרים:

איך בעט דיך, טשאַרלס, פאַרגיב מיין פאָטער פאַר זיין ניט איידעלן אויסדרוק. ער מיינט גוט. ער איז אַ פשוטער מענטש אָבער אַ האַרץ, האָט ער, גרויס ווי די זון.

טשאַרלס:

(מיט אַ ליבלעכן שמייכל). אַז ניט, וואָלט ער ניט פאַרמאָגט אַזאַ טאָכטער.

מרים:

איך בין שוין געווען פאַרזאָרגט וואָס דו ביסט ניט געקומען אין צייט. איך האָב שוין ניט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן· (פירט אים צו אַ באַנק). צו אַלע פענצטער בין איך געלאָפן זען צי דו קומסט. (ביידע זעצן זיך). יעדער ווילע בין איך אַרויסגעלאָפן זען צי דו ביסט שוין דאָ . . . טשאַרלס, מיין האַרץ שרעקט מיך . . . דענקסטו אַז . . . (זי איז מיטאַמאָל שטיל געבליבן).

טשאַרלס:

(קוקט איר אין פנים אַריין). פאַרוואָס ביסטו שטיל געבליבן? . . . (נעמט אירע הענט אין זיינע). דו ווייסט אַז איך האָב דיך ליב. „דאַר־לינג", מיר האָבן זיך פאַר קיינעם און פאַר קיין זאַך ניט וואָס צו שרעקן. ס'איז אונדזער לעבן און מיר האָבן אַ רעכט עס אַזוי איינ־צואָרדענען, ווי אונדזערע געפילן דיקטירן אונדז.

מרים:

אָבער . . .

טשאַרלס:

(פאַלט אַריין אין די רייד). יאָ, איך ווייס ווענן וואָס דו טראַכסט, מרים — „די וואַנט"! (שמייכלט). קוק אויף מיר, „דאַרלינג"! (זי הייבט אויף דעם קאָפּ צו אים). אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, ניט צוליב אונדזער שולד, בין איך געשטאַנען אויף איין זייט פלויט און דו, אויף דער צווייטער זייט. די וואַנט האָט אונדז איינגעטיילט אין באַזונ־דערע לאַגערן. דעמאָלט זיינען די מענטשן געווען נאַריש און אָבער־גלויבעריש. אָבער אין אַמעריקע, ווערט די וואַנט פון זיך אַליין צע־פאַלן . . . (שטיל אַ ווילע). ווידער, אונדזער רעכט צום לעבן און געניסן פונם לעבן איז שטאַרקער פון דער אַלטער וואַנט.

מרים:

(מיט געבעט. ווייזט אויפן הויז). יאָ, זיי אָבער . . .

טשאַרלס:

זיי וועלן דאָס מוזן פריער אָדער שפּעטער אַקצעפּטירן . . . (שטעלט זיך אויף). סיידן, דיין מורא איז שטאַרקער פון דיינע גע־פילן . . . (נעמט איר פאַר דער האַנט). **קום, מיין טייערע, לאָמיר זאָגן דיינע עלטערן . . .**

מרים:

(דערשראָקן). **ניין! ניט היינט! ניט איצט! לאָמיר נאָך צו־וואַרטן!**

טשאַרלס:

אויף וועמען צו וואַס וואַרטן?! . . . (עס הייבט אָן ווערן טונקעלער).

מרים:

ניט היינט, טייערער. מירן שוין געפינען די פּאַסיקע געלעגנהייט.

טשאַרלס:

אויב דו ביסט ניט מוטיק גענוג, וועל איך ריידן מיט זיי. איך בין זיכער אַז זיי וועלן מיך גרינגלעך פאַרשטיין. נאַטירלעך, אויב זיי ווילן דיך זען אַ גליקלעכע . . .

מרים:

זיי ווילן, טשאַרלס. אין דעם בין איך זיכער. זייער איינציקער שטרעבן איז, מיך צו זען אַ גליקלעכע. (אין אַ טרויעריקן געמיט). **זיי האָבן, אָבער, דערוואַרטעט עפּעס אַנדערש.** (הייבט אויף דעם קאָפּ). **ערשט ניט לאַנג צוריק האָט . . .**

טשאַרלס:

(דערשראָקן. פאַלט אַריין אין די רייד). **וואָס האָט פּאַסירט ערשט ניט לאַנג? . . .**

מרים:

אַן אַנדערער. זיי ווילן איך זאָל זיך פאַרבינדן מיט איינעם פון אונדזערע.

עס ווערט טונקעלער. דוד קומט אַרויס פון הויז. ער דערזעט זיי אין דער פּאַוזע, בלייבט ער שטיין אַ דערשראָקענער. ער קומט באַלד צו זיך. גייט אָפּ אין אַ ווינקל זען וואָס דאָ וועט פאַרקומען. זיי באַ־מערקן אים ניט.

טשאַרלס:

(דערשטוינט). **פאַרבינדן זיך מיט אַן אַנדערן?! . . .** (אין כעס).

קיינער וועט דיך ניט אַוועקרייבן פון מיר! קום, איך וויל איצט ריידן מיט דיינע עלטערן!

מרים:

(מיט געבעט. נעמט אים אונטערן אָרעם). ניט איצט, טשאַרלס. עס זיינען דאָרט פאַראַן אַזויפיל געסט . . . קום איצט אוועק פון דאַנען. לאָמיר ניט צעשטערן זייער היינטיקע פרייד.

טשארלס:

(קוקט איר גלייך אין פנים אַריין). פאַרוואָס זאָלן מיר האַנדלען ווי פייגלינגען? פאַרוואָס ניט קוקן דעם אמת אין פנים אַריין? איז דען ניט בעסער צו קומען צו דיינע עלטערן און דערקלערן זיי, אַז מיר האָבן באַשלאָסן צו ווערן מאַן און ווייב? . . .

מרים:

(ציט אים פאַרן אָרעם. מיט געבעט). מיר וועלן דאָס טאָן, טשאַרלס. מיר וועלן אַזוי האַנדלען. אָבער ניט היינט. קום איצט אַוועק פון דאַנען. איך בעט דיך . . .

ביידע גייען אַפּ פון דער רעכטער זייט. דוד קומט אַרונטער פון די טרעפּ אין גאָרטן אַריין. ער איז זייער באַטריבט. ער קוקט זיי נאָך און זיפצט. ער איז אומרואיק. מיטאַמאָל הייבט ער אָן זינגען דעם מאָטיוו פון „אַ חלום, אַ חלום האָט זיך מיר געחלומט" מיט זייער אַ טרויעריקן געמיט. עס ווערט טונקעלער. פון הויז הערט זיך אָפּגע־ריסענע קלאַנגען פון א יידיש ליד. דער גאָרטן הייבט אָן ווערן באַ־לויכטן פון דער לבנה און פון די לאָמפּן פון הויז. דוד גייט אַפּ אין דער ריכטונג וואו מרים און טשארלס זיינען אַוועק. נאָך אַ קורצער פּאַוזע קומט רחל אַרויס פון הויז רופנדיק:

רחל:

מירמ׳ל! פּראָפעסאָר! (אַז זי זעט זיי ניט, רופט זי העכער). מרימ׳ל! מרימ׳ל! . . .

קרעמער קומט אַרויס זייער מונטער און פריילעך. ער מורמלט דעם מאָטיוו פון דעם ליד וואָס מ׳האָט געהערט פון הויז.

קרעמער:

נו, וואו זיינען זיי, רחל?

רחל:

וואָס פרעגסטו מיך? האָסט דאָך געזאָגט אַז דו האָסט זיי אַי־בערגעלאָזן אין גאָרטן.

קרעמער:

„שורי!״ וואָס זשע, מיינסט אַז איך בין שיכור? כ׳האָב גאָרנישט אַזויפיל געטרונקען.

רחל:

(וויל זיך אַליין באַרויקן). זי האָט אוודאי גענומען איר פּראָפעסאָר צו די בלומען. (מיט אַ זיפץ). אוי, גאָטעניו, מיין גליק זאָל נאָר ניט צעשטערט ווערן.

קרעמער:

(מיט פרייד). ס׳וועט ניט, רחל. ס׳וועט ניט! איך האָב באַצאָלט מיט „קעש מאָני״ פאַר עווערייטינג! ס׳איז אונדזערס, רחל! אונדזערס! די בלומען, די ביימער, דאָס הויז מיט די פופצן „רומס״, מיטן „דאָבל גאַראַדזש״, מיט דער פּאַטיאָ און די „אָרענדזשעס״ און אַלץ. האָסט זיך פאַרגעשטעלט, רחל, אַז קאַרל דער פּרוכט פּעדלער וועט אויפשטיין אין דער פרי, וועט ער טרינקען אָרענדזש־דזשוס פון זיין אייגענעם גאָרטן? . . . האַאַאַ?! . . . איי וועלן מיר דאָ מאַכן סטייקס מיט „טשיקנס״ אויף דער „באַרבעקיו״! איי וועלן מיר דאָ אַ לעב טאָן, אַז די וועלט וועט צעזעצט ווערן. (ער גיט איר אַ קיצל אין אַ זייט). וואָס זאָגסטו, רחל? . . . (הייבט אָן זינגען). „אָטשי טשאָרניע״ . . .

רחל:

הער אויף, קלמן, ביסט דאָך טאַקע שיכור.

קרעמער:

(גיט אַ טאַנץ און אַ שפרונג). ס׳איז מיר היינט גוט אויפן האַרצן! (גיט איר אַ קוש אין באַק און צעלאַכט זיך).

רחל:

(מיט אַ שמייכל). הער אויף, קלמן. שעם זיך כאָטש פאַר דער לבנה מיט די שטערן. (גיט אים אַ לייכטן שטופ פון זיך).

קרעמער:

רבונו של עולם! קיין פרעמדע ווייבלעך טאָר איך ניט קושן און דיך לאָזסטו אויך ניט! גזלן, לאָזסט דאָך ניט לעבן אויף דער וועלט!

רחל:

הער אויף ריידן נאַרישקייטן.

קרעמער:

איי, מ׳קען לעבן, נאָר מע לאָזט ניט!

רחל:

(האַלט אין איין קוקן אין דער ווייטקייט אַריין). וואו קענען זיי זיין?

קרעמער:

איך וויל פאַרשטעלן דעם פּראָפעסאָר פאַר די געסט. זאָלן זיי זען אַז מיין מרים׳ס קאַלעדזש פּראָפעסאָר אין אַ גאַנצער מחותן בא מיר אין הויז. זאָלן זיי וויסן ווער די קרעמערס זיינען. (רופט). מרים! מיסטער פּראָפעסאָר! מרים!

רחל:

שטילער, קלמן! די קריסטלעכע שכנים קענען נאָך דערהערן. דאָ איז ניט שיין צו שרייען!

קרעמער:

ניט שיין! ניט שיין! איך טאָר שוין ניט עפענען דאָס מויל! אָלרייט, וועל איך רופן שטילער. (אויף שפּאַס, רוימט איין רחלען אַ סוד)· מרים. מיסטער פּראָפעסאָר. (העכער צו רחלען). אַזוי איז גוט? (לאַכט.׳ שרייט הויך). מרים! מיסטער פּראָפעסאָר!

דוד:

(קומט אָן מיט מרים׳ען). וואָס שרייסטו, קלמן?

קרעמער:

(פאַרוואונדערט). און וואו איז דער . . .

דוד:

ער האָט געדאַרפט אַוועקגיין. ער האָט געבעטן אַז דו זאָלסט אים אַנטשולדיקן.

רחל:

אַ שאָד. ער האָט דאָך גאָרנישט פאַרזוכט. אפילו . . .

דוד:

ס׳ווערט קיל אין דרויסן. גייט בעסער אין הויז אַריין. מרים וועט שפּילן אויף דער פּיאַנע . . . גייט. ניט שיין צו לאָזן די געסט אַליין.

רחל:

(צו מרימען). קום, מיין קינד. נו, מילא, וועלן מיר אים איינלאַדן אַן אַנדערש מאָל.

קרעמער:

אוודאי, אוודאי וועלן מיר אים איינלאַדן. „שור״! אַזאַ מענטש איז אַ כבוד . . .

אַלע הייבן אָן אַריינגיין אין הויז. דוד בלייבט הינטערשטעליק. ער גיט אַ טרונק אַביסל בראַנפן. מורמלט דעם מאָטיוו פון „אַ חלום, אַ חלום . . .״ ער קוקט זיי נאָך מיט באַדויערן. קרעמער זעט ווי דוד איז געבליבן גיט ער מאַך מיט דער האַנט און אַ געשריי צו אים: **„דוד!!!״** (דוד גיט אַ ציטער ווי עמיץ וואָלט אים אויפגעוועקט. הייבט אָן זינגען העכער: „האָט זיך מיר געחלומט, אַ חלום, וואָס וועט ברענגען ניט קיין גוטס. אַ חלום וואָס וועט ברענגען ניט קיין גוטס״ ווען ער איז שוין בא דער טיר, הייבט אָן ווערן נאָך מער פינצטער. דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער פּאַמעלעך אויף אַ קורצער ווייל, אָנדייטנדיק אויף אַ שעה שפּעטער.

סוף פון ערשטן בילד

צ ו ו י י ט   ב י ל ד

די זעלבע סצענע. דער זעלבער גאָרטן, נאָר מיט איין שעה שפּע־טער. אין הויז איז שוין שטיל. כמעט אַלע געסט זיינען שוין אַהיים גע־גאַנגען. די ליכט פון הויז זעט זיך נאָך. זי באַלייכט דעם אינדרויסן. די לבנה־שיין גיט אויך צו ליכטיקייט און קלאָר. די בינע איז ליידיק אַ קורצע וויל, כדי אַריינצוברענגען דעם צושויער אין אַ שטימונג פון נאַכט.

עס קומען אַרויס פון הויז מיסטער שאַרף און מיסטער שנייד, אָנגעטאָן אין זייערע היט. זיי גייען אויך אַהיים. מיסטער שאַרף איז, ווי געוויינטלעך, אויפגערעגט.

מר. שאַרף:

אַ וועלט! אַ וועלטעלע, זאָג איך אייך! מע כאַפּט! מע שפּילט זיך אין כאַפּעלעך. איי, ס'איז ניט דיינס, די גאַנצע וועלט ווייסט אַז ס'איז יענעמס, אָבער מע כאַפּט! מען קערט ניט! אַבי מע כאַפּט. ניין . . . אַ מיאוסע וועלט, זאָג איך אייך. זייער ניט שיין . . .

מר. שנייד:

וואָס איז דער מער, מיסטער שאַרף, איר האָט אַ מאַרטגיידזש אויף מר. ערלעכן?

מר. שאַרף:

אַז איך וויל, קען איך זאָגן אַז איך האָב דעם ערשטן און דעם צווייטן און דעם דריטן מאַרטגיידזש אויף אים. איר ווייסט פאַרוואָס? ווייל איך האָב אים אימפּאָרטירט פאַר די דריי לעקטשורס. איך האָב זיך דריי מאָנאַטן מיט אים געדונגען איבער דעם פּרייז. איך האָב אים אָפּגעוואָרט אויפן סטיישאָן. איך האָב אים אַריינגענומען צו מיר אין הויז און געגעבן אַ בעט און עסן און טרינקען. פון שענסטן און פון בעסטן האָב איך אים געגעבן! איך און איך און נאָר איך אַליין. זאָגט מיר, האָט עמיץ פון די „מעמבערס″ אַריינגעטאָן אַ האַנט אין קאַלט וואַסער אַריין פאַר מיסטער ערלעכן? האָט עמיץ אנדערש זיך „גע־

באדערט״ מיט אים? ניין! איר שווייגט ווי יורקעס הונט! איר קאָנט מיר ניט ענטפערן אויף דעם. איצט קומט מען צום פּאַרטיקן און מען פאַרכאַפּט . . .

מר. שנייד:

אַז אייער טאָכטער וואָלט געפעלן מיסטער ערלעכן, וואָלט . . .

מר. שאַרף:

(פאַלט אַריין אין די רייד). יאָ געפעלן, צי ניט געפעלן, אָבער טרייען האָט זי דאָך געמעגט!

מר. שנייד:

אפשר איז אַזוי באַשערט, מיסטער שאַרף?

מר. שאַרף:

באַשערט צי באַגאָלט — איך גלויב ניט אין די אַלע באָבע־מעשות! ווען מען „טרייעט״ קען עפּעס אַרויסקומען! מיין אָרעם קינד נעבעך. מע האָט דאָך איר אפילו ניט געגעבן קיין „טשענס״ צו טרייען! מע האָט דאָך איר אפילו ניט געלאָזט אָנוואַרעמען זיך בא אים. פון אונטער די הענט האָט מען אים אויסגעכאַפּט! ניט שיין, זאָג איך אייך! פּעעע!

מר. שנייד:

דערווייל איז נאָך גאַרנישט. מע ווייסט ניט, צי ס׳וועט עפּעס אַרויסקומען צווישן זיי און איר קאָכט זיך שוין . . .

מר. שאַרף:

ס׳וועט ווערן! ס׳וועט ווערן. קלמן דער פּעדלערוק וועט זיך לאָזן קאָסטן „פּלענטי״. ווי אויף אַט דעם הויז, האָט ער אויסגעגעבן אַ פאַר־מעגן. איר מיינט אַז איך ווייס ניט? ער וועט אים צוזאָגן דאָס טעלערל פון הימל. אַן אָרעמער באַי איז ער נעבעך, דער לעקטשורער, און דאָס מיידל איז ניט קיין מיאוסע אויך, וועט ער זיך אָנכאַפּן מיט ביידע הענט! איי דאַרף איך זיך אַליין אָנפּאַטשן! איי בין איך ווערט קלעפּ. וואָס האָט מיך דער גוטער יאָר געטראָגן אהער מיטן לעקטשורער? איך האָב געקענט אַהערקומען צה קרעמערן נאָכן „דאָביישאָן״ און מיסטער ערלעכן האַלטן בא זיך אין דער היים, אַז מיין נחמה זאָל זיך אים שווינדלען פאַר די אויגן. ער זאָל האַלטן אין איין קוקן אויף איר. איי האָב איך קיין שכל ניט. איי בין איך ווערט דעם שטעקן!

מר. שנייד:

פאָרן מיר אַהיים, צי איר פּאַרקאַטשעט זיך דאָ צו נעבכטיקן? עס

איז דאָך שוין שפּעט. אַלע זיינען זיך שוין פונאַנדערגעגאַנגען!

מר. שאַרף:

מיר פאָרן! מיר פאָרן! איי פאָר איך איצט! (קראַצט זיך אין קאָפּ). איי האָב איך דאָס אָפּגעאַרבעט! איי האָב איך „געפיקסט" מיין אייגענע טאָכטער. איך האָב זי ריכטיק „געפיקסט". ווי נאָר זי האָט דערזען דעם לעקטשורער, איז זי נעבעך פאַרגליווערט געוואָרן. איצט וועט זי נעבעך פאַרפרוירן ווערן!

מר. שנייד:

איר גייט, צי ניט? מיר האָבן דאָך שוין געזאָגט אַ גוטע נאַכט. עס פּאַסט דאָך ניט צו שטיין דאָ. טאָמער קומט עמיצער אַרויס.

מר. שאַרף:

איך גיי! איך גיי! איך קען דען אַהיימגיין? איך האָב דען אַ היים?...

זיין ריידן ווערט איבערגעריסן. קלמן קרעמער און צבי ערלעך קומען אַרויס פון הויז. ערלעך טראָגט אַ וואַליז אין דער האַנט. ביידע זיינען פאַרטרויערט. ווי נאָר שאַרף און שנייד דערזעען דאָס, בלייבן זיי שטיין פאַרגאַפט.

קרעמער:

אָבער, איך זע ניט אין פאַרוואָס איר זאָלט צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין. עס פעלט אייך חלילה עפּעס בא מיר, מיסטער ערלעך?

ערלעך:

איך דאַנק אייך זייער, מיסטער קרעמער. איך האָב זיך באַרעכנט, אַז עס איז בעסער אַז איך זאָל בלייבן וואוינען אין שטאָט. איך וועל זיין בא מיסטער שאַרפן ביז איך וועל אַוועקפאָרן.

מר. שאַרף:

(גיט אַ כאַפּ די וואַליזע פון ערלעכס האַנט מיט פרייד. די וואַליזע איז שווער. ער גיט אַ זאָג). מיסטער ערלעך האָט בא מיר די שענסטע „רום"! אמת, מיסטער ערלעך ? . . .

ערלעך:

(גיט קרעמערן די האַנט). אַ גוטע נאַכט, מיסטער קרעמער. (קרעמער דריקט אים די האַנט). אַ האַרציקן דאַנק פאַר אַלץ.

קרעמער:

(טרויעריק). איר טוט מיר וויי, מיסטער ערלעך. מיין ווייב האָט עגמת־נפש . . .

ערלעך:

איך האף, אַז איר וועט מיך פאַרשטיין, מיסטער קרעמער. (הייבט אָן גיין).

קרעמער:

זי וועט זאָגן יאָ! איך גאַראַנטיר אייך.

ערלעך:

(שמייכלט מיט פאַרדרוס). **צווינגען קען מען ניט און מע דאַרף ניט צווינגען. דאָס וועל איך אייך יאָ זאָגן: אייער טאָכטער איז אַ כבוד און אַ שטאָלץ פאַר טאַטע־מאַמע. איך ווינטש אייך, אַז איר זאָלט האָבן פיל נחת פון איר. אַ גוטע נאַכט.** (גייט אַפּ).

קרעמער:

וועל איך אייך נאָך קאָנען זען, איידער איר פאָרט אַוועק?

ערלעך:

(שוין פון ווייטנס). **איך האָף אַזוי. אַ גוטע נאַכט.** (אָפּ).

מר. שאַרף:

(לויפט אים נאָך מיט דער שווערער וואַליז און שרייט): **קריכט אַריין אין דער גרינער קאַר! דאָס איז מיין ביואיק!** (דרייט זיך אויס צו קרעמערן וואָס שטייט פאַרטראַכט). **"גוד נייט", מיסטער קרעמער! עס איז געווען "סאָם פאַרטי"!** (פאַרשווינדט אַ צופרידענער).

מר. שנייד:

(שטילערהייט צו קרעמערן). **ניט געדאַרפט געווען אַוועקלאָזן. אַ גרויסער "מיסטייק"! "גוד נייט"**

מיסטער שנייד לויפט שנעל אַרויס. קרעמער בלייבט שטיין מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. טרויעריק. דוד קומט אָן פון דער לינקער זייט. ער גייט גלייך צו קרעמערן. קרעמער קומט אים אַנטקעגן.

קרעמער:

נו, דוד? . . . מיינע פּלענער . . . מיינע האָפענונגען . . . (זיפצט).

דוד:

כ'ווייס, כ'ווייס. כ'האָב אַלץ געזען. קלמן, מ'זאָגט ניט האָפּ, איידער מע שפּרינגט ניט אַראָפּ.

קרעמער:

פאַרוואָס האָט זי זיך איינגעשפּאַרט? פאַרוואָס זאָגט זי גאָרנישט?

דוד:

אפשר האָט זי ניט וואָס צו זאָגן, גלאַט ריידן, אין דער וועלט אַריין?

קרעמער:

אַזעלכע „באַיעס", דוד, וואַקסן ניט אויף קייןביימער.

דוד:

וואַקסן זיי אויף דער ערד. ערגעץ וואַקסן זיי. צוריקגעשמועסט, האָט זי דען געזאָגט ניין? וואָס קאָכסטו זיך? שוין גייסטו אַרום אַן אַ קאָפּ.

קרעמער:

וואָס טויג מיר, אַז זי האָט ניט געזאָגט ניין, אַז זי האָט אָבער אויך ניט געזאָגט יאָ. אַ פול מויל מיט וואַסער האָט זי אָנגענומען. ער האָט גערעדט צו איר, געשמייכלט און זי האָט זיך אָפּגעקערט פון אים און אַנטלאָפן צו זיך אין „רום". פאַרוואָס? . . .

מייטע:

(גיט אַ קום אַרויס). גיי נאָר אַריין, קלמן. דיין רחל דאַרף דיך האָבן!

קרעמער:

(אין כעס). מע האָט מיך שוין געהאַט! שוין געהאַט! . . .

מייטע:

חכמה זיך ניט מיט מיר. ווייל קיין צו גרויסער חכם ביסטו אויך ניט. און איך האָב ניט קיין כוח צו דיר! זי האָט מיך געשיקט רופן, בין איך געגאַנגען. זי האָט מיך געהייסן דיר זאָגן אַז זי דאַרף דיך האָבן, האָב איך דיר געזאָגט. ווילסטו גיין, גיי! ווילסטו ניט — דאַרף מען ניט. איך בין שוין סיי ווי אָן כוחות. (ציט אַריין די לופט). איי אַ מחיה, אַזאַ טייערע לופט. איך דערלעב אפילו ניט אַ שמעק טאָן פון איר.

קרעמער:

ווער לאָזט דיך ניט?!

מייטע:

גוואַלד, יידישע קינדער! אַז איך וועל מיך אָפּרייסן אויף דעם קאָזין מיינעם, וועט ער ניט וויסן פון וואַנען עס איז אים געקומען. (גייט נעענטער צו קרעמערן). ווען קען איך שמעקן פון דער לופט, אַז איך שטיי בא די טעפּ?! גיי, גיי גיב אַ קוק וואָס עס טוט זיך

אין „סינק"! איך האָב נאָך הײנט איבערצוװאָשן אַ „קרעקערי סטאָר מיט דישעס"! איך בין דאָך באַ דיר געװאָרן „טשיף קוק און דיש־װאַשער"!

קרעמער:

(אַרײנגײענדיק אין הויז). **כ'האָב שוין געהערט! שוין געהערט!** (אָפּ).

מײטע:

(שרײַט אים נאָך). **איך װיל אַז זאָלסט עס באַכאַמאָל הערן!** (צו דודן.) **ער איז נאָך געגעכט.** (טרויעריק. װישט די אויגן מיטן פאַרטעך). **„װי אַ קעקטוס װעל איך זיך צעװאַקסן!" אָך און װײ צו מײַנע יאָרן! . . . מיך אַזוי אָפּצוגאַרן, מיך אַזוי צו פאַרפירן . . .** (פאַרקרימט זיך, זי זעט װי דוד שטײט און שמײכלט). **װאָס האָט איר אַנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן? . . .** (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט). **איר זײַט ניט בעסער פון זײ.** (גיט אַ לויף אַרײַן אין הויז אַרײַן).

דוד צעלאַכט זיך הויך אויפן קול. ער האַלט זיך אַזש באַ די זײַטן. אין דער צײַט קומט אַן פון דער רעכטער זײַט מרים. זי טראָגט אַן אויבערמאַנטל און אַן אַנדער קלײד. זי איז אומגעדולדיק און קוקט זיך אַרום פון אַלע זײַטן. זי דערזעט דודן. ער דערזעט זי אויך. בײדע בלײבן דערשראָקן אויף זײערע פּלעצער. נאָך אַ קורצער פּאַוזע, לאָזט זי זיך גײן אין דער לינקער זײַט, װי עפּעס אַ גנב, װאָס טראָגט פאַר־באָטענע סחורה.

דוד:

(אין אַ שטילן טאָן). **מרים.** (זי דערשרעקט זיך און בלײבט שטײן). **װאוהין אַזוי שפּעט?**

מרים:

(מיט געבעט). **פאַרװאָס היט איר מיך? פאַרװאָס לאָזט איר מיך ניט גײן מײַן װעג?**

דוד:

(דערנענטערט זיך צו איר). **װײל ס'איז ניט דער גלײַכער װעג, מײַן קינד.** (עס איז שטיל אַ װײַלע). **ער װאַרט אויף דיר. איך האָב אים געזען אַרומגײן לעבן טויער.**

מרים:

(אומרואיק). **װער? . . . פון װעמען רעדט איר? . . .**

דוד:

(שמייכלט). קום אַהער, לאָמיר זיך דאָ אַוועקזעצן, אויף אַ ווייל. אָט אַזוי, ווי מיר פלעגן עס טאָן, ווען דו ביסט געווען אַ קליינינקע. קום.

מרים:

איך האָב איצט ניט קיין געדולד צו זיצן. איך וויל איצט בעסער שפּאַצירן.

דוד:

ס׳איז ניט אמת. פּראָפעסאָר ברין וואַרט אויף דיר. איר האָטביידע אָפּגערעדט צו טרעפן זיך, ווען מיר וועלן גיין שלאָפן.

מרים:

(פאַלט אַריין אין די רייד). מיר האָבן גאָרניט באַשלאָסן.

דוד:

(טרויעריק). דיינע טאַטע־מאַמע וועלן דאָס ניט איבערלעבן.

מרים:

איך בין באַרעכטיקט צו מיין אייגן גליק.

דוד:

אמת, קינד מיינס. אָבער צוויי פרעמדע הערצער.

מרים:

(פאַרוואונדערט). איר, דוד? . . . איר, דער ראַציאָנאַלער, דער מאָדערנער, דער קלוגער, דער וואָס האָט אַזויפיל געליידנט, געלערנט און מיטגעמאַכט, איר זאָגט פרעמדע הערצער?

דוד:

(מיט אַ זיפץ). אָט דערפאַר, זאָג איך דיר טאַקע — פרעמדע דורך טויזנטער יאָרן. געדענקסט, ווי איך האָב דיר אַמאָל דערציילט וועגן מיינע צוויי קינדער? עס איז מיר שווער צו ריידן וועגן דעם. דערפאַר בעט איך דיך, זאָלסט עס ניט טאָן, ביז דו וועסט זיך ניט אָפּגעבן אַ חשבון. פאַרגעס ניט, אַז דו ביסט קלמן און רחל׳ס טאָכ־טער — אַ יידיש קינד. דו הערסט — דו ביסט אַ יידיש קינד!

מרים:

זאָגט מיר, דוד, וואו האָט איר אַ בעסערן ייד, ווי פּראָפעסאָר טשאַרלס ברין? אדרבה, זאָגט!

דוד:

איי, מרימ'ל, ביסט נאָך אַלץ יענע קליינע מיידעלע וואָס פלעגט רייטן אויף מיין רוקן. (זיפצט. גיט אַ וויש אָן אויג מיט אַ פינגער). דו קענסט גאָרניט באַגרייפן, מיין קינד, וויפל פרייד און גליק דו וואָלסט פאַרשאַפט דיינע טאַטע־מאַמע, אויף די עלטערע יאָרן . . . (ווי צו זיך אַליין). מיסטער ערלעך וואָלט געווען אַ שטאָלץ פאַר דער שטאָט און אַ פרייד פאַר טאַטע־מאַמע. (ער קוקט אויף איר. זי שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ). אַזאַ מענטשן איז ווייט צו זוכן . . . זעסט, איך האָב געשטרעבט צו זיין אַזאַ מענטש, ווי מיסטער ערלעך. (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט ווי אַ רעזיגנירטער).

מרים:

מיסטער ערלעך איז טאַקע אַ גרויסער מענטש. איך רעספעקטיר אים. אָבער, (הייבט די אַקסלען) איך בין ניט פאַרליבט אין אים.

דוד:

גייסטו צו פּראָפעסאָר ברין,ווערסטו אינגאַנצן דערוויטערט . . .

מרים:

(פאַלט אַריין אין די רייד). איך גיי ניט בייטן מיין גלויבן, דוד. טשאַרלס און איך פאַרשטייען זיך. מיר זיינען מאָדערנע מענטשן!

דוד:

הע, הע. אָבער מענטשן קענען זיך אָפּנאַרן. אויך מאָדערנע מענטשן מאַכן טעותן. ווילסטו מיר איינריידן, אַז נאָר איר צוויי, בלויז צוויי מענטשן זיינען אימשטאַנד אָפּצוראַמען אַלע דערנער וואָס זיינען אָנגעוואַקסן זייט טויזנטער יאָרן? ניין, מרים. דעם זעלבן טעות האָב איך געמאַכט אין מיינע יונגע יאָרן . . . מרים, איר גייט ביידע באַגיין די גרעסטע נאַרישקייט. בעסער געזאָגט, דעם גרעסטן פאַר־ברעכן. ער קען זיינע מענטשן און דו קענן דיינע. דו ווייסט זייער גוט, אַז אפילו שטומע בלומען, וואָס קאָנען ניט ריידן און טראַכטן, לאָזן זיך אויך ניט אַזוי לייכט איבערפלאַנצן. זיי וועלן וועלקן אין פרעמדע קלימאַטן . . . קלמן און רחל קרעמער, וואָס האָבן דאָס גליק צו זיין דיינע עלטערן, וועלן דאָס ניט קענען אַראָפּשלינגען. דו וועסט זיי חלילה אומברענגען.

מרים:

אויב מיינע עלטערן ווילן מיך זען אַ גליקלעכע, דאַרפן זיי זיך

ניט רעכענען מיט אַזעלכע נאַרישקייטן. (זי זעצט זיך אַוועק לעבן אים). דוד, איך הער אַלעמאָל ווי דער טאַטע זאָגט, „אַ ייד, אַ קריסט — אַבי אַ מענטש״. איך גלויב אַז דער טאַטע איז גערעכט. אַט, גיט אַ קוק, פּסח עסן מיר ברויט, די מאַמע מאַכט אַלעמאָל בייקאָן און אייער. אין טעמפּל גייען זיי בלויז איין מאָל אַ יאָר. „קריסטמעס״ שטעלן זיי אַרויס אַ „קריסטמעס בוים״ . . . טשאַרלס פירט זיך אויף פּונקט ווי מיר . . . איך זע ניט קיין אונטערשייד צווישן אַ ייד און אַ קריסט.

דוד:

(פאַלט אַריין אין די רייד). וואָס האָט אַ „קריסטמעס בוים״ צו טאָן מיט חתונה האָבן? מיט קינדער האָבן, מיט בויען אַ פאַמיליע? אַ „קריסטמעס בוים״ איז פאַר די שכנים, און חתונה האָבן איז פאַר זיך . . . (ער איז שטיל. זי זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ). מרים, דער וואָס זוכט גליק צווישן פרעמדע, פאַרלירט דאָס צווישן אייגענע. פון אַ פרעמדן קוואַל, ווי פריי ער זאָל ניט זיין, קען מען אייביק ניט טרינקען.

מרים:

פאַרוואָס פרעמדע? מיט וואָס קענט איר באַווייזן, אַז איר זייט אַנדערש?

דוד:

מע באַווייזט דאָס שוין אָן אונדז. אַנדערע טוען דאָס פאַר אונדז. (מיט אַ זיפץ). אַיי טוען זיי דאָס . . . און מיט אַ סיסטעם . . . מיט ווויסנשאַפט, מיט טעכניק . . . (דירעקט צו איר). דו ווייסט ווי שווער עס איז דיין טאַטן אָנגעקומען צו קויפן דאָס הויז. דו ווייסט אויך פאַרוואָס. און וואָס די דייטשן האָבן געטאָן צו די יידן, ווייסטו דאָך אויך, האָאָאַ? . . . איך בעט דיך, מרים, גיי ניט צו אים. איך וועל אַרויסגיין אים זאָגן, אַז דו קענסט ניט קומען. דו ביסט אַ קלוגע מיידל, און טראַכט די זאַך איבער.

מרים:

איך האָב שוין אַלץ איבערגעטראַכט. איך האָב טשאַרלסן אַזוי ליב אַז . . .

דוד:

(פאַלט אַריין אין די רייד). און טאַטע־מאַמע? . . .

מרים:

אין אָנהויב וועט זיי מסתמא זיין אביסל שווער, אָבער, זיי וועלן זיך צוגעוואוינען.

דוד:

עס וועט ניט זיין קיין שפּעטער. פֿאַר דיין מאַמען, זיכער ניט. דו זאָגסט, אַז דו האָסט אים ליב. איך גלויב דיר. און דיין מאַמען, האָסטו ניט ליב? . . . (זי זיצט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ). און דאָך, ווילסטו רויבן איר לעבן צוליב דיין ביסל גליק. מרים, זי האָט דיך געבוירן, דערצויגן און איז גרייט יעדע מינוט אָוועקצוגעבן איר לעבן פֿאַר דיר. (ער קוקט איר אין פּנים אַריין). אדרבה, פֿרעג דיין פּראָפּע־סאָר, צי איז ער גרייט אָוועקצוגעבן זיין לעבן פֿאַר דיר? ער האָט דאָך דיך פֿאַרזיכערט אַז ער האָט דיך ליב . . .

טשאַרלס גיט פּלוצים אַ קום אַריין. דער געשפּרעך ווערט אי־בערגעריסן. ער טראָגט אַנדערע קליידער. דוד און מרים גיבן זיך אַ שטעל אויף. טשאַרלס גייט גלייך צו זיי, מיט אַ געמאַכטן שמייכל אויף די ליפּן.

טשאַרלס:

איך האָב גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז עמיץ האַלט דיך אויף. (שמייכלט צו דודן). איך האָב אויך פֿאַרשטאַנען ווער. נו, איז אייך געלונגען איר אָפּצורייסן פֿון מיר?

דוד:

איך האָב אפֿילו ניט פּרובירט דאָס טאָן, הער פּראָפֿעסאָר. איך האָב איר נאָך געוואָלט ווייזן דעם טעות וואָס זי וויל מאַכן.

טשאַרלס:

דעם טעות? . . .

דוד:

אָדער פֿאַרברעכן. איינס פֿון די ביידע.

טשאַרלס:

(מיט אַ ביטערן שמייכל). לויט אייך קומט אויס, אַז צוויי מענטשן האָבן זיך ליב מאַכן זיי אַ טעות, אָדער באַגייען אַ פֿאַרברעכן.

דוד:

ניט דאָס האָב איך געמיינט, הער פּראָפֿעסאָר. וואָס איך מיין איז, ווען די צוויי מענטשן זיינען זיך פֿרעמד און . . .

טשאַרלס:

(מיט אַ געמאַכטן, הויכן געלעכטער). **גאַטירלעך זיינען זיי פרעמד, ביז זיי ווערן מאַן און ווייב.**

מרים:

דוד, איר האָט קיין רעכט ניט, אַזוי צו ריידן צו פּראָפעסאָר ברין!

טשאַרלס:

(לאַכט נאָך אַלץ). **דאָס איז זייער אַן אַלטע טעאָריע . . .**

דוד:

(פאַלט אַריין אין די רייד). **אָבער אייביק נייַ!**

טשאַרלס:

מיר וועלן איבער איר אַריבערקלעטערן.

דוד:

איר וועט אָבער מוזן קלעטערן איבער צוויי קברים

מרים:

שווייגט, איר אַלטער נאַר!

דוד:

(מיר זעען אים צום ערשטן מאָל אַן אויפגערעגטן). **יאָ, הער פּראָ־פעסאָר! איבער די קברים פון אירע עלטערן!** (אַביסל רואיקער). **אייך דאַרף זיין באַקאַנט, הער פּראָפעסאָר, ווי אייערע האָבן דורות לאַנג יובל׳דיק געשפּאַנט איבער די קברים פון אירע** (ווייזט אויף מרימען) **זיידעס און עלטער־זיידעס.**

מרים:

(אויפגערעגט. שרייט). **הער אים ניט, טשאַרלס. ער ווייסט ניט וואָס ער רעדט. ער האָט היינט צופיל געטרונקען.** (צו דודן). **איר זייט שיכור! אַן אַלטער שיכור**

אויף זייערע געשרייען קומען אַרויס פון הויז, אַנגעטאָן אין שלאָפראָק, רחל און קרעמער. שטייענדיק בא דער טיר, זאָגט קרעמער:

קרעמער:

וואָס איז דער מער?

רחל:

ווער האָט דאָס דאָ געשריען?

קרעמער:

זע נאָר ווער ס'איז דאָ, דער פּראָפּעסאָר? רחל, אפשר קען מען מאַכן אַ טיש? ס'איז נאָך געבליבן וואָס צו טרינקען און וואָס צוצו־בייסן. (גייט צו נעענטער). **אַז איר זייט שוין יאָ דאָ, לאָמיר אַריינגיין מאַכן אַ לחיים. יאָ, פּראָפּעסאָר?**

רחל:

דער פּראָפּעסאר איז בא אונדז אַלעמאָל אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

טשאַרלס:

איך קאָן איצט ניט טרינקען. איך וויל מיט אייך עפּעס ריידן, מיסטער און מיסעס קרעמער.

מרים:

נייז, טשאַרלס. איך בעט דיך, ניט איצט.

קרעמער:

וואָס טוט זיך דאָ? זי לאָזט דעם טיטשער ניט ריידן. זי רופט אים ביים ערשטן נאָמען. מרים, וואו זיינען דיינע „מענערס"? רחל . . .

טשאַרלס:

(צו מרים). **פריער אָדער שפּעטער, זיי וועלן דאָך מוזן וויסן. מיסטער קרעמער, איך האָב זייער ליב אייער טאָכטער און זי האָט מיך אויך ליב. מיר האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן. מיר ווילן דאָס ניט טאָן, אָן אייער צושטימונג. די ברכה פון טאַטע־מאַמע . . .**

ווען טשאַרלס האָט געענדיקט ריידן, זיינען נאָך רחל און קרעמער געשטאַנען פאַרגליווערט פון דעם פּלוצימדיקן קלאַפּ. קרעמער נעמט זיך אָן מיט אַביסל מוט און שמייכלט, שטאַמלט פול מיט צער און ווייטיק. ער ווייסט אפילו ניט ווי אָנצוהויבן. ער רעדט מער מיט די הענט און מיטן האַרצן, ווי מיט ווערטער.

קרעמער:

כא, כא . . . דאָס איז דאָך . . . כא, כא . . . דאָס איז דאָך גע־קומען ווי אַ כא, כאָ . . . ווי אַ דונער . . . דאָס איז, רחל . . . רחל!!! איך בין פּריטשמעליעט וועק מיך אויף, רחל! דו הערסט, רחל . . .

מרים:

(לויפט צום פאָטער און נעמט אים אַרום). **פּאָפּאָ! פּאָפּאָ טייערער, איך האָב ליב טשארלסן . . . פּאָפּאָ . . .**

קרעמער:

(ער פּירט זי צו רחלען). **האַלט זי לעבן זיך!** (צו מרים)

דו ביסט קלמן קרעמערס טאָכטער! (צו טשאַרלס) עס איז געקומען אַזוי פּלוצים, מיסטער פּראָפעסאָר! כאַ, כאַ . . . אַזוי פּלוצים געטראָפן ווי אַ . . . צי אַ . . .

טשאַרלס:

איך פאַרשטיי ווי איר פילט, מיסטער קרעמער . . .

קרעמער:

(אין זעלבן טאָן) ניין, מיסטער פּראָפעסאָר, איר פאַרשטייט ניט. ניין! איר קענט ניט פאַרשטיין. איך האָב צו אייך גאָרנישט. איר זייט אַ פיינער מענטש. אדרבה, איך גלייך אייך. אָבער (ווייזט אויפן האַרצן) וואָס דאָ טוט זיך, קענט איר ניט פאַרשטיין. אייערע זיידעס האָבן דאָס ניט מיטגעמאַכט וואָס מיין טאַטע, (ווייזט אויף מרים) איר זיידע און באָבע האָבן איבערגעלעבט. (מיט אַ טרויעריק געבעט), איר האָט דאָ (ווייזט אויפן האַרצן) אָפּגעריסן . . . איך בין אַ פּראָסטער מענטש. מיין גאַנץ לעבן געפּעדלט. איינגעריסן אַ וועלט . . . ניט פאַרגונען זיך דאָס לעבן . . . (ווייזט אויף מרימען). אַלץ פאַר איר. נעמט איר זי אַוועק, איז זי טויט. טויט פאַר מיר! טויט פאַר דער מאַמען! טויט פאַר אַלעמען . . .

רחל:

קלמן! קלמן!

קרעמער:

טויט זאָג איך!

טשאַרלס:

מיסטער קרעמער, איך קלייב זיך גאָרנישט, אייך קיין שלעכטס צו טאָן. איך וויל נאָר אייער טאָכטער גליקלעך מאַכן.

קרעמער:

(שרייט פון אויפרעגונג און ווייטיק). טויט האָב איך געזאָגט! טויט פאַר כל ישראל (מיט טרערן אין די אויגן צום פּראָפעסאָר). איר קוקט אויף מיר ווי אויף אַ משוגענעם. איך בעט אייך, מיסטער פּראָפעסאָר. איך בעט אייך, טשעפּעט אונדז ניט. לאָזט אונדז לעבן. דאָ, אין דער נייער היים, הייבן מיר ערשט אָן צו לעבן . . .

פאָרהאַנג פאַלט שנעל אַרונטער.

סוף פון ערשטן אַקט

צווייטער אַקט

דאָס ערשטע בילד

עטלעכע טעג שפּעטער פון ערשטן אַקט. די זעלבע דעקאָראַציע ווי אין ערשטן אַקט. קיין זאַך ניט געביטן. עס איז אַ שיינער נאָכמיטאָג. פון צייט צו צייט, הערט מען ווי פייגל זינגען. עס איז אַ מחיה.

ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, זיצט רחל אויף אַ באַנק וואָס שטייט אונטער אַ בוים, זי זיצט אַ פאַרזאָרגטע מיט פאַרלייגטע הענט. מייטע זיצט אויף די טרעפּ, מיטאַמאָל גיט זי זיך אַ שטעל אויף און ווענדט זיך צו רחלען מיט כעס.

מייטע:

רחל, איך וויל וויסן וואָס אין הויז טוט זיך. איך בין דאָך ניט קיין פרעמדע. פאַר מיר דאַרף מען זיך ניט היטן.

רחל:

(פאַרזאָרגט). מיר היטן זיך מיט גאָרנישט. ס׳איז ניטאָ וואָס צו וויסן, מייטע.

מייטע:

(בייז). ס׳איז יאָ דאָ! ס׳איז דאָ אַ סך צו וויסן. אין די עטלעכע טעג, פון נאָך דער „פּאַרטי”, איז געוואָרן אַן איבערקערעניש אין הויז. מיין קאָזין, זאָל מיר זיין געזונט, גייט אַרום אַן אַ קאָפּ. ניט ער עסט און ניט ער טרינקט. כ׳ווייס ניט פון וואָס ער לעבט. און דו נעבעך, אָסור מיר, צי איך בין דיר מקנא. די מעשה געפעלט מיר ניט. וואָס איז דאָ פאָרגעקומען, וואָס? . . .

רחל:

איך בעט דיך, מייטע, פרעג מיך ניט.

מייטע:

אַרייט! אַרייט! הייסט עס, אַז איך בין דאָ איבעריק. וועל איך איינפּאַקן מיינע שמאַטעס און גיין!

רחל:

ווער זאָגט אַז דו ביסט איבעריק? פאַרוואָס זאָלסטו אַזוי ריידן, מייטע?

מייטע:

איך האָב פיינט אַרומצוגיין און טאַפּן אין דער פינסטער. אַז איך בין דאָ אַ פרעמדע, וויל איך דאָ ניט זיין! (גייט צו נעענטער צו רחלען). **איך וויל דיך ניט לאָזן שטעקן אין מיטן, רחל, גיב איך דיר אַ וואָך נאָטיס. אויב איך בין אַ פרעמדע, וועל איך האַנדלען ווי אַ פרעמדע.** (גייט צום הויז. קרעמער קומט איר אַנטקעגן אַ פאַרטרויערטער). **אפשר וועל איך באַ דיר אויסגעפינען וואָס דאָ קומט פאָר.** (ער ענטפערט ניט. זעצט זיך אויף אַ שטול לעבן רחלען). **הייסט עס, אַז דו ווילסט אויך ניט ריידן צו מיר . . .** (ווי צו זיך אַליין, אַז זיי זאָלן אויך הערן). **אַט אַזוי דינט מען מיר אָפּ פאַר אַלץ וואָס איך האָב פאַר אייך געטאָן . . .** (לעבן דער טיר מיט כעס). **איך וועל אייך געבן צוויי וואָכן נאָטיס! איר זייט דאָך מיר ניט קיין פרעמדע . . .** (זיי ענטפערן ניט. זי רעדט העכער). **איך גיב אייך דריי וואָכן נאָטיס, רחל! אָדער איר דערציילט מיר וואָס דאָ קומט פאָר, אָדער איך קוויט!** (גיט אַ לויף אין הויז אַריין).

רחל:

(האָט אפילו ניט באַמערקט ווי מייטע איז אַוועק אַ בייזע. גייט צו צו קרעמערן, וואָס זיצט פאַרזאָרגט). **קלמן, ס'טויג ניט אַזוי. דער הימל ליגט דאָך נאָך ניט אויף דער ערד.**

קרעמער:

(ווייזט אויפן האַרצן). **אַט אַ דאָ, רחל! . . .** (ווייזט אויפן קאָפּ). **איך קען ניט פאַרשטיין! . . .**

רחל:

מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל . . .

קרעמער:

ער איז אָבער אַזוי ווייט, אַז ער זעט ניט וואָס באַ מיר אין הויז טוט זיך.

רחל:

אפשר האַנדלען מיר ניט ריכטיק צום קינד. דו ביסט אַזוי שטרענג צו איר. איך האָב דיך טויזנט מאָל געבעטן — קלמן, זיי ניט שטרענג צום קינד.

קרעמער:

אפשר זאָל איך איר געבן אַ קניפּ אין בעקל אַריין, פאַר דעם וואָס זי האָט אָפּגעטאָן? (גייט הין און צוריק אַן אומרואיקער). וואו איז דוד דער פילאָזאָף דיינער? וואו איז ער, דער גרויסער פלאַקן־שיסער? ער האָט דאָך געזאָגט, אַז ער וועט אַלץ „פיקסן"! צו וואָס האָט ער זיך אונטערגענומען? פאַרוואָס האָט ער מיך ניט געלאָזט גיין צום פּרעזידענט פון קאָלעדזש? פאַרוואָס האָט ער מיך ניט געלאָזט ריידן מיטן פּראָפעסאָר אַליין? אַז איך האָב עס געוואָלט איבערגעבן מיין לאַיער, האָט ער זיך צעשריען, אַז מיט היינטיקע קינדער קען מען ניט גיין מיט אַ „דובינע איבערן קאָפּ"! (עס איז שטיל אַ ווײַלע). רחל, מע קען דאָך ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און צוקוקן ווי מען רויבט אונדזער לעבן! רחל, דאָס פאַרלוירן — איז אַלץ פאַרלוירן!

פון דער ווייטנס הערט מען ווי דוד זינגט אַ לידל און באַלד קומט ער אַרויף, פירנדיק אַ טאַטשקע ערד. זינגענדיק שטעלט ער אָפּ די טאַטשקע, ווישט אָפּ דאָס פּנים און פאַרענדיקט זינגען.

דוד:

פאַרשרייבן וועל איך אין מיין צוואה
אַז מיטגעבן זאָל מען אויף מיין וועג:
אַ פלעשל משקה, אַ גלאָז באַזונדער,
צו טרינקען לחיים פאַר יידישע קינדער.
טראַ, לאַ, לאַ, לאַ, לאַ.

קרעמער:

(צו רחלען, קוקט אויף דודן מיט באַדויערן). וואָס דער בראָנפן קען מאַכן פון אַ מענטשן . . .

דוד:

(שטעלט אָפּ די טאַטשקע און צעלאַכט זיך). ווער, איך שיכור? קלמן, דו האָסט שוין געזען אַ ייד זאָל זיין שיכור? באַרישע מענטשן וואָס איך זייט, טאָמער גיט זיך ביי זיי ערגעץ אַביסעלע אַ ריס, מיינען זיי שוין אַז די וועלט דרייט זיך איבער מיטן הימל אַראָפּ און מיט דער ערד אַרויף . . . אוי, באַרישע מענטשן . . .

קרעמער:

נו גוט, איך בין דער נאַר. אַלע זיינען געבילדעט. אַלע זיינען קלוג. אַלע זיינען באַלעזן. אַלע ווייסן וואָס זיי ריידן. אַלעמען איז גוט אויף דער וועלט. נו, מילא, ווען איך וואָלט געווען באַלעזן און געלערנט,

וואָלט מיר אפשר אויך גוט געווען. בין איך אָבער אַ פּראָסטער גוט־שבת, זאָגט זשע מיר, גרויסער פילאָזאָף, וואָס האָט איר ביז איצט אויפגעטאָן ? . . .

דוד :

(שמייכלט). וואָס מיינסטו, קלמן, אָט אַזוי טוט זיך דאָס בא דיר? צו פאַרלאָטען איז שווערער ווי צו צערייסן. עס האָט זיך ערגעץ איינגעריסן, דאַרף מען פאָרזיכטיק דעם ריס אַזוי פאַרצירעווען, אַז מע זאָל דאָס ניט דערקענען. דו פאַרשטייסט, די גרויסקייט פון דעם מענטשנס שכל איז, אַז ער ווייסט ווי צו האַנדלען אין דער באַשטימטער צייט.

קרעמער :

איך ווייס נאָר איין זאַך — איר זייט אַ צעדרייטער, משוגענער פילאָזאָף און שיכור דערצו. איר זייט קיינמאָל ניט געווען קיין סוקסעס אפילו . . .

רחל :

קלמן, גאָט איז מיט דיר . . .

דוד :

ווען דו פאָלגסט מיך, קלמן, וואָלסטו נעמען אַביסעלע צו פאַרטרינקען די ביטערע טראָפּנס בלוט וואָס טריפן פון דיין האַרצן. איך ווייס וואָס בא דיר אין האַרצן טוט זיך, איך ווייס. דו ליידסט, דיין רחל ליידט, דיין קינד ליידט, מיסטער ערלעך ליידט — די וועלט איז פול מיט ליידן . . .

קרעמער :

מיסטער שאַרף מיט דער טאָכטער דרייען זיך אַרום דעם לעקטשורער, ווי וואָראָנעס בא אַ . . .

דוד :

דאָס איז בלאָטע. איך ווייס אָבער, אַז מיר האָבן אַ שווער שטיקל אַרבעט. דער פּראָפעסאָר מיט מרימען זיינען ביידע יונגע מענטשן. מיר טראַכטן וואָס איז רעכט און אומרעכט. וועגן דער פאַרגאַנגענהייט און וועגן אַ צוקונפט, און זיי ווילן געניסן פונם לעבן, שוין איצט. ליבע וויל ניט וויסן פון קיין נאַציאָנאַלע באַריערן. זי פליט אָן אַ פּאַספּאָרט און אָן אַ וויזע. דערפאַר האָבן מיר אַ שווער שטיקל אַרבעט. דערפאַר מוזן מיר זיין זייער פאָרזיכטיק. מיר מוזן דאָס מאַכן אַזוי, אַז אי דער

וואָלף זאָל זיין זאַט און אי דאָס ציגעלע זאָל בלייבן לעבן. דיין ציגעלע האָט פאַרבלאָנדזשעט . . .

רחל:

(פאַלט אַריין אין די רייד). וואָס טוט מען אײדער עס ווערט צו שפּעט?

דוד:

מיט צערטלעכקייט, מיט ליבע, מיט געבעט צוריקרופן אַזוי לאַנג, ביז דאָס ציגעלע וועט דערהערן דעם רוף פון דער היים און אַליין זיך אומקערן . . . וועט מען אָבער ווערן גיין נאָכן ציגעלע מיט ביקסן און קוילן, קען נאָך חלילה די ערשטע קויל טרעפן דעם פאַרבלאָנדזשעטן ציגעלע און דאַן . . .

ערלעך:

(גיט אַ קום אַריין פון דער רעכטער זייט. קרעמער און רחל בלייבן דערשטוינט. דער געשפּרעך ווערט איבערגעריסן). אַ גוט העלף, מיס־טער קרעמער. אַ גוט העלף, מיסעס קרעמער. אַ גוט העלף . . .

רחל:

(גייט אים אַנטקעגן מיט פרייד). דער גוטער מלאך אַליין, האָט אייך געבראַכט אַהער. אַ גוט העלף.

ערלעך:

איר האָט דאָך מיך גערופן, האַ? . . .

דוד:

(דרייט מיט דער צונג). ס׳הייסט, איך האָב אייך . . . ס׳הייסט, מיסטער און מיסעס קרעמער און איך האָבן . . . נו, זיצט, מיסטער ערלעך, זיצט.

ערלעך:

(זעצט זיך). אַ דאַנק. וואָס מאַכט איר אַלע? וואָס מאַכט מיס קרעמער?

קרעמער:

אַלע זיינע אַל . . .

דוד:

אַלץ איז ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט „אָ קיי״!

ערלעך:

עס פרייט מיך דאָס צו הערן. נעכטן האָב איך זיך געקליבן קו־

מען אייך זען. האָט זיך עס ניט איינגעגעבן. געווען פאַרנומען צו־צוגרייטן מיין לעצטע לעקציע אידער איך פאַרלאָז אייער זוניקע קאַליפאָרניע . . . מעג איך וויסן וואָס איר האָט מיך היינט גערופן?

רחל:

איר מוזט טאַקע אַוועקפאָרן?

ערלעך:

עס איז ניט פאַראַן אַזאַ זאַך, אַז מע מוז. אָבער, אַזוי גיך ווי איך ווער פאַרטיק מיט מיינע לעקציעס, האָב איך דאָ מער ניט וואָס צו טאָן.

דוד:

קלמן, האָסט דאָך געוואָלט ריידן מיט מיסטער ערלעכן וועגן דיין טאָכטער.

קרעמער:

(ווי אויפגעוועקט פון שלאָף). יאָ, יאָ . . . מיין טאָכטער . . .

דוד:

איר ווייסט שוין, מיסטער ערלעך, אַז מיסטער קרעמער איז ניט קיין רעדנער. ער ווייסט וואָס ער וויל, ער קען עס אָבער ניט אַרויס־ברענגען. איר פאַרשטייט, ער און זיין ווייב, ווילן אייך פאַר אַן איידעם...

קרעמער:

נו,טאַקע, צו וואָס זאָלט איר זיך אַרומשלעפּן אויף דער וועלט מיט אייערע לעקטשורס? קיינער וויל זיי ניט, און קיינער דאַרף זיי ניט. איר זייט דאָך אַזאַ פיינער, אַזאַ איידעלער, צו וואָס זאָלט איר זיין אַן אָנשיקעניש? . . . איך וועל אייך קויפן אַ קאַר . . . איר וועט זיין אַ מענטש . . . איר פאַרשטייט, איך וועל אייך אַריינעמען אין די ביזנעס . . .

ערלעך:

און אייער טאָכטער? . . .

דוד:

(פאַלט אַריין אין די רייד). עס ווענדט זיך אין אייך.

ערלעך:

(גיט זיך אַ שטעל אויף). אין מיר? . . .

דוד:

הערסט, רחל, די געלערנטע מענטשן האָבן אַ מאָדנע טבע — די לייכטסטע זאַך, מאַכן זיי שווער צו פאַרשטיין.

ערלעך:

איך פאַרשטיי אייך ניט, מיסטער קייגאַן. קענגן וואָס זאָגט איר דאָס?

דוד:

מיסטער ערלעך, אויב איר קענט מאַכן, אַז הונדערטער מענטשן זאָלן זיך צוהערן צו אייערע רייד און איר זאָלט זיי געווינען אויף אייער זייט, פאַרוואָס זאָלט איר דאָס ניט קענען טאָן צו איין מענטשן? . . . איך ווייס, אַז איר האָט ליב מרימען. זי אייך? . . . זי האָט ניט געזאָגט ניין. אדרבה, זי שעצט אייך און רעספּעקטירט אייך. פאָרט איר אַוועק, פאַרלירט איר אפשר אייער גליק . . . בלייבט איר דאָ, וועט אייער גליק קומען צו אייך. איר וועט אָבער מוזן קעמפן. אויסגעקעמפטע ליבע, מיסטער ערלעך, איז זיסער פון בלומען־האָניק. מרים, פאַרשטייט איר מיך, איז ווי אַ צאָל יידישע מיידלעך — פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן. אייך דאַרף איך דאָך ניט זאָגן. איר ווייסט דאָך אַז דאָס איז ניט דער ערשטער פאַל. שרעקן דאַרף מען זיך ניט. זי איז חלילה ניט צו ווייט אַוועק. מיר זיינען אָבער צו שוואַך אַנצופירן דעם קאַמף. מיר קענען אייך בלויז העלפן. איר אָבער, מיט אייער חכמה, מיט אייער איידלקייט, אייער וויסן און אייער טאַקט, קענט איר זי צוריקברענגען צו טאַטע־מאַמע און פאַר זיך אליין.

קרעמער:

(מיט געבעט). פאַר אונדז דאַרפן מיר גאָרנישט. אַלץ וועט זיין אייערס. אייערס און מיין טאַכטערס. אַ יאָ, רחל? זאָל זיך אונדז דאַכטן אַז מע האָט ניט געפונען קיין אויל אויף מיין רענטש און איך בין נאָך אַלץ אַ פּעדלער. איר פאַרשטייט, מיסטער ערלעך, דער טאַטע מיינער, די מאַמע — זיי וועלן ניט קענען איינליגן אין קבר, אַז מיר וועלן האָבן אַ גוי אין דער משפּחה.

ערלעך:

(מיט אַ זיפץ). אונטער דער אַמעריקאַנער פרייהייט האָבן אונדזערע יידן פאַרנאַכלעסיקט זייערע קינדער. דאָס איז דער רעזולטאַט פון ניט געבן קיין יידישע דערציאונג צו די יידישע קינדער . . .

קרעמער:

גערעכט, מיסטער ערלעך. ניט פאַרשטאַנען. אַ גאַנצן טאָג געווען פאַריאָגט אויפן וואָגן.

דוד:

(פאַלט אַריין אין די רייד). איר זייט דאָך ניט אַהערגעקומען אַז

איר זאָלט שיטן זאַלץ אויף די וואונדן, מיסטער ערלעך? אויב עס איז שוין יאָ געקומען צו רייד, וואָלט איך טאַקע געוואָלט וויסן, וואָס האָבן אונדזערע גייסטיקע פירערס געטאָן, אַז די יידישע קינדער זאָלן ניט פאַרבלאָנדזשען? איך וועל אייך זאָגן וואָס זיי האָבן געטאָן: זיי זיינען געזעסן אין ניו־יאָרק און דעבאַטירט הויך פּאָליטיק און דעם פּשוטן יידן איבערגעלאָזן אויף הפקר. איר האָט נאָך טענות. אנשטאָט אַרונ־טערקומען אין די שטעטלעך און לערנען מיטן פאַרהאָרעוועטן נאַראָד אַביסל יידישקייט, זייט איר געזעסן און געוואַרט אַז מיסטער כבוד זאָל קומען צו אייך.

רחל:

איר זאָלט מיר מוחל זיין, דוד, דאַכט זיך, אַז איר פאַרקריכט אין אַ זייט.

דוד:

רחל, איך בין ניט שיכור און איך פאַרקריך ניט אין אַ זייט! אנשטאָט שטראָף־רייד, וויל איך הערן וואָס וועט מיסטער ערלעך טאָן כדי צו ראַטעווען אַ יידיש קינד, וואָס בלאָנדזשעט. (ער מאַכט אַן איינ־דרוק, ווי ער וואָלט געוועזן בייז. צו ערלעכן). וואָס האָט דער מגיד בדעה צו טאָן אַחוץ זאָגן מוסר? . . . (עס איז שטיל. ער וואַרט אויף אַן ענטפער).

ערלעך:

(גיט זיך אַ שטעל אויף). גערעכט, מיסטער קייגען, גערעכט. אָן אַ קאַמף קען מען גאָרנישט געווינען. איך וועל טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר אין מיינע מעגלעכקייטן!

קרעמער:

מיסטער ערלעך (ער כאַפּט אים אָן פאַר דער האַנט). איר האָט אַריינגעבלאָזן אין מיר אַ נייע נשמה.

דוד:

(נעמט אַרויס פון קעשענע אַ פלעשעלע. גיט אַ לאַנגן זופּ. פּאַס־מאַקעוועט זיך. גיט אַ וואונק צו קרעמערן אַז ער זאָל צוקומען צו אים. ער רוימט אים איין אַ סוד אין אויער). נו, קלמן, איך בין שיכור? . . . דו וועסט זען, קלמן, מע וועט נאָך ברעכן טעלערס מיט שיסלען, אַז די ערד וועט ציטערן! (זינגענדיק אַ לידל, הייבט ער אָן אָפּפירן די טאַטשקע אין דער לינקער זייט).

אַ בלימל אין גאָרטן,
אַ ביימל אין פעלד.

איינער האָט ליב די כוסה,
דער צווייטער האָט ליב דאָס געלט.
דער וואָס קען אַ טרינק טאָן,
פייפט אויף דער גאַנצער וועלט.
(זיין געזאַנג הערט זיך נאָך פון דער ווייטנס).

קלמן:

(גיט זיך אַ כאַפּ פון דעם וואָס דוד האָט אים געזאָגט). **אויב אַזוי, וואָס שטייען מיר? לאָמיר אַריינגיין און מאַכן אַ לחיים. רחל, האָסט געהערט?** (ער הייבט אָן גיין מיט פרייד. ערלעך און רחל הייבן אויך אָן גיין).

פאָרהאַנג פאַלט.

סוף פון דער ערשטער סצענע, פון צווייטן אַקט.

דאָס צווייטע בילד

דעם זעלבן טאָג. עטלעכע שעה שפּעטער. אויפן זעלבן פּלאַץ. עס איז פאַרנאַכט. פינסטערלעך. אין הויז איז פינסטער. עס איז אויך ניטאָ קיין לבנה־שיין. די האַנדלונג קומט פאָר אין דער עקסטרעם לינקער זייט פון דעם גאָרטן. ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, זיצט מרים אויף אַ באַנק און טשאַרלס שטייט לעבן איר.

טשאַרלס:

דיין פאָטער האָט מיך געמאַכט פילן שרעקלעך — „לאָזט אונדז לעבן, לאָזט אונדז לעבן, מיר פאַנגען ערשט אָן צו לעבן", האָט ער געשריען. וואָס זיינען דאָס פאַר אַ רייד? (בייז) פּונקט ווי איך וואָלט מיך געקליבן צורויבן זייער לעבן. (שמייכלט ביטער).

מרים:

ער האָט זיך אפשר שלעכט אויסגעדריקט, ער האָט עס אָבער ניט געמיינט.

טשאַרלס:

דערפאַר וואָס איך האָב דיך ליב, באַטראַכטן מיך דיינע עלטערן פאַר אַ פאַרברעכער.

מרים:

(שטעלט זיך אויף). **האָסט מיך טאַקע אַזוי שטאַרק ליב, טשאַרלס?**

טשאַרלס:

דו צווייפלסט נאָך?

מרים:

ניין. (שמייכלט). **איך האָב אָבער ליב צו הערן ווי דו זאָגסט עס. עס גיט מיר מער מוט צו קעמפן.** (זעצט זיך צוריק). **איך דאַרף איצט אַזויפיל מוט.** (מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ). **מיין היים איז געוואָרן ווי אַ גהינום. פון איין זייט, דער פאָפּאַ, מיט זיין בייזערן זיך און די מאַמע מיט אירע טרערן און איר בעטן.** (זיפצט). **זי רייסט שטיקער פון מיין האַרץ. אָ טשאַרלס, ווען דו וואָלסט וויסן וואָס איך לעב איבער אין דעם הויז . . . דער טאַטע זאָגט אַז ער וועט זיך אונטערצינדן מיטן הויז און מיט . . .**

טשאַרלס:

(זעצט זיך לעבן איר). **איך ווייס, מיין טייערע, איך ווייס. איך קען דיינע מענטשן. זיי זיינען איינגעשפּאַרט און פאַרעקשנט. זיי גיבן**

זיך ניט אונטער. (אַביסל בייז). זיי האַלטן זיך פאַר אַן אויסדערוויילט פאָלק. פיל מאָל ברענגען זיי מיך אַרויס פון געדולד. זייערע טענות גייען אַביסל צו ווייט! . . .

מרים:

לאָמיר איצט ניט ריידן דערפון, טשאַרלס!

טשאַרלס:

(גיט זיך אַ שטעל אויף מיט כעס). פאַרוואָס זאָלן זיי ניט וועלן זיך אויסמישן? פאַרוואָס זאָלן זיי זיך האַלטן אָפּגעזונדערט? זיינען מיר טאַקע אַזעלכע מערדערס מיט ווען מען די קינדער פון ישראל ווילן זיך ניט ברידערן?! . . .

מרים:

(נעמט זיין האַנט און ציט אים אַז ער זאָל זיך זעצן לעבן איר). אפשר יאָ און אפשר ניין. איך ווייס ניט. איך ווייס נאָר, אַז איך האָב דיך צוויי טעג ניט געזען. האָסט געבענקט נאָך מיר?

טשאַרלס:

(שמייכלט). זייער שטאַרק געבענקט. איך האָב זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען . . . איך . . .

מרים:

(פאַלט אַריין אין די רייד). אַ, מיין טייערער. (זיפצט און לענט אַן דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט).

טשאַרלס:

(מיט פרייד). האָסטו ענדלעך איינגעזען, אַז איך בין גערעכט. ביסט גרייט צו פאַרלאָזן זייער הויז. (עס ווערט אַביסל פינסטער).

מרים:

אַזוי איז קיין לעבן ניט.

טשאַרלס:

(באַפרייט זיך פון איר). איך וויל אָבער אַז דו זאָלסט וויסן מרים, אויב עפּעס זאָל פּאַסירן, וויל איך אַז מיר ביידע זאָלן זיין פאַראַנט־וואָרטלעך . . .

מרים:

עס וועט גאָרנישט פּאַסירן. מיין מאַמע וועט מיך פאַרשטיין. זי וועט אויך זען, אַז מיין פאָטער זאָל עס באַגרייפן. ווען זיי וועלן זען אַז מיר ביידע זיינען גליקלעך, וועלן זיי אויך זיין גליקלעך.

טשאַרלס:

(ווי צו זיך אַליין). **איך צווייפל אין דעם.** (צו מרים). **ווען אַלע אייערע וואָלטן געווען אַזוי פאַרשטענדלעך ווי דו ביסט, וואָלט שוין היינט מער ניט געווען קיין יידן־פראַגע אויף דער וועלט.**

עס ווערט נאָך מער פינסטער. פון הויז הערט זיך רחל'ס רופן — „מרים, טאָכטער מיינע, וואו ביסטו? . . . מרים, מרים!" זי גיט זיך אַ שטעל אויף אַ דערשראָקענע.

מרים:

קום אַוועק פון דאַנען, איך וויל ניט אַז זי זאָל אונדז דאָ טרעפן צוזאַמען.

טשאַרלס:

ווערסט זיך אַמאָל באַפרייען פון איר רופן? (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ). **עס לעכערט מיר דעם קאָפּ**

מרים:

איך וועל. איך וועל, מיין טייערער. נאָכדעם ווי מיר וועלן חתונה האָבן, וועסטו זי ניט דאַרפן הערן . . . (עס הערט זיך ווידער רחל'ס רופן: „מרים! מרימ'ל מיין קינד, וואו ביסטו?". זי איז מער אומרואיק). **גיי איצט אַהיים, טשאַרלס. מיר וועלן זיך טרעפן שפּעטער. איך וועל איר איצט אַנטקעגן גיין. גיי, מיין ליבער . . .**

טשאַרלס:

וועסטו קומען שפּעטער? (נעמט איר אַרום מיט ליבע). **איך וועל וואַרטן אויף דיר.**

מרים:

(נעמט אים אויך אַרום). **יאָ, טשאַרלס, איך וועל קומען.**

זיי קושן זיך. רחל קומט אַרויס פון הויז. זי דערזעט דאָס. איר האַרץ ווערט פאַרקלעמט. זי דרייט אַוועק דעם קאָפּ דאָס ניט צו זען. טשאַרלס דערזעט זי. ער גייט אָפּ אויף שנעל. מרים דערזעט איר מוטער. זי בלייבט שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט. זי וויל גיין אין דער ריכטונג פון טשאַרלס. רחל דערנענטערט זיך צו איר מיט געבעט.

רחל:

גיי ניט אַוועק, מיין קינד. פון אַ מאַמען אַנטלויפט מען ניט.

מרים:

(מיט אַ פאַרוואורף). **פאַרוואָס גייסטו מיר נאָך, מאַמע?**

רחל:

(מיט אַ ליבן שמייכל). **איך גיי דיר שוין אַזוי נאָך, זינט דו ביסט געבוירן געוואָרן.**

מרים:

איך בין שוין מער ניט קיין קינד!

רחל:

בא דיין מאַמען, וועסטו אַלעמאָל זיין אַ קינד.

מרים:

איך בין שוין אַלט גענוג צו וויסן וואָס איך וויל. אויסצוקלייבן מיין אייגענעם וועג.

רחל:

אפשר האָסטו ניט גענומען דעם ריכטיקן וועג, מיין קינד?

מרים:

אויב מיין האַרץ גענאַרט מיך, וועל איך אַליין שפּעטער ליידן.

רחל:

צו וואָס אַזוי ריידן, מיין קינד? זאָלן דיינע שונאים ליידן. אַ קינד רעדט. (זיפצט. צו זיך אַליין, אוי). **אַלץ אין איינעם, איז ניטאָ ביי קיי־נעם. ווען מיר האָבן געהערט אַז מיסטער ערלעך איז פאַרליבט אין דיר, איז אין טאַטן אַריין אַ נייע נשמה. וואָס וואָלט אונדז געפעלט? ער, אַ געלערנטער. דו אַ געלערנטע . . .**

מרים:

מיין האַרץ ציט אָבער צו פּראָפעסאָר טשאַרלס ברין . . .

רחל:

(פאַלט אַריין אין די רייד). **אַ האַרץ, מיין קינד, קען מען באַפעלן. מיסטער ערלעך וואָלט באַשיינט אונדזער הויז. די גאַנצע שטאָט יידן וואָלטן זיך געשעצט גליקלעך אים דאָ צו האָבן . . .** (רחל זיפצט און זעצט זיך).

מרים:

(זעצט זיך מיט אימפּעט לעבן דער מוטער). **ווילסט, מאַמע, אַז איך זאָל אַרויסרייסן מיין האַרץ?! . . . ניין, מאַמע, עס איז שווער, זייער שווער.** (טרערן אין די אויגן).

רחל:

(דערשראָקן). **רייד ניט קיין נאַרישקייטן. דיינע יאָרן, זיינען די**

שענסטע בליאונג יאָרן. לאַכן און טאַנצן, דאַרף אַ מיידל אין דיינע יאָרן.

מרים:

(מיט געבעט און טרערן אין די אויגן). ווילסטו מיך בעסער זען אַ טויטע, איידער אַ גליקלעכע? זאָג, מאַמע? . . .

רחל:

(מיט טרערן אין די אויגן). חלילה! לעבן! לעבן און מיך איבערלעבן!

מרים:

דאָן שטיי מיר ניט אין וועג, מאַמע. גיי מיר ניט נאָך. היט מיך ניט און האַלט מיך ניט אין איין רופן. איך קען דאָס ניט אויסהאַלטן. איך קען דאָס ניט איבערטראָגן (וויינט שטאַרקער). האָב רחמנות, מאַמע, טרייבט מיך ניט צו פאַרצווייפלונג. (שפאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער מו־טערס ברוסט און וויינט שטאַרק).

רחל:

(וויינט מיט). דו וויינסט נאָך? אויב וויינען, דאַרפן מיר דאָך. דער טאַטע און איך. דער אומגליק האָט אונדז געטראָפן . . .

מרים:

(שלוקעכצט שטאַרק). מאַמע טייערע, האַרציקע מאַמע . . . איך בעט דיך, מאַמע . . .

רחל:

(פאַרצווייפלט, אָבער זי צערטלט איר טאָכטער און גלעט איר דעם קאָפּ מיט פיל מוטער־ליבע. זי רעדט, ווי זי וואָלט זיך איינגעהאַלטן פון וויינען. עס ווערט נאַכט). איך פאַרשטיי דיך, מיין קינד. איך פיל דיין האַרץ, אָבער מיין האַרץ טוט אויך וויי. דער טאַטע איז שוין אויס מענטש. עס וועט זיין אַזוי שווער דעם ווייטיק איבערצוטראָגן . . .

מרים:

(הייבט אויף אַביסל דעם קאָפּ). איך וועל מיך ניט דערווייטערן. איך זאָג דיר צו, מאַמע . . .

רחל:

(גלעט איר דעם קאָפּ). דאָס מאַכט דעם ווייטיק ניט מילדער, מיין קינד.

מרים:

(מוטיקער. ווישט די אויגן). איר וועט קומען צו מיר. איך וועל קומען צו אייך . .

רחל:

(מיט טרערן). שטעך ניט טיפער, מיין קינד. מיין האַרץ איז שוין געגנוג אַדורכגעשטאָכן. זיץ שטיל און האַלט אָנגעשפּאַרט דיין קאָפּ אויף מיין ברוסט, ווי דו פלעגסט עס טאָן, ווען דו ביסט נאָך געווען אַ קליי־ נינקע. ווען איך האָב נאָך מיינע חלומות געוועבט, געהאָפט און גע־ בעטן צו גאָט. (זי קען מער ניט ריידן. די טרערן שטיקן איר אין האַלדז זי הערט אָבער ניט אויף צו גלעטן מרים׳ס קאָפּ).

מרים:

(אַביסל באַרואיקט. ווי זי וואָלט געהאַלטן אין איינשלאָפן). דו ביסט ניט בייז אויף מיר, מאַמע . . . איַאָ דו ביסט ניט בייז? . . .

רחל:

(אין דער זעלבער שטימונג). בייז? ווי קען אַ מאַמע זיין בייז אויף איר קינד? . . . איז דען פאַראַן אַ זיסערער, אָדער וואַרעמערער געפיל, פון אַ מאַמעס? . . . (אַ טיפן זיפץ). אוי, קינד מיינס, ווען איך וואָלט דיך קענען איצט באַהאַלטן אין מיין האַרץ, טיף, אַזוי טיף, אַז ער זאָל דיך ניט קענען געפינען . . . דאָרט זאָלסטו צוריק ווערן מיין קליין מיידעלע. איך זאָל דיך ווידער קענען איינשלעפערן מיט מיין לידעלע. (עס איז שטיל אַ ווילע. זי בייגט אָן דעם קאָפּ און באַמערקט ווי מרים איז איינגעשלאָפן. הייבט זי אָן האָמען דאָס לידעלע און שפּעטער זינגט זי דאָס מיט ווערטער).

שלאָף, מיין קינד, שלאָף כסדר,
זינגען וועל איך דיר אַ ליד,
אַז דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערן,
וועסטו וויסן דעם אונטערשיד.
אַז דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערן,
וועסטו וויסן דעם אונטערשיד.

דורך דער צייט פון איר זינגען איז מרים איינגעשלאָפן. אין דער זעלבער צייט ווערט טונקעלער און טונקעלער, ביז עס ווערט אינ־ גאַנצן פינצטער. דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער ווען עס איז שוין גוט פינצטער אויף דער בינע און מע הערט נאָך רחל׳ס זינגען דאָס ליד ווי פון דער ווייטער, ווייטנס.

פאָרהאַנג פאַלט.

סוף פון צווייטן בילד, פון צווייטן אַקט.

דאָס דריטע בילד

בא פּראָפעסאר טשאַרלס ברין אין אַרבעטס קאַבינעט. אַ קליין צימער מיט פּאָליצעס מיט ביכער. דאָס צימער איז באַלויכטן מיט הויז־עלעקטריק. עס איז דער זעלבער אָוונט פון דער פריערדיקער סצענע, נאָר אַביסל שפּעטער. אַ טיר, אַ פענצטער, אַ שרייבטיש, שטולן און אַנדערע זאַכן, ווי בא אַ יונגן פּראָפעסאָר.

ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, טרעפן מיר דעם פּראָפעסאָר שטיין לעבן פענצטער. ער וואַרט אומגעדולדיק אויף מרים׳ס קומען, ווי זיי האָבן זיך פריער אָפּגערעדט. מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ לייכ־טער קלאַפּ אין דער טיר. ער לויפט מיט פרייד און גיט שנעל אָן עפן די טיר. אנשטאט מרים, איז גאָר געקומען מיסטער ערלעך.

ערלעך:

גוד איוונינג, פּראָפעסאר ברין.

טשארלס:

(אין אַ פאַרלעגנהייט פון דעם אומדערוואַרטעטן גאַסט). **גוד איוו־נינג.**

ערלעך:

מעג איך אַריינקומען?

טשארלס:

פּליז! קומט אַריין!

ערלעך:

אַ דאַנק (שטרעקט אויס די האַנט). **מיין נאָמען איז ערלעך.**

טשארלס:

(דערלאַנגט אים די האַנט מיט אַ שמייכל). **אַ, איך האָב געהערט וועגן אייך. זיצט, ביטע.**

ערלעך:

(זעצט זיך). **אַ דאַנק, הער פּראָפעסאָר. איך וועל ניט פאַרנעמען צופיל פון אייער ווערטפולער צייט.**

טשארלס:

(שמייכלט). אדרבה, עס פרייט מיך אייך צו זען בא מיר אין הויז. אָבער וואָס עפּעס אין אַזאַ שפּעטער שעה? (דערלאַנגט אים אַ סיגאַרעט). ווי אַזוי טרינקט איר, „סטרייט צי מיט אַ טשייסער״?

ערלעך:

אַ דאַנק. איך רויכער ניט און איצט, פיל איך ניט ווי צו טרינקען. (שמייכלט).

טשארלס:

(זעצט זיך לעבן אים). נו, מעג איך וויסן, וואָס עס ברענגט אייך אַהער אין אַזאַ שפּעטער שעה? (פאַררויכערט זיך אַ סיגאַרעט).

ערלעך:

וועגן מיס קרעמער . . .

טשארלס:

(גיט זיך אַ שטעל אויף). יאָ, מיר האָבן . . .

ערלעך:

(פאַלט אַריין אין די רייד). טאָקע וועגן דעם בין איך געקומען.

טשארלס:

אירע עלטערן האָבן אייך אַהערגעשיקט, האָ? . . .

ערלעך:

ניין, הער פּראָפעסאָר. קיינער האָט מיך ניט געשיקט און קיינער ווייסט אפילו ניט, אַז איך בין געקומען צו אייך.

טשארלס:

(פאַרטראַכט). הממממ.

ערלעך:

האָט איר געטראַכט, הער פּראָפעסאָר, צי דער באָדן אויף וועלכן איר ווילט בויען אייער צוקונפט איז אַ זיכערער? (עס איז שטיל אַ ווײַלע). מיר דאַכט זיך, אַז ער איז אַביסל צו זאַמדיק. דאָס ערשטע ווינטל קען...

טשארלס:

(פאַלט אַריין אין די רייד). איך פאַרשטיי וואוהין איר צילט, מיס־טער ערלעך. (זעצט זיך אַנטקעגן איבער ערלעכן). איך בין ניט איינ־שטימיק. איך גלויב, אַז דער פונדאַמענט איז געבויט אויף גראַניט. איר וועט דאָך צוגעבן, אַז די וואַנט וואָס שטייט צווישן אונדז איז

געמאַכט פון שטיין. קען דען זיין שטאַרקער, ווי אַ שטיינערנער פונ־דאַמענט?

ערלעך:

ניין. (שמייכלט). מיר דאַרפן אָבער ניט פאַרזען, אַז די וואַנט, די שטיינער ליגן ניט פלאַך. זיי זיינען נאָך ניט צוגעדעקט דורך טויזנ־טער יאָרן אונטער דער ערד, ווי די עגיפּטישע און באַבילאָנישע מאָ־נומענטן. פאַרקערט, וואָס ווייטער אַ יאָרהונדערט, אַלץ העכער און מעכטיקער איז זי אויסגעוואַקסן.

טשאַרלס:

(שטעלט זיך אויף. אומגעדולדיק). איר זייט אַ קלוגער מענטש, מיסטער ערלעך.

ערלעך:

(שטעלט זיך אויך אויף). און צו אַ קלוגן מענטשן בין איך גע־קומען. מעגלעך אַז איר זייט שטאַרק גענוג, אַט אָ די וואַנט, אַביסל איינצובויגן. אויך איר ועט אַט אָ די וואַנט ניט קענען איינגאַנצן אומ־וואַרפן . . . גלויבט איר טאַקע, אַז מרים איז אַזוי שטאַרק ווי איר און ועט אויך האָבן די מעגלעכקייט צו בייגן די וואַנט, כאָטש אויף אַזוי פיל ווי איר האָט?

טשאַרלס:

לויט איר פעסטן באַשלוס, גלויב איך, אַז זי איז שטאַרק גענוג.

ערלעך:

נאָר אין אַ חלום איז עס מעגלעך. אַ חלום איז אָבער ניט די ווירק־לעכקייט. ווי יעדע יונגע מיידל, לעבט איצט מרים מיט פאַנטאַזיעס. זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אייער פיינקייט, אייער אינטעליגענץ, און אויך אייער טיטול, פּראָפעסאָר פון וועלט געשיכטע. פאַרשטייט זיך, אויך פון אייער פיזיק. וואָלט איר געווען אַן אייגענער, וואָלט דאָס געווען אַ גרויס גליק פאַר אייך ביידן . . .

טשאַרלס:

(פאַלט אַריין אין די רייד). פאַרוואָס זאָל דאָס זיין אַ חלום?

ערלעך:

לאָמיר די זאַך באַטראַכטן מיט שכל. (זעצט זיך. אויך טשארלס זעצט זיך). איר זייט אַ געלערנטער און אויך אַ מאַן מיט שטאַרקע מוסקולן. אין פאַרגלייך מיט מרים, האָט איר אַלע מעגלעכקייטן אַלץ

צו טאָן. גלויבט איר אָבער, אַז ס'איז גלייך אַזוי, אַז די שוואַכע מרים דאַרף זיין די, וואָס זאָל מאַכן דעם ערשטן שריט? זי זאָל מאַכן דעם עקספּערימענט? . . . איך גלויב אַז איר ביידע בלאָנדזשעט איצט אויף אַ וועג וואָס איז מיט ווילד גראָז באַוואַקסן. אויב איר ביידע זאָלט שוין יאָ דערגרייכן אייער ציל, וועט איר ערשט ניט זיין ווילקאָמען צווישן אייערע און מרים וועט זיין פאַרשטויסן פון אירע. דער סוף וועט זיין — די ליבע, וואָס איז די גרעסטע ברכה פון גאָט, וועט ווערן אָנגעפילט מיט שנאה און האַס. (עס איז שטיל אַ ווײַלע. ער קוקט אויפן פּראָפעסאָר). אמתע ליבע, הער פּראָפעסאָר, פאָדערט קרבנות. זייט איר גרייט צו ברענגען . . .

טשאַרלס:

וואָס מיינט איר, וואָס פאַר אַ קרבנות?

ערלעך:

איך מיין, זייט איר גרייט צו פאַרבייגן אַביסלע פון אייער „פּינ־טעלע קריסט״?

טשאַרלס:

איך פאַרשטיי אייך ניט. עס איז פאַר מיר ניט קלאָר, וואָס איר מיינט.

ערלעך:

(מיט אַ שמייכל). דאַכט זיך, אַז איצט וויל איך עפּעס טרינקען.

טשאַרלס:

גוט! ווי אַזוי טרינקט איר?

ערלעך:

„סטרייט״! אָן שום געמישעכץ.

פּראָפעסאָר ברין גיט אַ לויף צום שרייבטיש און ברענגט אַ פלעשל מיט צוויי גלעזלעך. ער גיסט אָן די גלעזלעך. ביידע טרינקען. פאַס־מאַקעווען זיך. ער גיסט אָן נאָך צוויי, וועלכע בלייבן שטיין אויפן טיש. ביידע זעצן זיך אַוועק.

ערלעך:

פּראָפעסאָר ברין, איר ווייסט זייער גוט, אַז מרים איז אַן איבער־געגעבן קינד צו אירע עלטערן. זי וועט איר גלויבן, אַלס קינד פון איר פאָלק, ניט בייטן. דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד מיט זעקס מיליאָן יידן, האָט זייער שטאַרק געווירקט אויף אַלע יידן . . .

טשאַרלס:

(אומרואיק). וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אונדז?

ערלעך:

אַלס פאַרשער איז דאָך אייך באַקאַנט, אַז דאָס וואָס די דייטשן האָבן געטאָן צו די יידן, איז ניט דער ערשטער פאַל. די קריסטלעכע וועלט האָט דאָס זעלבע פּראַקטיצירט העכער פופצן הונדערט יאָר. אמת, ניט דורך קיין גאַז־אויוונס, אָבער . . .

טשארלס:

מיר זיינען ניט רעליגיעז.

ערלעך:

יאָ. אין די אַלטע צייטן אַז אַ ייד איז געוואָרן אַ קריסט, האָט מען אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, מיט גרויס כבוד. היינט, גראָבט מען אויף זיין יחוס ביזן זעקסטן דור צוריק און ער ווערט צו־ריקגעשטויסן צו די יידן.

טשארלס:

מיר זיינען דאָך ניט אין דייטשלאַנד. מיר לעבן אין אַמעריקע.

ערלעך:

(מיט אַ זיפץ). יאָ, אַמעריקע. פאַרוואָס האָבן די קריסטלעכע שכנים ניט דערלאָזט, אַז מיסטער קרעמער זאָל קויפן דאָס הויז? איר ווייסט פאַרוואָס? (עס איז שטיל אַ ווײַלע). איצט, לאָמיר באַטראַכטן אייער פאַל. (גיט אַ זופּ פון ליקער). וואָס וועט זיין ווען ביי אייך וועט געבוירן ווערן אַ קינד, וועט איר באמת זיין צופרידן אַז די מוטער זאָל דערציען אייערע קינדער אין אַ יידישן גייסט? . . . (טשאַרלס גיט זיך אַ שטעל אויף. גייט איבערן צימער אַן אומרואיקער. ערלעך פאָלגט אים נאָך מיט די אויגן). און אייערע אייניקלעך וועט איר דערציילן אַז זייער באָבע, אייער געליבטע, וואָס האָט אַלץ און אַלעמען אויפגעגעבן צוליב אייך — איז אַ יידישע? און אַז מרים׳ס עלטערן וועלן קומען זיך שפּילן מיט זייערע אייניקלעך, וועט איר טאַקע זיין צופרידן אַז דאָס שפּילן זאָל פאַרקומען אויף יידיש? . . .

טשארלס:

(גיט זיך אַ דריי אוים מיט כעס). אָ, די אָפּגעשטאַנענע עלטערן!...

ערלעך:

נו, און אייערע עלטערן, און אייערע פריינט, ווי וועלן זיי אויפ־נעמען די נייעס, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז אייערע קינדער ווערן דערצויגן אַלס יידן? נאָך אַלעמען, די מוטער האָט די זעלבע רעכט ווי דער פאָטער, און די מוטער האָט אויך אַ גרויסע ווירקונג אויף

. . . אירע קינדער . . . האָט איר באמת שטאַרק ליב מרים׳ען? זייט איר טאַקע פאַראינטערעסירט אַז זי זאָל זיין גליקלעך? . . . זייט איר טאַקע גרייט צו ברענגען קרבנות? . . .

טשאַרלס:

(גיט זיך אַ שטעל אָפּ לעבן ערלעכן). **אָבער זי, מרים? . . .**

ערלעך:

(שטעלט זיך אויף). **היינט זיינען פאַראַן זייער פיל מענטשן וואָס זיינען ניט רעליגיעז. דאָך, קאָכט אין זיי דאָס בלוט פון זייער פאָלק, וואָס איז אין זיי אַריינגעפלאָסן אין משך פון דורות. זייער נשמה, זייער קוק אויפן לעבן איז טיפּיש ירושה׳דיק . . . מרים איז אָרנטלעך. אומשולדיק. זי גלויבט. אָבער וואָס זאָגט איר? . . .**

מרים:

(זייער ריידן ווערט מיטאַמאָל איבערגעשלאָגן. מרים גיט אַ קום אַריין. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט אַנטלאָפן פון עמיצן. נאָך אין דער טיר גיט זי אַ זאָג, אָן אָטעם). **אַנטשולדיק וואָס איך האָב זיך פאַרשפּעטיקט . . .** (זי דערזעט מיטאַמאָל ערלעכן, גיט זי אַ רוף אויס צו אים אַ דערשראָקענע). **וואָס טוט איר דאָ? ווער האָט אייך אַהער־געשיקט? וואָס ווילט איר?**

ערלעך:

פּראָפעסאָר ברין וועט אייך דערקלערן וואָס איך טו דאָ. אַ גוטע נאַכט. (הייבט אָן גיין).

טשאַרלס:

(פאַרהאַלט אים). **איך בעט אייך, בלייבט נאָך אַ ווייל, מיסטער ערלעך.** (צו מרים). **איך בין צופרידן וואָס דו ביסט גראָדע איצט אַריינ־געקומען. איך האָב אומגעדולדיק געוואַרט אויף דיר. דורך דער צייט, האָב איך זייער פיל געטראַכט.** (נעמט זי אַרום). **„דאַרלינג״, דו ווייסט אַז איך וויל דיר ניט וויי טאָן. איך וויל אַז דו זאָלסט מיך גרינגלעך פאַרשטיין. נאָך אַ פאַרזיכטיקער איבערטראַכטונג, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איך בין ניט ווערט דיין ליבע . . .** (מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ גייט ער אָפּ פון איר).

מרים:

(דערשראָקן). **טשאַרלס, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ ווערטער?! . . .**

טשאַרלס:

(קומט צוריק. נעמט אירע הענט אין זיינע אַריין און זעצט זיך

אַוועק מיט איר). מרים, דו ביסט אַ קלוגע. איך בין זיכער אַז דו פאַר־שטייסט מיך. וואַרטנדיק אויף דיר האָב איך גרינטלעך אַנאַליזירט אונדזער צוקונפט. איך בין געקומען צום שלוס — עס איז נאָך צו פרי, די צייט איז ניט רייף אויף איינצובייגן די וואַנט וואָס שטייט צווישן אונדז. דיינע עלטערן ווילן מיך ניט אָננעמען און מיינע עלטערן און פריינט, ווי עס זעט אויס, וועלן אפשר דיך אָננעמען, אָבער מיט גרויס אומצופרידנקייט. אַזאַ בונד קען פירן צו האַס און גאָט ווייסט וואָס. איך בין ניט ווערט דיין ליבע, מרים. (זי זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ). איך בין ניט פּייאיק דיר אַנטקעגן צו קומען מיט דער זעלבער ליבע. (גיט זיך אַ שטעל אויף, מיט אַ זיפץ). איך קאָן ניט ברענגען קיין קרבנות...

מרים:

(גיט זיך אַ שטעל אויף מיט כעס). דאָס איז ניט אמת!

טשאַרלס:

דעם אמת האָב איך פון דיר ביז איצט פאַרבאָרגן. ביז איצט האָב איך דיך גענאַרט. דער אמת איז, איך האָב געזוכט אין דיר בלויז דעם פרויען־רייץ, אָבער ניט דיין האַרץ און ניט דיין ליבע . . . איך שעם זיך שטאַרק . . . (גייט אָפּ אין אַ זייט).

מרים:

(צו ערלעכן). דאָס האָט איר אים געמאַכט אַזוי צו ריידן! יאָ, איר מיט . . .

טשאַרלס:

(גיט אַ קום צוריק. פאַלט אַריין אין די רייד). רייד ניט אַזוי, מרים. מיסטער ערלעך איז אינגאַנצן אומשולדיק. אדרבה, ער איז דיינער אַ גוטער פריינט. איך בין דער, וואָס איז שיעור באַגאַנגען אַ פאַרברעכן קעגן דיר. מיסטער ערלעך האָט מיך געראַטעוועט.

מרים:

אָ, טשאַרלס! . . .

טשאַרלס:

(זעצט פאָר). ווען איך האָב דיך דערזען אין קלאַס־צימער, האָט זיך אין מיר אַנגעצונדן אַ פייערדיקער פאַרלאַנג דיך צו באַזיצן אַלס פרוי. איך האָב אָבער ביז היינט זיך טיף ניט פאַרטראַכט, וואָס וועט זיין ווען איך וועל ווערן דיין מאַן . . . (קוקט איר גלייך אין פנים אַריין). קאָנסטו מיר פאַרגעבן, מרים? . . .

מרים:

(גלייכט זיך אויס. ווישט אויס די אויגן און רעדט מיט כעס). **שווייגט! ווי שעמט איר זיך ניט אַזוי צו ריידן, פּראָפעסאָר בריק?! ווי שעמט איר זיך ניט?! ווי קאָן דאָס אַ מענטש פאַלן אַזוי טיף?! שווייגט כאַטש!** (מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און געוויין). **און איך האָב אייך פאַר־געטערט. געוועזן גרייט צו פאַרלאָזן מיין פאָטערס הויז, מיט מיינע אייגענע הענט האָב איך געזאָלט גראָבן קברים פאַר מיינע טאַטע־מאַמע...** (שרייט היסטעריש). **שווייגט כאַטש! אויב איר האָט אַביסל שאַנד אין זיך, וועט איר בייגן אייער קאָפּ ביז צו דער ערד און אים קיינמאָל ניט אויפהויבן! . . . קיינמאָל ניט! קיינמאָל ניט! . . .** (אַ וויינענדיקע גייט זי אַ לויף אַרויס פון צימער. ביידע יונגעלייט בלייבן שטיין מיט גע־בויגענע קעפּ. איר האַנדלונג האָט איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן איינדרוק. אַ לאַנגע פּאַוזע).

ערלעך:

עס טוט מיר לייד, הער פּראָפעסאָר.

טשארלס:

(מיט אַ ביטערן שמייכל). **איך טוט לייד און מיר טוט ווי . . .** (מיט אַ זיפץ). **עס וועט בלייבן אַן אומהיילבאַרע וואונד, אָט דאָ אָ.** (ווייזט אויפן האַרצן).

ערלעך:

(גייט צו אים צו). **בלויז אַן איידעלער און אינטעליגענטער מענטש, קען אַזוי גרויסמוטיק האַנדלען, ווי איר האָט געהאַנדלט.**

טשארלס:

(אין דער זעלבער שטימונג). **עס איז זייער גרינג צו באַגיין אַ נאַרישקייט. עס איז אָבער זייער שווער דאָס צו פאַרריכטן.** (זיפצט) **איר האַלטונג און איר שטאַרקער כאַראַקטער האָט באַוויזן, ווי קליין און נישטיק איך בין.** (עס ווערט פינסטער).

פאָרהאַנג פאַלט

סוף פון דריטן בילד.

דאָס פּערטע בילד

אײדער עס ווערט ליכטיק און דער פֿאָרהאַנג רוקט זיך אַרויף, הערט זיך דאָס שפּילן פֿון יידישער חתונה־מוזיק. ווען עס ווערט ליכ־טיק געפֿינען מיר זיך צוריק בא די קרעמערס אין דעם זעלבן גאָרטן. פֿון די פֿענסטער שלאָגט אַ ליכט און עס הערט זיך העכער דאָס שפּילן פֿון דער מוזיק. עס איז ביינאַכט. פֿון אַ זייט קומען אַרויף מיסטער שאַרף און מיסטער שנייד. ביידע זיינען אָנגעטאָן ווי צו אַ חתונה.

מר. שאַרף:

(אַריינגייענדיק). **פֿון אַלע מעמבערס אין דער סאָסייעטי, האָט מען גראַדע מיך געדאַרפֿן אויסקלייבן אין דער קאָמיטע, צו דער חתונה. גראַדע מיך. האָסט געזען אַ מזל!**

מר. שנייד:

ווען מע וואָלט אייך ניט עלעקטעד, וואָלט איר דאָך געמאַכט סקאַנ־דאַלן.

מר. שאַרף:

אויף דער חתונה האָט מען געמעגט אַפּאַיבטן עמיצן אַנדערש.

מר. שנייד:

פֿאַרוואָס האָט איר אויסגעשריען „יעס", ווען מע האָט אייך גע־פֿרעגט צי איר נעמט אָן?

מר. שאַרף:

איך האָב אַלעמאָל אָנגענומען, האָב איך דאָס מאָל אויך ניט גע־קענט „רעפֿיוזן!" די חתונה האָט געדאַרפֿן זיין צווישן מיין טאָכטער און מיסטער ערלעך. וואָס איז? איך בין פּונקט אַזוי רייך ווי דער פּעדלערוק. בא מיר וואָלט ער געהאַט פּונקט אַזאַ היים, ווי בא אים. איך, איר טאַטע נעבעך, גיי נאָך היינט טאַנצן אויף יענעמס חתונה! טאַנצן וועל איך אים? אַ ברוגז־טאַנץ וועל איך טאַנצן דעם קבצניוק, דעם לעקטשורער. אַ ברוגז־טאַנץ!

מר. שנייד:

איר הערט, מיסטער שאַרף, וואָס איך האָב געטראַכט? עס איז אַ

גוטע זאַך וואָס מיסטער ערלעך האָט חתונה פון אונדזער שטאָט. מע וועט מער ניט דאַרפן אימפּאָרטירן קיין לעקטשורערס. אונדזער סאָ־סייעטי וועט האָבן אַן אייגענעם לעקטשורער און אַן אַ פּעני געלט. מירן שוין האָבן פּלענטי לעקטשורס.

מר. שאַרף:

ווער דאַרף זייַנע לעקטשורס, ווער דאַרף? זאָל ער זיך האַלטן מיט זייַנע לעקטשורס! מיין סאָסייעטי דאַרף ניט קיין לעקטשורס. איך האָב אַראַנזשירט די לעקטשור, ווייל זיי האָבן געבאָדערט פון ניו־יאָרק און דער באָי דאַרף מאַכן אַ לעבן, האָב איך אים געגעבן אַ „טשענס"! אַז איך וועל זאָגן ניט קיין לעקטשורס, וועט זיין ניט קיין לעקטשורס!

מר. שנייד:

ער וועט אָבער באַשיינען די סאָסייעטי.

מר. שאַרף:

אַזוי! ער וועט אוודאי באַלד וועלן ווערן פּרעזידענט אויך! „נאָ סערי"! ניט בײַ מיין לעבן! איך וועל אים „פייטן מיט וועריטיננ!" מיט אַלע מיינע כוחות וועל איך אים פייטן! ער ווייסט ניט מיט וועמען ער האָט זיך אָנגעהויבן! מיין נאָמען איז מיסטער שאַרף!

מר. שנייד:

וואָס דער גוטער יאָר טראָגט מיך מיט אייך אָנצונעמען אין אַ קאָמיטע, ווייס איך ניט! גיי איך מיט אייך צו אַ ברית, געפעלט אייך ניט דער מוהל. גייען מיר צו אַ חתונה, געפעלן אייך ניט חתן־כלה. גייען מיר צו אַ לוויה, זידלט איר דעם מת. אַלע שמחות פאַרשטערט איר.

מר. שאַרף:

וועט איר „נעקסט טיים" ניט אָננעמען. ער איז נאָך גערעכט. איר דאַרפט זיין צופרידן וואָס איך נעם אייך אומעטום מיט. האָסט געזען?

מר. שנייד:

איר קענט מיך גאָרנישט אָפּסטראַשען, מיסטער שאַרף! זעט נאָר אַ וואָרפענישן! האָסט געזען. איר האָט פיינט אַז מע זאָגט אייך דעם אמת! „אַניס טי גאָד", מיין רעפּאָרט בײַ דער סאָסייעטי וועט אייך גאָרניט שמעקן!

מר. שאַרף:

(מיט אַ שמייכעלע). פאַר אייער רעפּאָרט, זעט איר, האָב איך ווייניק מורא. איך בין דער טשערמאַן פון דער סאָסייעטי און אויך

דער פינאַנשעל סעקרעטאַר און דער פיונעראַל דירעקטאַר און מעמ־בערשיפּ דירעקטאַר. (אויפגערעגט). און אויב איך וואַרף זיך, וועל איך זיך וואַרפן וויפל איך וויל און „מיינד יור אָן ביזנעס!” האָסט געהערט, איך טאָר מיך שוין ניט וואַרפן אויך?! היינט וואָלט איך זיך געמעגט אַריינוואַרפן אין ים אַריין!

מר. שנייד:

וואָלט איך ערשט „ענדזשאָיעט” די חתונה!

מר. שאַרף:

אויך מיר אַ חתונה! אַז ניט דער גוי, איז דער שלעפּער! מיט מיין טאָכטער דאַרף איך ניט פּעדלען!

מר. שנייד:

וואָו איז דער פּרעזענט, מיסטער שאַרף?

מר. שאַרף:

אַ, דער קאָפּ איז מיר אַזוי פאַרדרייט. איבערגעלאָזט אין סטאָר.

מר. שנייד:

שיין וועלן מיר אויסזען, אַז די סאָסייעטי וועט ניט זיין פּרעזענטירט מיט איר פּרעזענט.

מר. שאַרף:

קומט, לאָמיר געבן אַ פּאָר צו, אַז ניט וועלן מיר ווידער פאַרגעסן. (ביידע גייען אין דער ריכטונג פון וואַנען זיי זיינען געקומען). פּרעזענטן דאַרף איך אים נאָך געבן.

ביידע גייען אָפּ. פון הויז הערט זיך די מוזיק. דורך די פענצטער זעט מען ווי מע טאַנצט אינעווייניק. פון דער רעכטער זייט טאַנצן אַריין דוד און מייטע. ביידע זיינען אויסגעפּוצט אין פריילעך. די מוזיק הערט אויף שפּילן. מייטע פאַלט אַוועק אַ מידע אויף אַ באַנק. דוד האַלט אין איין טאַנצן מיט אַ פלעשל אין דער האַנט.

מייטע:

מיסטער דוד, איר וועט נאָך פאַלן, די מוזיק האָט דאָך שוין אויפ־געהערט.

דוד:

(גיט איר אַ צי צום טאַנצן). טאַנץ, מייטע, טאַנץ, אַז מע טאַנצט אויף יענעמס חתונה, דערלעבט מען אויך צו טאַנצן אויף אַן אייגענע.

מייטע:

(בלייבט זיצן אַ טרויעריקע). **ביז איך וועל דערלעבן צו טאַנצן אויף מיין חתונה, וועל איך שוין ניט האָבן קיין פיס, מיט וואָס צו טאַנצן.** (ווישט דאָס פּנים).

דוד:

(טאַנצדיק, וואַקלט ער זיך, זוכט אַ פּלאַץ). **מייטע, איך פאַל!**

מייטע:

איר האָט היינט צופיל געטרונקען.

דוד:

(אַ וואַקלדיקער טאַנצט ער נאָך). **היינט האָב איך געמוזט.** (ער איז אָן כוחות).

מייטע:

ווען מוזט איר ניט? (ער גיט אַ פאַל צו איר אין שויס). **איר ווייסט כאַטש, אַז איר ליגט בּאַ מיר אין שויס?** (פּרובירט זיך אָפּרוקן). **מער־דער! . . . מענטשן וועלן דאָך מיינען . . . גייט אַראָפּ!**

דוד:

מייטע מיין „דאַרלינג", לאָמיר זיך היינט ניט קריגן.

מייטע:

(האַלט זיך אין איין אָפּרוקן פון אים). **מיסטער, ווען גייט איר איינריידן, אַז איר זייט שוין אַ זיבעציקער?** (זי זיצט שוין אָפּגערוקט פון אים. זי מאַכט זיך גלייך דאָס קלייד און די האָר). **ס'זאָל אייך נאָר ניט פאַררעכנט ווערן, וואָס איר האָט איצט געטאָן צו מיר . . .**

דוד:

(גיט אַ טרונק פון פלעשל). **לחיים, מייטע!** (שטופּט דאָס פלעשל אין איר האַנט אַריין). **נאַ, טו אויך אַ זופּ!**

מייטע:

(נעמט דאָס פלעשל). **כ'האָב מורא! איר ווילט מיך אָנשיכורן! איך קען אייך, מענער! „איי גאָט יור נאָמבער!"** (גיט אַ שמעק אין פלעשל און שטופּט עס צוריק).

דוד:

(לאַכט). **האָב קיין מורא ניט. וואַרעם זיך אָפּ אַביסל. ביסט דאָך איינגאַנצן אַ שטיק אייז!** (ער שטופּט איר ווידער דאָס פלעשל. זי נעמט

ניט. ער גיט אַליין אַ זופּ. פֿאַסמאַקעוועט זיך). האאא . . . עס מאַכט פֿאַרגעסן אַלע צרות. (מיט אַ זיפֿץ). אַמאָל בין איך אויך געווען אַ מענטש, מיט מענטשן גלייך. געהאַט אַ ווייב, קינדער . . .

מייטע:

איצט זע איך שוין, אַז איר זייט שיכור. איר האָט געהאַט אַ ווייב? (לאַכט).

דוד:

(אין אַ טרויעריק געמיט. הייבט אויף דעם קאָפּ). צוויי בלויע אויגן מיט צוויי לאַנגע צעפּ האָט מיין קאַטינקע געהאַט. און מיינע קינדער? ווי אַ פּרינץ מיט אַ פּרינצעסן. (זיפֿצט. לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ). יאָ, מייטע, יאָ . . .

מייטע:

גייט שוין, גייט. (רוקט זיך צו נעענטער צו אים). איצט זע איך, אַז איר ווייסט טאַקע ניט, וואָס עס טוט זיך מיט אייך. (רוקט זיך צו נאָך נעענטער. קוקט אים אין פּנים אַריין).

דוד:

(ווי צו זיך אַליין. ער קוקט אין דער ווייטקייט אַריין. מיט אַ טיפֿן זיפֿץ). אָט, שטייען זיי פֿאַר מיינע אויגן. מיין זון און מיין טאָכטער, וועמען מיין קאַטינקאַ האָט מיר געגעבן. (עס איז שטיל אַ ווײַלע. ער ווישט מיטן פֿינגער אויס אַן אויג). לאַנג האָט מיין גליק ניט אָנגעהאַלטן. אירע זיינען געקומען, די פֿרעמדע, פֿאַרשטייסטו מיך, די וואָס האָבן דיך און מיך פֿיינט, און צוגענומען מיין קאַטינקע און מיינע קינדער פֿון מיר. עס איז איר צו דושנע, זי קען ניט אָטעמען אונטער איין דאַך מיט אַ יידן, האָט זי געזאָגט! זיי זיינען אַוועק און מיטגענומען מיין האַרץ מיט זיך. איך בין אַ צעבראָכענער מענטש, מייטע. איך בין אַ פֿאַרהייראַטער מאַן און האָב ניט קיין ווייב. איך בין אַ פֿאָטער און האָב ניט קיין קינדער. שוין פֿינף און פֿערציק יאָר. פֿינף און פֿערציק יאָר זיינען מיינע אויגן פֿאַרשטעלט דורך אַן אייזערנער וואַנט. (לאָזט אַרונ־טער דעם קאָפּ. ווישט די אויגן). ניט געטאַנצט אויף מיין טאָכטערס חתונה, טאַנץ איך אויף מרים׳ס חתונה . . . זי איז דאָך באַ מיר, ווי אַן אייגן קינד.

מייטע:

(זיפֿצט מיט סימפּאַטיע). סאַראַ טרויעריקע געשיכטע.

דוד:

(זיפֿצט). איי, מייטעלע, ניט גוט איז דאָס לעבן אויף דער וועלט.

ניט גוט. קידער־ווידער. אַז דו זאָגסט טאָג, איז ווייל דו זאָגסט טאָג, מוז דער צווייטער זאָגן נאַכט. (ווי צו זיך אַליין). און אפשר איז גאָר דעם מענטשנס גליק דאָס, וואָס ער איז אומגליקלעך. (ווי אַ רעזיג־נירטער). ווער קען וויסן? איך בין שוין צו אַלט, צו גריבלען זיך. די וועלט וואָלט געקענט זיין אַ גאָרטן, וואו פאַרשיידענע בלומען לאָזן פריי אַרויס זייערע ריחות. ווען איך זע ווי עס שאָקלען זיך די ביי־מעלעך וואָס איך האָב געפלאַנצט, פיל איך, אַז איך האָב אויך עפּעס אויפגעטאָן אויף דער וועלט. שוין צוואַנציק יאָר ווי איך ווער דאָ אויס־געוויקט פון דעם געטרייען רעגן און ווער שוואַרץ פון דער ליבער זון. מרים׳ל איז דאָך ווי מיין קינד. איך האָב דאָך זי געניאַנטשעט . . . פאַרשטייסט פאַרוואָס איך בין היינט פריילעך? . . . (הייבט אָן איינ־שלאָפן). איך בעט נאָר בא גאָט: על תשליכנו לעת זקנה . . . אַלץ פאַר־שפּילט אין מיינע יאָרן.

מייטע זיצט מיט פאַרלייגטע הענט. ער דרימלט איין. זי שאָקלט מיטן קאָפּ ווי זי וואָלט געהאַט רחמנות אויף אים. אין דעם מאָמענט גיט מרים אַ קום אַרויס פון הויז, אַנגעטאָן אין אַ חתונה־שלייער אויפן קאָפּ. זי מאַכט דעם איינדרוק ווי זי אַנטלויפט. איר פּנים איז בלאַס. זי בלייבט שטיין אַ צעטראָגענע. מייטע גיט אַ לויף צו איר אַ דער־שראָקענע.

מייטע:

מרים, גאָט איז מיט דיר. אַ כלה טאָר ניט אַרויסגיין אַליין אין סטריט. (נעמט איר אָן פאַר דער האַנט) קום צוריק אַריין אין הויז, מרים.

מרים:

איך וויל ניט זיין זיין כלה. איך וויל מיט אים ניט חתונה האָבן. (באַפרייט זיך פון מייטעס הענט).

מייטע:

איך גיי זאָגן דער מאַמען. (הייבט אָן גיין).

מרים:

(פאַרהאַלט איר). מייטע, העלף מיר אַנטלויפן! „פּליז״, מייטע!

מייטע:

(בלייבט דערשטוינט). „יו אַר קרעיזי״!

מרים:

טשאַרלס האָט מיך ליב. איך פיל עס. ער איז ניט קיין פאַרדאָר־בענער. ניין! מע האָט אים געצוואונגען אַזוי צו ריידן!

מייטע:

אבער מיסטער ערלעך . . . דיין חתן . . .

מרים:

איך גיי צו מיין טשאַרלסן . . .

מייטע:

(כאַפּט איר פאַר דער האַנט). **איך וועל דיך ניט לאָזן, מרים! דער טאַטע, די מאַמע — שאַנד און ווייטיק . . . ווי איז מיר, וואָס עס איז געוואָרן פון אונדזער משפּחה . . .**

מרים:

(גיט זיך אַ ריס פון מייטעס הענט. שטופּט מייטען דעם שלייער אין האַנט אַריין און לויפט שרייענדיק). **וואַרט אויף מיר, טשאַרלס. איך קום, וואַרט . . .** (אָפּ).

מייטע:

(שרייט אין הויז אַריין). **קלמן! רחל!** (אין דער ריכטונג וואו מרים איז געלאָפן). **מרים, קום צוריק!** (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ). **קלמן! רחל! אוי, מענטשן!** (זי לויפט אַרום ווי אַן אָפּגעבריטע מיטן שלייער אין האַנט און שרייט).

פון הויז קומען אַרויסצולויפן קלמן, רחל, ערלעך, שנייד און שאַרף און נאָך מענטשן. דוד כאַפּט זיך אויף פון איר שרייען. ער רייבט די אויגן.

דוד:

(נאָך אַ פאַרשלאָפענער). **וואָס איז, וואָס איז געשען, מייטע?**

רחל:

(דערשראָקן). **וואָס שרייסטו, מייטע?!**

מייטע:

(שטופּט איר דעם שלייער אין האַנט אַריין. קאָן ניט כאַפּן דעם אָטעם). **זי איז אַנטלאָפן.** (ווייזט אין דער ריכטונג וואו מרים איז געלאָפן). **ווי איז מיר, ווינד איז מיר. מיינע אויגן האָבן דאָס געדאַרפן צוזען . . .** (וויינט אויפן קול).

אַלע שטייען פאַרשטיינערט. עס איז שטיל ווי אויף אַ בית עולם. בלויז מייטע ברעכט די הענט און לויפט אַרום אַ וויינענדיקע. רחל מיט טרערן אין די אויגן לויפט אין דער ריכטונג וואו מרים איז אַוועק און רופט מיט געבעט).

רחל:

ניין, ניין. מיין מרים . . . מרים, טאָכטער מיינע . . . מרים! . . .

קרעמער:

(אויפגערעגט, צו מיטען). **פאַר דער חופה איז זי אַוועק צום קריסט!!** (לאָזט זיך גיין). **איך וועל איר צוריקברענגען! אַ לעבעדיקע אָדער אַ טויטע!**

דוד:

(שטעלט איס אָפּ). **דו וועסט עס ניט טאָן, קלמן!** (באַפעלעריש). **דו הערסט? וועסט ניט גיין!**

ערלעך:

ניין, מיסטער קרעמער. איר דאַרפט איצט ניט גיין. „יעקב וועט ניט פאַרגיסן קיין בלוט!"

קרעמער:

(אין כעס). **אַ, „יעקב" טאָר ניט! צו יעקבן מעג מען אַלץ טאָן. יעקבס בלוט איז וואַסער!** (צו אַלעמען מיט געבעט). **יעקבס האַרץ מעג מען שניידן אויף שטיקער!** (מיט אַ ביטערן שמייכל). **„גם זו לטובה" דאַרף יעקב זאָגן! ניין!! דאָס מאָל וועל איך ווייזן אַז איך האָב אויך פויסטן! אַז איך קען אויך דערלאַנגען!** (מאַכט אַ פויסט).

ערלעך:

באַרואיקט זיך, מיסטער קרעמער. געדולד, מיסטער קרעמער. איר זייט אַ ייד! . . . ווען עס וועט זיין נויטיק, ווען די צייט וועט קומען, וועלן מיר האַנדלען. מיר וועלן אפילו באַנוצן זיך מיט אונדזערע פויסטן...

אַלע בלייבן שטיין אַן לשון. קלמן שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. רחל און מיטע ברעכן די הענט און וויינען. דוד שטייט אין אַ זייט און זיפצט. שנייד און שאַרף קראַצן זיך אין די קעפּ. ערלעך שטייט אַן אויפגערעגטער, אויסגעצויגן גלייך, ווי ער וואָלט איצט העכער געוואָרן און קוקט מיט כעס אין דער ווייטער ווייטקייט אַריין. עס ווערט פינצטער.

פאָרהאַנג פאַלט.

סוף פון פערטן בילד.

דאָס פינפטע בילד

צוריק בא פראָפעסאָן ברין אין קאַבינעט. ווען דער פאָרהאַנג רוקט זיך אַרויף, זיצן מרים און רחל אויף אַ קאַנאַפּע, איינע לעבן דער צווייטער, פאַרטרויערט. רחל זיצט מיט פאַרלייגטע הענט און מרים קוקט אויפן דיל. זיי זיינען אין מיטן אַ גשפּרעך.

מרים:

איך ווייס דיר ניט וואָס צו ענטפערן, מאַמע. ס'איז מיר אים שווער צו פאַרשטיין. ער איז אַ געלערנטער, אַן אינטעליגענטער און דאָך . . . איך ווייס אַליין ניט.

רחל:

(זיפצט און קוקט אויף דער טאָכטער). **ער איז דאָך אַ פרעמדער, ניט קיין ייד, נעמט אַביסל לענגער זיך צוצוגעוואוינען.**

מרים:

(קוקט אויפן דיל, ווי פאַרשעמט). **איך ווייס ניט, מאַמע. וואָס ווייטער איך גיי, אַלץ שווערער איז דער וועג. וואָס נעענטער איך ווער צו אים, אַלץ ווייטער, דאַכט זיך מיר, ווערן אונדזערע געפילן. וואָס מער מיר זיינען צוזאַמען, אַלץ ווייניקער פאַרשטייען מיר זיך. איך הייב אָן טראַכטן, אַז פון דער ווייטנס איז די ליבע שטאַרקער.** (רייבט זיך דעם שטערן פון אומרואיקייט). **איך בין צעמישט. איך ווייס אַליין ניט וואָס צו טראַכטן . . .**

רחל:

(האַלט זיך איין פון וויינען). **דו וויינסט אַ סך, מיין קינד. איך דערקען אין דיינע אויגן, אַז דו שלאָפסט ניט קיין נעכט. זאָג מיר, מיין קינד, וואָס דריקט דיך אויפן האַרצן . . . פאַר אַ מאַמען באַהאַלט מען זיך ניט . . . אַ מאַמע דערקענט . . .**

מרים:

פאַרוואָס זאָל דאָס זיין אַזוי, מאַמע? מיר זיינען דאָך אַלע מאָדערנע, ציוויליזירטע מענטשן.

רחל:

איי, מיין קינד, אַלע צרות קומען פון מענטשן. ווען מענטשן וואָלטן אויף אַן אמת געוואָלט פאַרשטיין איינער דעם צווייטן, וואָלט ניט געווען קיין מלחמות, קיין פּאָגראָמען, מיט גאַז־אויוונס און קאָנצענ־טראַציע לאַגערן . . . נו יאָ, וואָס וואָלט זיי געאַרט אַז יידן זאָלן זיין יידן און זיין מיט אַלעמען גלייך? . . .

מרים:

יאָ, כ׳האָב שיעור פאַרגעסן. וואָס מאַכט דער טאַטע?

רחל:

(זיפצט). דער טאַטע? ווײסט אים ניט דערקענען. גרוי געוואָרן און שטאַרק געעלטערט. ער בייזערט זיך ניט מער. ער רעדט גאָר־נישט. (מיט טרערן אין האַלדז). און מיסטער ערלעך איז אויך אויס מענטש. ער גייט אַרום אָן אַ קאָפּ. ער האַלט זיך אין איין פרעגן אויף דיר. אוי, גאָטעניו . . .

מרים:

(גיט זיך אַ שטעל אויף). מיסטער ערלעך איז נאָך דאָ אין שטאָט? ער איז ניט אַוועקגעפאָרן?!

רחל:

(אין זעלבן טאָן). ער איז געווען אַוועק און איז ווידער געקומען געבן לעקציעס.

מרים:

וואו וואוינט ער?

רחל:

וואו זאָל ער וואוינען? ער וויל בא קיינעם ניט שטיין, נאָר בא אונדז . . . (ווי צו זיך). אַזאַ איידעלער, אַזאַ צאַרטער . . . ער האַלט זיך אין איין פרעגן אויף דיר.

מרים:

(עס איז שטיל אַ ווײַלע. זי גייט אומרואיק הין און צוריק. מיט־אַמאָל גיט זי אַ קוק אויפן האַנט זייגערל). גיי איצט, מאַמע. טשאַרלס וועט דאָ באַלד זיין. ער איז זייער בייז, ווען ער דערוויסט זיך, אַז דו ביסט דאָ געווען. (קושט דער מוטער). גיי, מאַמע.

רחל:

(שטעלט זיך אויף. נעמט אַרום מרימ׳ען, קושט זי מיט געוויין).

שיין דערלעבט, מיין אייגן קינד טרייבט מיך פון איר הויז. (זיפצט).

מרים:

(פירט דער מוטער צו דער טיר). **גיי מאַמע, גיי.** (דערשראָקן) **מיר האָבן זיך צופיל פאַררעדט. ער וועט דאָ באַלד זיין.**

לעבן דער טיר גיט מרים דער מוטער אַ שנעלן קוש און פאַר־מאַכט שנעל די טיר. זי גייט הין און צוריק אומרואיק און פאַרטראַכט. זי גיט זיך אַ כאַפּ פאַרן קאָפּ. זעצט זיך צוריק אַוועק אויף דער קאַ־נאַפּע מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. זי זיצט ניט לאַנג. גיט זיך שנעל אַ הייב אויף און גייט אַריין אין צווייטן צימער. דאָרט שטעלט זי אָן די ראַדיאָ. מיר הערן ווי דער ראַדיאָ שפּילט עפּעס קלאַסישע מוזיק. די בינע איז אַ קורצע ווילע לײדיק. טשאַרלס גיט אַ קום אַריין. אַ בייזער. ער גיט אַ וואָרף דעם הוט אויפן שרייבטיש. זעצט זיך אַוועק און פאַרטיפט זיך אין שרייבן. מיטאַמאָל גיט ער זיך אַ שטעל אויף. ער גיט אַ לויף צו דער טיר פון וואַנען עס הערט זיך די מוזיק און שרייט אַריין מיט כעס.

טשאַרלס:

„סטאַפּעט״! דו מוזט איצט שפּילן די ראַדיאָ?!

די מוזיק ווערט מיטאַמאָל אַנטשוויגן. ער זעצט זיך צוריק צו זיין אַרבעט. נאָך אַ קורצער וויל קומט מרים אַריין. זי גייט צו דער שאַפע, נעמט אַרויס אַ בוך און זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע לייענען. נאָך אַ קורצן שטילשווייגן, ווענדט זיך טשאַרלס צו איר, ניט צונע־מענדיק די אויגן פון זיין אַרבעט.

טשאַרלס:

זי איז דאָ ווידער געווען. איך האָב זי געזען אַרויסגיין פון הויז. (מרים ענטפערט ניט). **זיך ווידער גוט אויסגעוויינט און ווי אַלעמאָל, מיך ווידער באַרעדט.** (עס איז שטיל. רעדט מיט אַ העכערן טאָן). **ווידער פּלאַנירט מיר שלעכטס צו טאָן . . .** (סאַרקאַסטיש). **אָ, איך קען זיי, די יידישע מאַמעס . . .** (מרים ענטפערט ניט. ער ווערט בייז). **רעד! פאַרוואָס רעדסטו ניט?!**

מרים:

(נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון בוך). **צו וואָס פרעגן, אַז דו ווייסט דאָך אַלצדינג.**

טשאַרלס:

איך ווייס. איך ווייס אַז זי פּלאַנירט מיר שלעכטס צו טאָן!

מרים:

(הייבט אויף דעם קאָפּ מיט שטאָלצקייט). זי? . . .

טשאַרלס:

אָ, דו ווייסט, איך מיין דיין מוטער!

מרים:

מיין מוטער האָט דיך געלאָזט גריסן. איך פאַרזיכער דיך, אַז זי איז דיר ניט קיין שונא. איך קען דיך אויך פאַרזיכערן, אַז זי ווינטשט דיר ניט קיין שלעכטס. ניט נאָר דיר ניט, נאָר קיינעם ניט.

טשאַרלס:

(הייבט אויף דעם קאָפּ צו מרים). ס'איז שווער פאַר דיר. איך ווייס, דו האָסט דיין לעבן צעבראָכן אין צווייטען. (מיט אַ זיפץ). אויך מיין לעבן איז צעבראָכן. מיינע פריינט האָבן זיך אָפּגעקערט פון מיר. (גיט זיך אַ שטעל אויף). אפילו מיין מוטער באַהאַנדלט מיך איצט ווי אַ שטיף־קינד. (דערנעענטערט זיך צו איר). אַלץ צוליב דיר! דו ביסט שולדיק! דו האָסט ניט געדאַרפט קומען יענעם אָוונט צו מיר.

מרים:

אמת, איך אנערקען מיין טעות. אַלעמען איבערגעלאָזט און געקומען צו דיר. האָסטו, ווי אַ פּראָפעסאָר, עלטער פון מיר און אויך פּראַקטישער, האָסטו מיך דאַמאָלט געדאַרפט צוריקשיקן אַהיים.

טשאַרלס:

דו באַדויערסט וואָס ביסט געקומען צו מיר יענעם אָוונט? . . . (זי ענטפערט ניט. עס איז שטיל אַ ווײַלע. ער קוקט אויף איר. זי האַלט די אויגן אין בוך). ס'איז פאַר דיר שווער צו לעבן אַ טאָפּלט לעבן, מרים. זיין אָפּגעזונדערט פון עלטערן און פריינט . . . (זי ענטפערט ניט). ווי לאַנג קענען מיר אַזוי לעבן אין איינזאַמקייט? . . . דו באַ־ווינסט דיין מזל און איך לייד שטילערהייט . . . ניט נאָר מיין מוטער, נאָר מיין גאַנצע פאַמיליע וויל ניט שלום מאַכן מיט מיין שריט.

מרים:

(גיט אַ פאַרמאַך דעם בוך און קוקט צו אים גלייך). שוין באַלד אַ יאָר אַז איך הער פון דיר דיזעלבע רייד. נו גוט, מיר מוזן שלום מאַכן מיטן פאַקט. וואָס דענקסטו אָבער, זאָלן מיר טאָן?

טשאַרלס:

קיין קינד ווילסטו אויך ניט האָבן. אין דעם באַשולדיק איך דיך ניט. אין דעם איז שולדיק די יידישע מאַמע. (לאַכט סאַרקאַסטיש).

מרים:

(מיט כעס). דאַכט זיך, אַז דו האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז וועסט מער ניט ריידן וועגן דעם.

טשאַרלס:

(זעצט זיך לעבן איר. נעמט אירע הענט אין זיינע. זי זיצט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ). נו, גוט, מיר וועלן מער ניט ריידן וועגן דעם. זאָג זשע מיר, מרים, וואָלט איצט געווען פאַר דיר צו שווער, זיך אומצוקערן אַהיים? . . . (קוקט איר אין פּנים אַריין). אויב עס איז שווער, וועל איך אויך וועגן דעם מער ניט ריידן.

מרים:

מיר זאָלן זיך שיידן?

טשאַרלס:

ווי פריינט. קיין אַנדערן אויסוועג זע איך ניט.

מרים:

(זיפצט. באַפרייט אירע הענט פון זיינע). יאָ, עס איז געווען אַ שיינע ראָם, אָבער מיין בילד קען זיך אין דעם ניט אַריינפּאַסן. מיין פאָטער איז געווען גערעכט, ווען ער האָט אין זיינע פּשוטע ווערטער געזאָגט — געפילן זיינען שטאַרקער פון אַלע שיינע ווערטער. (עס איז שטיל אַ ווײַלע. מיטאַמאָל גיט זי זיך אַ שטעל אויף). ווען ווילסטו, זאָל איך דיך פאַרלאָזן?

טשאַרלס:

(שטעלט זיך אויך אויף). פאַרשטיי מיך,מרים, איך מיין דיין טובה...

מרים:

איך פאַרשטיי דיך זייער גוט. איך בין ניט פאַרטרויערט פון דעם וואָס דו מיינסט. איך בין בייז אויף זיך אַליין. ס'איז מיר אַ חרפּה צו טראַכטן, אַז איך האָב געליבט אַ מאַן וואָס האָט נאָר ליב זיך אַליין. אַלץ וואָס דו האָסט געפּריידיקט וועגן הומאַניזם, מענטשן־ליבע און זעלבסט אָפּפּערונג האָסטו אפילו גאָרנישט געמיינט. בא זיך אין האַרצן האָסטו זיך אַליין אויסגעלאַכט, פון דיינע אייגענע ווערטער. איך בין אין כעס אויף זיך אַליין, פאַרוואָס איך האָב גענומען ערנסט דיינע ווערטער. אפילו דיינע לעקציעס האָב איך געלערנט פון אויסנווייניק. (מיט אַ טיפן זיפץ). איך קען דיר נאָר זאָגן איין זאַך, טשאַרלס, גייסטיק שוואַכע און פאַלשע מענטשן, וואַרפן דעם דורכפאַל פון זייער גלויבן, אויף עמיצן אַנדערש. (לאַכט מיט אַ ביטערן שמייכל).

טשארלס:

דו ווילסט דאָך ניט, אַז אַזוי זאָל זיך עס ענדיקן, מרים? . . .
מרים, מיר זיינען ניט גרייט פאַר דעם אַקט. אפשר אַמאָל, שפּעטער . . .

מרים:

(מיטן זעלבן געלעכטער. ווי צו זיך אַליין). שפּעטער, אַמאָל, אין דער צוקונפט וועלן מיר האָבן מער שכל. מער און בעסער פאַרשטיין, אַז זיסע ווערטער פאַרמאָגן אַ סך גיפט אין זיך. (לאַכט מיט באַדויערן). איך האָב שוין אַ סך געלערנט. איך פאַרשטיי שוין איצט אַז די גרעסטע נאַרישקייט וואָס אַ יונגער מענטש באַגייט איז, וואָס ער רעדט זיך איין, אַז ער ווייסט בעסער און מער פון דעם עלטערן . . . די לעקציע האָט מיך צו טייער געקאָסט. דער אַלטער דוד איז גערעכט — „די שענסטע בלום וועלקט אויף אַ פרעמדן באָדן". (זי גיט אַ כאַפּ איר מאַנטל וואָס ליגט אויף אַ שטול). גוט באַי, הער פּראָפעסאָר. איך האָב זייער פיל געלערנט בא אייך. (זי גיט האַסטיק אַן עפן די טיר און לויפט אַרויס).

טשארלס בלייבט שטיין, אָטעמט אָפּ פרייער. זיין פּנים שמייכלט. מאַכט גלייך די האָר. אין דעם מאָמענט גיבן אַ קום אַריין זיינע טאַטע־מאַמע, מיסטער און מיסעס ברין. די מוטער לויפט גלייך צו איר זון, וואָס שטייט נאָך פאַרטראַכט פון דער פריערדיקער געשעעניש.

מר. ברין:

(שטייענדיק נאָך בא דער טיר). נו, טשאַרלי, וואָס איז געוואָרן?...

טשארלס:

(נאָך אַלץ פאַרטראַכט). אָ, מאַמאַ! (נעמט אַרום די מוטער). אָ, פּאַפּאַ!

מרס. ברין:

נו, טשאַרלי?

טשארלס:

יאָ, אַלץ געענדיקט! (גייט צום פאָטער). געענדיקט! פּטור געוואָרן.

מרס. ברין:

(מיט פרייד). אויף אַן אמת?

מר. ברין:

איך מיין חלילה ניט קיין שלעכטס. זי איז זייער אַ פיינע מיידל, אָבער ניט קיין אונדזעריקע . . . דאַנקען גאָט וואָס עס האָט זיך אַזוי לייכט געענדיקט.

טשארלס:

(מיט אַ צופרידענעם שמייכל). **עס האָט זיך געענדיקט לייכטער, ווי איך האָב מיך פאָרגעשטעלט.**

מרס. ברין:

(דורך טרערן, מיט גרויס פרייד). **איך האָב צוריקגעוואונען מיין קינד. מיין קינד איז צוריק אַהיים געקומען.** (נעמט אים אַרום און קושט אים). **דאַנקען גאָט. עס איז געווען גאָטס ווילן . . . גאָטס ווילן . . .**

מר. ברין:

ווי אַזוי האָסטו עס געמאַכט? ביסט טאַקע אַ פּראָפעסאָר. איך בין שטאָלץ מיט דיר וואָס האָסט איינגעזען, אַז מ׳דאַרף אַמאָל פאָלגן אַ טאַטן אויך.

נו, לאָמיר גיין אַהיים . . . באַם גלעזל בראַנפן וועסטו דערציילן ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען.

זיי הייבן אָן גיין, געאַרעמט. עס ווערט פינצטער.

פאָרהאַנג פאַלט.

סוף פון פינפטן בילד.

דאָס זעקסטע בילד

ווען דער פֿאָרהאַנג הייבט זיך אויף, טרעפֿן מיר רחל און מרים שלאָפֿנדיק אין דער זעלבער פּאָזע, ווי מיר האָבן זיי איבערגעלאָזן אין דעם צווייטן בילד פֿון דעם צווייטן אַקט. זינגענדיק, האָט רחל דאָמאָלט איינגעשלעפֿערט דער טאָכטער. אַזוי זיצנדיק איז זי אויך איינגעשלאָפֿן, האַלטנדיק דער טאָכטערס קאָפּ אויף איר שויס. איצט איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. רחל וועקט זיך. זי באַמערקט ווי מרים שלאָפֿט, גלעט זי איר דעם קאָפּ. וועקט זי מיט ליבשאַפֿט און צערטלעכקייט. רחל איז אַ גליקלעכע וואָס זי האָלט דאָס קינד לעבן זיך.

רחל:

מרים, קינד מיינס, דו שלאָפֿסט?

מרים:

(גיט זיך אַ כאַפּ אויף. רייבט די אויגן). **וואו בין איך? . . .** (זעצט זיך גלייך).

רחל:

ביסט לעבן מיר, מיין קינד. (מיט אַ שמייכל). **ווי עס זעט אויס, זיינען מיר דאָ איינגעשלאָפֿן.**

מרים:

(רייבט זיך דאָס פּנים). **אוי, מאַמע . . .**

רחל:

וואָס איז, מיין קינד?

מרים:

(קען אַלץ ניט קומען צו זיך). **פֿאַרוואָס איז אַזוי פֿינסטער? איך פֿאַרשטיי ניט . . .**

רחל:

(מיטן זעלבן שמייכל). **עס מוז שוין זיין שפּעט. דו ביסט געשמאַק געשלאָפֿן, האָב איך דיך ניט געוואָלט וועקן. אַזוי בין איך, ווי עס**

זעט אויס, אויך איינגעשלאָפן. (לאַכט). **נאָך אַ גליק וואָס מיר זיינען איינגעשלאָפן אין אונדזער אייגענעם גאָרטן, ניט אין קיין פרעמדן . . .**

מרים:

(גיט זיך אַ שטעל אויף). **קום אַהיים, מאַמע. קום!** (אומגעדול־דיק). **דער טאַטע . . .**

רחל:

(שטעלט זיך אויף). **וואָס דער טאַטע?**

מרים:

ווי זעט אויס דער טאַטע? איך וויל זען דעם טאַטן.

רחל:

קענן וואָס פרעגסטו, מיין קינד? . . .

מרים:

(אומרואיק). **גאָרנישט. גאָרנישט, מאַמע. קום אַריין אין הויז. איך וויל זיין צוזאַמען מיט דיר, מיטן טאַטן, מיט דוד'ן, מיט . . .**

רחל:

(בלייבט שטיין פאַרוואונדערט. קוקט אויף דער טאָכטער). **אוי, קינד מיינס, זאָלסט נאָר וויסן וואָס דיינע ווערטער מיינען פאַר טאַטע־מאַמע . . .** (זיפצט). **אוי, גאָטעניו . .**

מרים:

(נעמט די מוטער אונטערן אָרעם און הייבט אָן גיין מיט איר. רעדט נאָך אַלץ פון שלאָף, צו זיך אַליין). **אפשר שפּעטער, אַמאָל וועלן מיר האָבן מער שכל און בעסער פאַרשטיין.**

רחל:

(שטעלט זיך אָפּ). **וועגן וואָס רעדסטו, איך פאַרשטיי דיך ניט . . .**

מרים:

דוד איז גערעכט. ער איז אַ קלוגער ייד. ער פאַרשטייט. מיסטער ערלעך איז טאַקע ערלעך. אים פּאַסט דער נאָמען.

רחל:

(קוקט דער טאָכטער אין פּנים אַריין פאַרוואונדערט). **וואָס מיס־טער ערלעך?!** (לייגט צו די ליפּן צו דער טאָכטערס שטערן, זען צי זי האָט היץ).

מרים:

(שמייכלט דער מוטער נאַיוו אין פּנים אַריין). איך האָב ניט קיין היץ, מאַמע. איך מיין מיסטער צבי ערלעך. דער לעקטאָר. ער איז איידל, קלוג און איבערגעגעבן. די הויפּט זאַך, ער איז אַן איי־געגנער. דו פאַרשטייסט, מאַמע? — אַן אייגענער!

רחל:

(גיט איר אַ קוש אין קאָפּ אַריין). ווען איך וואָלט דיך ניט פאַר־שטאַנען, וואָלט איך דיין מאַמע ניט געווען. (מיט טרערן אין די אויגן). אַ מאַמע פילט, אַ מאַמע פאַרשטייט איר קינד.

קרעמער:

(מיטאַמאָל ווערט ליכטיק אין די פענסטער פון הויז. עס גיבן אַ קום אַרויס פון הויז קרעמער, ערלעך און דוד. ווי נאָר ער האָט זיי דערזען). וואו זייט איר געווען? מיר האָבן שוין ניט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן! אין אַלע מואוויס זיינען מיר געווען. אין דער לייַ־ברערי און וואו זיינען מיר שוין ניט געווען? (דערנעענטערט זיך צו זיי). וואו איז מען דאָס געווען, די מאַמע מיט דער טאָכטער? אפשר מעג איך אויך וויסן? . . .

רחל:

(האַלט מרים לעבן זיך). אויב דו ווילסט זיך קאָכן, וואָלט געווען גוט, אַז דו זאָלסט עס איבערלאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל.

מרים:

(פאַלט אַריין אין די רייד). עס שאַדט ניט, מאַמע. לאָז דעם טאַטן ריידן. אַ טאַטע מעג. (אַלע זיינען פאַרוואונדערט פון איר פּלוד־צימדיקן אויסדרוק. זי גייט צום טאַטן און נעמט אים אַרום מיט פרייד)...

קרעמער:

(צו ערלעכן. מיט פרייד און טרערן אין האַלדז). נו, זאָגט איר שוין אַליין, האָט איר באַגעגנט אין אַמעריקע אַזאַ קינד? . . . (גיט אַ וויש מיטן פינגער אַ טרער פון אויג). נו . . . האאאן? . . .

ערלעך:

(קומט אַרונטער אין גאָרטן, מיט פרייד). ניין, מיסטער קרעמער. אַ יידיש קינד מיט אַ יידיש האַרץ ווערט ניט פאַרלוירן. אומזיסט געווען אייער שרעק.

רחל:

מיר האָבן גאָרנישט באַמערקט, ווי מיר זיינען דאָ ביידע איינ־געשלאָפן . . . (שמייכלט).

דוד:

(צעלאַכט זיך). מיינע ווערטער. (צו קרעמערן). **איך האָב דיר געזאָגט, אַז זיי מוזן ערגעץ זיין אין גאָרטן. האָסט מיך ניט געוואָלט פאָלגן.** (צו ערלעכן). **דאָס איז ווען מע פאָלגט ניט אַן עלטערן.** (צו קרעמערן). **ביסט אומעטום געלאָפן, נאָר ניט בא זיך אין גאָרטן.**

מרים:

מיסטער ערלעך, איך וואָלט געוואָלט מיט אייך עפּעס ריידן.

ערלעך:

(גייט איר אַנטקעגן מיט פרייד). **איך האָב זיך אויך געקליבן צו ריידן מיט אייך.**

מרים:

(בלייבט שטיין אַנטקעגן אים. אַ פאַרוואונדערטע, מיט אַ שמייכל). **מיט מיר, וועגן וואָס?**

ערלעך:

(מיט אַ ליבן שמייכל). **איך האָב אייך געוואָלט בעטן, אַז איר זאָלט שפּילן פאַר מיר די יידישע מוזיק.**

מרים:

(מיט פרייד). **מע האָט אייך צוגעשיקט די מוזיק? ספּעציעל פאַר מיר?...**

ערלעך:

אַזויפיל, אַז איר וועט האָבן גענוג אויף...

מרים:

(הייבט אָן גיין. ערלעך גייט איר נאָך). **איר האָט געהאַלטן וואָרט, מיסטער ערלעך.** (גיט זיך אַ דריי אויס צו אים). **און איר ווילט טאַקע הערן ווי איך שפּיל יידישע מוזיק?**

ערלעך:

מיין גאַנץ לעבן.

מרים:

(גייט ווייטער). **איך קען אַמאָל אָפּזיצן בא דער פּיאַנע אַ פינף, זעקס שעה אויף אַמאָל.**

ערלעך:

און איך וועל קיינמאָל ניט מיד ווערן צו הערן אייער שפּילן.

אדרבה, איך וועל זיין דער גליקלעכסטער מענטש, אויב איר וועט נאָר צושטימען. (אָפּ פון דער בינע).

קרעמער:

(צו רחלען און דודן מיט פרייד און פאַרוואונדערונג). **וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? רחל, קנייפּ מיך, לאָמיך פילן צי לעב איך. צי איז עס גאָר אַ חלום. רחל! . . .**

רחל:

(ווישט די אויגן). **דו זעסט דאָך, געלויבט צו גאָט.**

דוד:

(קראַצט זיך אין קאָפּ). **דאַכט זיך, אַז דאָס ציגעלע האָט גאָרנישט געבלאָנדזשעט. עס איז געווען מיט דער מאַמען, בא דעם טאַטן אין גאָרטן.** (שמייכלט).

קרעמער:

(כאַפּט רחל׳ען און קושט זי). **רחל, גאַטעניו, איך גיי שרייען אין די גאַסן!** (הייבט אָן טאַנצן. ער גיט אַ כאַפּ רחלען און הייבט זיך אָן דרייען מיט איר. זינגט).

רחל:

(באַפרייט זיך פון אים מיט שפּאַס). **הער שוין אויף, משוגענער...**

מיסטער שנייד און מיסטער שאַרף קומען אַריינצולויפן פאַרסאַפּעטע. מיסטער שאַרף גיט אַ לויף צו, ווישנדיק דאָס פּנים. ער קען קוים כאַפּן דעם אָטעם.

מר. שאַרף:

נו, וואָס הערט זיך?

דוד:

(ווייזט אויף מרים און ערלעכן וואָס קומען אַריין און בלייבן שטיין ווי פאַרליבטע אין אַ זייט און סודען זיך, מיט שמייכלענדיקע פּנימער). **ס׳האָט זיך אָפּגעזוכט דער שאָדן.**

מר. שאַרף:

(ווישט זיך נאָך אַלץ דאָס פּנים). **איך בין אויסגעווען די גאַנצע שטאָט. איך האָב אויפגעוועקט אַלע מעמבערס פון דער סאָסייעטי. איך האָב שוין געוואָלט רופן פּאָליצײ. דאָס האָב איך געטאָן, נאָר פאַר אייך, מיסטער קרעמער. פאַר אַן אַנדערן וואָלט איך דאָס נישט געטאָן, אפילו פאַר טויזנט טאָלער.**

קרעמער:

(מיט פרייד). **די מוטער מיט דער טאָכטער זיינען דאָ געזעסן און געחלומט**

דוד:

(גיט זיך כאַפּ). **וואָס האָסטו געזאָגט, קלמן, געחלומט? . . .** (גייט אָפּ אין אַ זייט).

מר. שנייד:

די גאַנצע סאָסייעטי וועט דאָ באַלד זיין. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט דאָ צו טרעפן.

רחל:

(צום מאַן). **מע וואָלט געדאַרפט פאַרבעטן די מענטשן אויף אַ גלאָז טיי, צי . . .**

קרעמער:

(ווייזנדיק אויף מרים מיט ערלעכן, וואָס האָבן זיך פונקט אין דער מינוט צעלאַכט). **מירן טרינקען שטאַרקע טיי, רחל! עס זאָל ווערן פריילעך אויפן האַרצן. מירן טרינקען און הוליען.** (ער שרייט הויך אַריין אין הויז אַריין). **מייטע! מייטע, גרייט צום טיש!**

רחל:

שרייט ניט אַזוי, מענטשן שלאָפן דאָך!

קרעמער:

(שרייט העכער). **זאָלן זיי שלאָפן. באַ מיר איז ערשט טאָג גע־וואָרן! מייטע, וואו ביסטו, מייטע!** (צו רחלען). **איך הייב ערשט אָן צו לעבן!** (לאַכט און שרייט מיט פרייד און טרערן). **איי ווענלן מיר אַ לעב טאָן!** (ווישט די אויגן).

מייטע:

(קומט אַרויס מיט אַ שטשירקע און אַ טעלער אין די הענט. זי האַלט אין ווישן דעם טעלער. זי איז פאַרשוויצט און בייז). **וואָס שרייסטו אַזוי, איך בין דיר ניט קיין דינסט, וואָס דו שרייסט אויף מיר. זע נאָר, ווי דער קאָזין מיינער האָט זיך צעשריען.**

קרעמער:

(גיט אַ כאַפּ דעם טעלער פון מייטעס הענט, אַז מייטע דערשרעקט זיך אַזש. ער גיט אַ וואָרף דעם טעלער אויף דער ערד. דער טעלער

צעברעכט זיך). **מזל טוב, רחל! מזל טוב!** (ער רופט אַלעמען מיט פרייד). **קומט אַריין, וועלן מיר מאַכן אַ לחיים!**

מרים:

(ביידע קומען צו נעענטער. גייענדיק זאָגט זי צו ערלעכן, ווייזנ־דיק אויפן פאָטער). **איז ניט מיין פאָטער אַ גאָלדענער מענטש?**

ערלעך:

ער איז אַ כאַראַקטעריסטישער, יידישער פאָלקס מענטש.

קרעמער:

(גייט זיי אַנטקעגן). **קומט אַריין, וועלן מיר מאַכן אַ לחיים.** (מיט אַ שמייכל). **איר וועט נאָך האָבן „פּלענטי" צייט צו ריידן! . . .**

מייטע גייט שנעל אַריין אין הויז. עס ווערט ליכטיק אין אַלע פענצטער. דוד קומט צוריק און זינגט דאָס ליד „אַ חלום".

דוד:

אַ חלום, אַ חלום, ס'איז נאָר געווען אַ חלום,
אַ חלום, צווישן טאָג און נאַכט.
אַ חלום, צווישן טאָג און נאַכט.
זי וועט קענען דערציילן,
אירע קינדער אין פריידן,
אַז דער חלום האָט אַ שידוך געמאַכט.
זי וועט קענען דערציילן,
אירע קינדער אין פריידן,
אַז דער חלום האָט אַ שידוך געמאַכט.

איינציקווייז ווערן אַלע אַריינגעצויגן אין געזאַנג. פריער קרעמער, נאָכדעם רחל, שנייד, שאַרף. עס פאַרמירט זיך אַ קאַדריל טאַנץ, זיי זינגען און טאַנצן. ערלעך און מרים שטייען אין מיטן דעם רעדל. מייטע גיט אַ קום אַרויס, גיט זי זיך אַ שטופּ אין מיטן.

בא דעם צווייטן איבערזינג, נעמען מרים און ערלעך דוד'ן אַריין אין מיטן. זיי לייגן אַרויף די הענט אויף זיינע אַקסלען און זינגען מיט אים מיט, דעם צווייטן איבערזינג. אַזוי גייענדיק מיט פרייד און געזאַנג, דערנעענטערן זיי זיך צו דער טיר. אין דעם מאָמענט, הערט מען פון אַ וויטן שכן אַ געשריי: „שטיל זאָל דאָרט זיין, איר !! . . . . . . אַלע בלייבן שטיין מיטאַמאָל פאַרציטערט . . .

פאָרהאַנג פאַלט.

ס ו ף .

פאַריידישטע ענגלישע ווערטער וואָס געפינען זיך אין „מרים׳ס חלום״

אַניס־טו־גאַד — איך שווער ביי גאָט.

איט טעיקס טו טו מעיק אַ באַרגיין — עס דאַרפן זיין צוויי צו שליסן אַ געשעפט.

ווילקאָם טו אוער ניו האָם — איר זייט ווילקאָמען אין אונדזער נייע היים.

קעש, מאָני פאר עווריטינג — באַרעס געלט פאַר אַלצדינג.

מיינד יור אָון ביזנעס — זאָל דיר דער קאָפּ ניט דאַרן, פאַר יענעמס געשעפטן.

פייטן מיט עווריטינג — קעמפן מיט אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג.

אָרענדזש גראָוו — פּאָמעראַנצן־גאָרטן.
אָווערהאָלס — אַרבעטס קליידער.
באַרגיין — אַ מציאה.
גוד איווינינג — אַ גוטן אָוונט.
גוד עפטערנון — אַ גוטן טאָג. (נאָכמיטאָג).
גאַראַדזש — קאַמער פאַרן אויטאָ.
געפיקסט — פּאָפּראַוועט, אָפּגעטאָן.
דאַרלינג — מיין ליבער. (ליאַלקע).
דיימענטס — דימענטן.
דזשעלאָס — אייפערזיכטיק.
דישעס — געשיר.
דאָניישאָן — בייטראַג.
טיטשער — לערער.
טוירקי — אינדיק.
טשיקנס — הינער.

טרייעט — פּרובירט.
טשערמאַן — פאָרזיצער.
טשענס — געלעגנהייט.
טשייסער — פאַרטרייבער. פון שלעכטן ריח.
יו אַר קרעיזי — ביסט משוגע.
יעס סער — יאָ, מיין האַר.
לעקטשורער — לעקטאָר.
לאָיער — אַדוואָקאַט.
מעמבערס — מיטגלידער.
מאָרטגיידזש — משכון.
מענערס — מאַנירן.
נעקסט טיים — קומענדיקן מאָל.
נאָטיץ — מודעה.
סאָם פּאַרטי — שוין איינמאָל אַ שמחה.
סטאָר — קראָם.
סטייקס — געבראָטן פלייש.
סטיישאָן — סטאַנציע.

סינק — וואַסער באַסיין.
סטאַפּעט! — הער אויף!
סאָסייעטי — פּאַריין.
סטרייט — גלייך.
ענדזשאָיעט — אַמוזירט.
עקסקיוז מי — אַנטשולדיקט
מיר.
פּלענטי — גענוג.
פּליז — ביטע.

קאָלעדזש — אוניווערזיטעט.
קיטשן — קיך.
קריסטמעס בוים — יאָלקע.
קרעקערי סטאָר — געשיר־
געשעפט.
רעפיוזן — אָפּזאָגן זיך.
רום — צימער.
שור — זיכער.